STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08273

FAR FREYD UN FRIDN

Sem Liptsin

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סעם ליפּצין

פאַר פרייד און פרידן

פאַרלאַג „אַמכאָ"

ניו־יאָרק • 1953

ביכער דערשינען פון סעם ליפּצין (אָנקל סעם):

גוט מאָרגן
אַ פריילעכס
קאַמפסלוסטיג
קריג און זיג
לאָמיר זינגען
ניט געדאַיגעט
אַ גוט־יאָנטעוו
הערט אַ מעשה
רויטע פּעפּערעלך
פאַר רויטע אָונטן

לעבעדיג און לוסטיג
צע־לאַכ־עס די טרערן
מיט געזאַנג אין קאַמף
געקעמפט און געלאַכט
אויף לייטיש געלעכטער
איך לאַך פון דער וועלט
קוועקזילבער׳ס פּענשטיפּערייען
„אין ספּאַיט אָוו טיערס״ (ענגליש
שפּיל — צום ציל
אַמאָל איז געווען...

פאַר פרייד און פרידן

FOR PEACE AND JOY
(FAR FRAID UN FRIDN)

Copyright 1953, by
SAM LIPTZIN
New York, N. Y.

●

גרייט צום דרוק:

1) „נעכטיגע טעג״ (קינדער מעשה׳לעך, פאַר קליין און גרויס)
2) „אויף וואַקאַציע״ (דערציילונגען פון די „בערג״)

פּראָמפּט פּרעס, 113 — 4טע עוועניו, ניו־יאָרק 3, נ. י.

PRINTED IN THE U.S.A.

פּראָפעסיאָנאַלע שוישפּילער, וועלכע ווילן זיך באַנוצן מיטן מאַטעריאַל פונעם בוך „פאַר פרייד און פרידן״, דאַרפן זיך ווענדן צום מחבר פאַר אַ דערלויבעניש:

SAM LIPTZIN — 2812 Bronx Park East, Bronx 67, N. Y.

אינהאַלט:

רעציטאַציעס, משלים, סאַטירישע און הומאָריסטישע פּערזן

זייט

די פּען — ווי די נאָדל . . . — — — 7
איך בין ניט קיין „פרעמדער״! — 8
כינע — אויף וועלט־בינע — — 12
מלחמה שפּיִז . . . — — — — — 14
דער קאָפּ — לאָזט ניט אָפּ! — 15
קלמן מרמר — — — — — — — 16
פאַר אַ ליכטיגן מאָרגן! — — — — 17
מאַי — מיינט פריי! — — — — — 17
די נעגער געשיכטע — — — — — 18
אַ בלאַט געשיכטע — — — — — 19
נאַיעגרא פאָלס — — — — — — 19
דער זייגער האָט געשלאָגן 30 — 20
די צייטן — בייטן . . . — — — 20
אין ליכט פון טאָג — — — — — 21
שלום זאָל זיין! — — — — — — 22
רעדן טויטע . . . — — — — — 22
די מאַמע לעבט! . . . — — — 23
הויב אויף דיין שטימע! — — — 24
מערדער — לא תרצח! — — — 24
די ערד דרייט זיך! . . . — — — 25
עס לעבט זיין ליד! — — — — — 26
פאַר אַלע מאַמעס! — — — — 27
לחיים פרידן! — — — — — — — 28
אַ מאַמע וויינט . . . — — — — 29
עס שטייגט! — — — — — — — 29
פאַר פריינטשאַפט און פרידן! — 30
שריי צו גאָט . . . — — — — 30
איך זוך אַרבעט! — — — — — — 31

זייט

זיי געגריסט, 1טער מאַי! — — 32
האָך און וויי — „לעיבאָר דעי״ — 32
דאָס בוך און די שווערד — — — 33
באַרג און טאָל — — — — — — — 34
אַ שטראָף — פאַר אַ שאָף — — 35
הינער, הענער און מאַרשאַל־
פלענער — — — — — — — 36
אַ היגטישער „פרינציפּ״ אַזאַ — 37
בוך — און באַנק־בוך — — — 38
דרך־ארץ פאַר׳ן בוך — — — — 38
די פליג און דער פייער — — — 39
צוויי קעץ און אַ הונט . . . — — 40
דער געפאַלענער שניי . . . — — 40
דער שטורם־טאַנץ — — — — 41
דאָס „בינטל״ הושענות . . . — — 42
די בייגל־פאַרקויפערין — — — 42
די סטאַטוע און די פאָן — — — 43
צעבראָכענע לוחות . . . — — — 43
די בעסטע מתנה — — — — — 44
זיין סוף וועט קומען — — — — 44
אייניגקייט איז מאַכט — — — — 45
קורץ און שאַרף — — — — — 46
ברוך הבא, פרילינג איז דאָ! — 46
רעספעקט פאַר יוניאָן! — — — 47
די זון מוז שיינען! — — — — 47
אַז מ׳קלינגט . . . — — — — — 48
לא — מיט אַן אלעף . . . — — 48
מיט ליבשאַפט די טאַטעס — — 49

זייט

א נחמה — מלחמה 49
די זון איז דא! 50
א גוט יאר אייך! 50
א ברידערלעך לעבן 51
קאלט און ווארעם 51
ניט געזארגט 52
די הענדלער 52
קא׳רויב׳קע געלט 53
איבערן לאנד 53
א נייער פירוש — אחשורוש 54
זיי וועטן — און בעטן 54
שבועות׳דיק 55
ניי־יאר געבעטן 56
שלים־מזל, וואו קריכסטו? 56
פאר א גוטער חתימה 57
הארבסט 58
פון היץ גערעדט 58
דער פערטער יולי 59
ראמט אויס דעם חמץ! 60
צוזאגן און ליב האבן 60
ווער איז שולדיג? 61
א צירונג 61
א „סילינג" אויפ׳ן קאפ 62
נאך ווינטער קומט פרילינג! 62
„א גוט קוויטל" 63
עס שטייגט 63
עס לאזט ניט שלאפן 64
אין טעג פון שופר 64
„קאנאסטא" שפיל 65
וואקאציע 66

דערציילונגען, הומארעסקעס, מאנאלאגן און מעשה׳לעך

א קינד ווערט געבארן 69
אן אויפשטאנד פון מתים 73
א רעדע — פאר פייער און וואסער 76
גיי זוך יושר! 80
אן אויטאמאביל 87
מענטשן מיט תכלית 90
פארזוכט דעם טעם 95
אין א „לאנדארעט" 99
עס לוינט ניט צו שטארבן 103
די „בעיבי־סיטערס" 107
מיין שכן׳ס טעלעוויזיע 110
צוזאמען 113
מאלווינא׳ס טרייסט 116
א ניי־יאר פארטי 119
מיין וואקאציע 122
איך געדענק ניט! 124
איך זאג דען ניין? 127
דארף מען קאנען שפילן? 130
כבוד אב 133
איך הער ניט 136
דער "שעלטער" 139
אויפן הויכן בארג 141
זי ווארט נאך 144
עס געפעלט זיי דער 1טער מאי 147
גוט אפגעשניטן 150
די ריכטיגע וואקאציע 154
טאטעלעך מיינע! 156

פֿאַר פֿרייד און פֿרידן

1) רעציטאַציעס, משלים, סאַטירישע און הומאָריסטישע פֿערזן.

2) דערציילונגען, מאָנאָלאָגן, הומאָרעסקעס און מעשה׳לעך.

אַ וואָרט פון מחבר

מיט דעם בוך „פאַר פרייד און פרידן" פּרוביר איך, ווי אין מיינע פריערדיגע שאַפונגען, צו געבן מיין באַשיידענעם צושטייער צו די פאָלקס־מאַסן אין קאַמף פאַר אַ בעסער לעבן, אין קאַמף פאַר פרייהייט און גלייכהייט צו אַלע פעלקער, אין קאַמף פאַר פרידן.

און פונקט ווי אין גאַנג פון טאָג־טעגלעכן לעבן מישן זיך אויס צער און פרייד, געוויין און געלעכטער, קרעכצן און געזאַנג, אַזוי איז אויך דער וועג פון מיין שרייבן. איך פּרוביר אפילו ניט אין דעם בוך אָפּצוטיילן דאָס ערנסטע פון דעם הומאָריסטישן. איך וויל, אויף וויפיל די כוחות דינען מיר, איבער־רייסן דעם שווערן געמיט פון דעם לייענער, וועלכער פילט זיך געפּענטעט גייסטיק און פיזיש אין דעם פאַנצער, וואָס די רעאַקציע און מלחמה־מאַכער האָבן פאַרוואָרפן ארום אים.

די וועלט גייט איצט דורך אַ שווערן געראַנגל, לעבט איבער שווערע וויען ביים געבורט צו געווינען פרייהייט פאַר פעלקער.

טראָץ די שווערע וואָלקנס אונטער אַ בלייענעם הימל, דאַרפן מיר האַלטן אָפן די אויגן, ווייל די זון וועט סוף־כל־סוף ווידער שיינען!

אין קאַמף פאַר אַ שיינעם ליכטיגן מאָרגן, האָף איך, אַז מיין בוך „פאַר פרייד און פרידן" וועט אייך געבן היינט מינוטן פון רו און פרייד. דאָס וועט אויך זיין אַ פרייד פאַר מיר.

ביי דער געלעגנהייט בין איך צופרידן, וואָס איך קען דאָ אויסדריקן אַ האַרציגן דאַנק צו אַלע מיינע פריינט און לייענער איבערן לאַנד, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט, אַז דאָס בוך זאָל דערשיינען.

מיט דאַנק און אַכטונג,

דער מחבר

סעם ליפּצין בוך-קאָמיטעט איבער'ן לאַנד:

יאַנקל אדלער	דזש. גודמאַן	א. ה. לעווינסאָן	היימאַן סילווער
מ. אָלקין	סיידי גאָלדשטיין	מארטא לענשיטץ	מאיר פערלין
ל. אלבערט	דזשעני גלאַדסטאָן	דר. ל. ט. מייזאוו	ט. מ. פראַגער
אסתר בעקער	מאַקס היטעלמאַן	ה. מאַריסאָן	דזש. קאַבלענץ
מאַקס בעקער	ל. האָפמאַן	טש. נעמאַראָוו	ה. קעסלער
ר. בודאה	ה. ווינער	דר. מאַקס סילווער	סעם ראַבינאָוו
פיליפּ גאָלדבערג	א. לעבאָוויצקי	סעם סערקין	מ. און א. ראָזען

די פען — ווי די נאָדל . . .

איך האָב פיינט די פליגל-פראַזעלעך,
ס'איז ניט קיין פעדער אין אַ הוט.
דאָס שרייבן דאַרף ווי דער פולס קלאַפּן,
געזונט, מיט רויט בלוט . . .

כ'האָב פיינט די פאַלשע ריידעלעך,
ווי איך האָס די בייזע נויט.
דאָס שרייבן דאַרף זיך לייענען —
ווי עס שניידט זיך שוואַרצער ברויט . . .

איך האָב פיינט געפּוצטע שורה'לעך,
ווי צאַצקעס אויף אַ קלייד.
דאָס וואָרט עס דאַרף אַ ציגל זיין:
פאַר פרידן, גליק און פרייד!

איך האָב פיינט צו שיסן „פייער-ווערק",
מיט אַ קאַלטן, פאַלשן פונק.
כ'וויל וואָס זאָגן — זאָג איך דאָס —
אָן אויגן-גלאַץ, אָן וואונק.

איך שרייב ניט פאַר קיין „פיינשמעקער",
מאָל ניט ווערטער גלאַט פאַר פוץ.
איך וויל עס זאָל מיין שרייבן זיין —
ווי די נאָדל — פאַר אַ נוץ . . .

האַלט איך פעסט די פען אין האַנט
ניט בלויז צוליב אַ זאָג, אַ וויץ.
ס'איז מיין געווער, און עס מוז זיין —
שאַרף אין תוך — דער שטאָך פון שפּיץ . . .

איך בין ניט קיין „פרעמדער"!

(רעציטאַציע)

אַ מתנה — פּ. יודיטשין

וואָס טיילט ער מיט'ן פינגער,
בלענדעט מיט דעם דימענט אויפ'ן האַנט.
פּאַכעט ווילד מיט די פויסטן,
מאַכט צו שאַנד אונזער לאַנד.

איך בין דאָ ניט קיין „פרעמדער",
כאָטש איך רעד מיט אַן אַקצענט.
מיין אַרבעט רעדט פאַר זיך —
דורך די מאַזאָליעס אויף די הענט.

די „הענט", וואָס בויען די פּאַלאַצן,
יעדע היים און פאַבריק.
ברענגען שפע צו די שטאַטן —
רייכטום און גליק.

די „הענט", וואָס האַקן און גראָבן
די קוילן אין דער שאַכט;
די „הענט", וואָס פּאַקן און פירן
די טראַמווייען און פראַכט.

די „הענט", וואָס שאַרן דאָס שניי,
שמעלצן דאָס גאָלד און דאָס שטאָל;
וואָס האַלטן די שערן און אייזנס,
דעם האַמער און די נאָל.

די „הענט", וואָס פירן די ביכער
און די געשעפטן אָן אַ שיעור.

די „הענט", וואָס דרייען אַלע רעדער
און פאַרשליסן טויער און טיר . . .

דאָס זיינען אַלץ „הענט" דאָ,
צו דער רעאַקציע גאַנץ פרעמד,
כאָטש אויף זיין לייב טראָגט ער
דאָס נאָענטסטע — מיין העמד . . .

ער רעדט וועגן „פרעמדן"
מיט חוצפה און פרעך:
דער „פּאָל", דער „רוס",
דער „גריך", דער „טשעך";

דער „פראַנצויז", „איטאַליענער",
דער „בעלגיער", — ווער ניט.
אויף באַרויבן אונזער פראַצע
זיינען גלייך „קריסט" און „ייד" . . .

אויך מיין ברודער, דער נעגער,
איז פרעמד פאַר זיין אויג.
ער בענקט נאָך דעם „יעס-סער",
נאָך דעם הכנעה׳דיגן נויג . . .

אָט די „פרעמדע הענט" דאָ,
שערן און שפינען דאָס וואָל,
קריכן אויף רעשטאָוואַניעס
און גראָבן דעם טאָל.

לייגן שטיינער און רעלסן,
בויען די מאַשין און די באַן;
טרייבן די שיפן אויפן וואַסער,
און אין דער לופט — דעם עראָפּלאַן.

מיר שטעלן־איין אונזער לעבן
צו באַלעבן דאָס לאַנד;
רופט ער מיך: „פרעמדער",
ווייל מיך מאַכן צו שאַנד.

איך ניי דאָ די קליידער,
איך מאַך דאָ די שיך.
מאַך רייכער די רייכע
און — וואָס האָב איך פאַר זיך?

איך האָב געבויט דאָ די וועגן,
מיט טונעלן אַ פּראַכט,
און אפילו די קייטן
האָב איך אויך געמאַכט . . .

ווייל ער נעמען די קייטן,
פאַר מיר מאַכן אַ צאַם,
צו קאָנען מער דריקן,
צוליב קאָליר אָדער שטאַם . . .

ער פוצט זיך אין פעדערן,
וואָס געהערן ניט אים,
און דעם שאַפער און בויער —
ווייל ער וואַרפן אין תהום.

אַמעריקע איז מ י י נ ס ,
כ'בין דאָ ניט פרעמד,
אַלץ איז דאָ נאָענט מיר,
ווי דאָס לייב מיטן העמד.

נאָר אויב איך דריק אוים דאָ
מיין צאָרן און האָס,
איז דאָס נאָר געגן רויבער,
וואָס באַרויבט אונזער קלאַס.

די מאַזאָליעס זיינען עדות,
ווער ס'האָט אַלץ דאָ געשמידט.
אַן הערשער קאָן מען לעבן,
אָבער אַן אַרבעטער — ניט!

ער פאָרט זיך אַרום,
לאַנד־איין און לאַנד־אויס.
מיט שאַמפּאַניער און „גיישעס"
זיינע טעג לעבט ער אויס . . .

ער פאָרט אַרום פריי,
ווי אַ פויגל אין ווינט,
און העצט געגן „פרעמדן"
זיינע געדונגענע הינט . . .

מוז דאָס פאָלק ווייסן,
אַז ניט בלויז דאָס בירגער־פּאַפּיר
גיט איינעם דאָס רעכט —
אויפן שליסל פון טיר . . .

צי געבוירן אין אויסלאַנד,
צי ערגעץ־וואו אָט־דאָ;
דערקענט מען אַ טויב — פאַר אַ טויב,
און אַ קראָ — פאַר אַ קראָ . . .

איך האָב דאָ מיין גורל פאַרבונדן,
האַרץ און לאַנד אין איין בריק.
וויל דער שונא פון מענטש,
דרייען די ראָד אויף צוריק?

דאַרף דאָס פאָלק וואַך זיין
אין די גרויסע פאַרמעסטן!
„ווער עס לאַכט צום לעצטן —
דער לאַכט צום בעסטן!" . . .

כינע — אויף דער וועלט־בינע

(רעציטאַציע)

ענדלעך האָט די וועלט געשטעלט
אויף איר בינע — די נייע כינע.

די האַנדלונג איז געשפּאַנט,
ווי עס עפנט זיך די כינעזישע וואַנט.
אַלע בלייבן שטיין פאַרגאַפט
פון דער גרויסער שפּיל,
וואָס שאַפט
נייע געשיכטע —
מיט האַרץ און מיט ציל.

אַ גאַנץ פאָלק קומט מיט חשבון און טאָלק.
נעמט דעם באַרג פון קאַרק,
און פאַר די אויגן
פון דער גאַנצער אוידיענץ —
דערלאַנגט ער זעץ, טערעבענץ!
און עס נעמען פאַלן —
„אימפּעריאַלן" . . .

די קונס, די סונגס, די טשענס און טשאַנגס,
האָבן יאָרן־לאַנג,
ווי די רייכע פאַמיליעס פיר,
געהאַט דעם שליסל צו דער טיר,
וואו אַלץ איז געווען פאַרגרייט:
פאַר זיך דעם רייז; דעם פאָלק דער טויט!

פאַר פאָדערן ברויט,
אַ היים, אַ שולע,
אַ שטיקל ערד,
האָט ער, דער „קולי",

געמוזט מיט שאַנד
פאַרלאָזן דאָס לאַנד,
גיין אין דער פרעמד,
וואַשן פרעמדע וועש, פרעסן זייער העמד,
אַרבעטן אין די קיכן;
ניט געטאָרט האָט ער פאַרזוכן
דעם טעם פון פרייהייט, פון רעכט.

איצט האָבן די פיר הונדערט
און פופציג מיליאָן —
געוויזן דער וועלט
אויך וואָס זיי קענען טאָן.

פאַרשניטן פון לאַנד
דעם שלאַנג׳ס קאָפּ און עק;
אוים מיט טשיאַנג קאַי־שעק.

אויב וואַשן און פרעסן
איז פאַר זיך אַליין אינ׳ם לאַנד!
פאַרוואַשן די פלעקן
פון רויב און פון שאַנד.
אויב שייערן טעפּ און קאָכן אין קיך —
איז פאַרן אייגענעם פאָלק,
וואָס מיינט אויך פאַר זיך . . .

דאָס פאָלק האָט איצט לשון,
אַן אייגענע צונג;
עס רעדט איצט דאָס פאָלק,
עס רעדט מאַאָ־טצע־טונג!
אַקט נאָך אַקט.
די דראַמע קלאַפּט צום טאַקט,

ווען דער פּראָזשעקטאָר וואַרפט זיינע שטראַלן,
זעט מען ווי עס פאַלן —
דורך טויער און טיר,
דער באַנקיר, דער וואַמפּיר,
און עס שטייגט דער גלויבן
דאָס לאַנד צו דערהויבן!

די דראַמע קאָסט טרערן, פּיין און בלוט.
מיר ווייסן, דער סוף וועט זיין:
בראַוואָ — גוט!

מלחמה־שפּייז . . .

עס זאָרגט פאַר אונז גאָט מאַמאָן
צו שאַפן אַ „דיעטע" . . .
וואו יונג און אַלט וועלן קאָנען
דאָס קריגן אין אַ געטאָ . . .

אַנשטאָט צוויי לויזע אייער —
צוויי בלייערנע קוילן . . .
געזאַלין אַנשטאָט קאַווע . . .
און פאַר סמעטענע — אוילן . . .

פאַר ברויט און פאַר פּוטער —
אַלע סאָרטן כלי־זיין.
און פאַר טרינקען „לחיים" —
גאַז — אַנשטאָט ווײַן . . .

גאָט מאַרס, ט'זיין משגיח . . .
מיט דער „כשר'ער פלאַמבע" . . .
אויף „פליענדיגע טעלער"
מיט דער אַטאָמישער באָמבע . . .

אין גיהנום וועט מען קאָכן,
דער טייוול וועט פאַרוויילן . . .
די מאכלים וועלן שמעקן —
פאַר טויזנטער מיילן . . .

רואיג וועט מען שלאָפן . . .
אויף קישנס — פון הורבעס . . .
מ'וועט רויכערן ליולקעס —
פון היימען אין חורבות . . .

דער קאַנאָן וועט פאַר אונז עסן.
דער קאַנאָן וועט פאַר אונז לאַכן
אויב מיר וועלן אין צייט ניט —
דעם „פּיסק" אים פאַרמאַכן! . . .

דער קאָפּ — לאָזט ניט אָפּ!

(רעציטאַציע)

איר האָט אַ קאָפּ,
צי אַ טאָפּ?
אויב אַ קאָפּ,
איז דרייט אים אָפּ!
היינט אַ קאָפּ,
האָט נאָר אַ זין,
פּאַר — „אוי, מיין קאָפּ,
אַן אַספּירין!" . . .
ווייטער לייגט ניט
מער דעם טראָפּ
אויף דעם מוח,
אויפן קאָפּ . . .
אוים מיט דענקען!
פאַרשליסט דעם מוח
און דאָס מויל —
פאַרמאַכט זיך אויך!
פאַרשליסט, פאַרשרויפט,
אויף טויזנט שלעסער,
אויב איר ווייסט נאָר
וואָס ס'איז בעסער . . .
(ווייל „שווייגן איז גאָלד" . . .)
רעאַקציע וויל ניט
קיין „לאוד-ספּיקער",
און דער באָס —
האָט פיינט אַ „קיקער".
וואָגט מען דענקען?
זאָגט מען: „סטאָפּ!"
וואָגט מען רעדן?
איז — „שאַראַפּ!"
נאָר וואָל-סטריט לאַכט
און באָס כיכיקעט,
„נאָו-מאָר" סטרייק,
און „נאָו-מאָר פּיקעט",
שטיל זאָלן זיין!
(ווי אויף אַ בית־עולם . . .)

נאָר ווער דיין מוח
נעמען קלערן,
וואָס וועט זיין
און וואָס וועט ווערן?
טאָ גיב אַ פּאַטש זיך
גלייך אין שטערן,
און עס זאָל
אין קאָפּ אַריין!
אוים מיט טראַכטן,
אוים מיט דענקען,
האָסט אַ קאָפּ —
איז נאָר אויף קרענקען . . .
ניט געדאַנקען
אָפּצושאַצן,
אין ערגסטן פאַל —
איז נאָר צום קראַצן . . .
(און דאָס אויך מיט — אַ פּערמיט . . .)

אָבער עפּעס האַלט זיך
מיר אין דאַכטן,
אַז דער קאָפּ —

וויל מער נאָך טראַכטן.
און ווען איך זאָג אים:
היט זיך, טראַכט ניט,
נעמט ער מיינע רייד
אין אַכט ניט,
נאָר פאַררייסט זיך
און נעמט פרעגן:
ווילסט פאַרשפּילן
דיין פאַרמעגן? . . .
נעמט ער שטעלן
צעטלען פראַגן
און איך קאָן אים
גאָר ניט זאָגן —

(ווייל אַ קאָפּ — איז ניט קיין טאָפּ...)

זאָגט דער קאָפּ
איין מאָל ניין!
דער זייגער וועט
צוריק ניט גיין!
זאָל קאָפּ און האַרץ,
מיט מויל און מוח,
זיין פאַראייניגט
אין איין כוח.
איינס דעם צווייטן
איבערצייגן,
אַז — נאָר טויטע
קאָנען שווייגן . . .

קלמן מרמר

(צו זיין 75סטן געבוירנטאָג)

שטיל און באַשיידן, נאָר גרויס אין געדאַנקען,
טיילט ער זיין וויסן, ווי אַ טאַטע געשאַנקען.

צוויי ליכטיקע אויגן, אַ שטערן אַ ברייטן,
זיין מוח מיט ווערק האַלט ער שטענדיק אַ גרייטן.

ווען עמיצער פרעגט: וואו שטייט וואָס געשריבן?
גלעט ער זיין שטערן, ווערן צווייפלען צעטריבן.

ער איז אַן אָפענער בוך פון טויזנטער שראַנקען,
וואו עס שפּרודלט זיין וויסן, געוויסן, געדאַנקען.

ער איז ווי די בין, וואָס טראָגט זוימען צו פלאַנצן,
עס זאָלן בליען און וואַקסן, בלומען פאַר קראַנצן.

אַזוי טראָגט ער זיין וויסן צום אַרבעטער, פאַרמער,
דער דענקער, געדענקער — דער וועג-ווייזער מרמר!

פאַר אַ ליכטיגן מאָרגן!

דער וואָס האָט די ראָד אַנטדעקט,
דער וואָס האָט דאָס שוועבעלע צעצונדן,
האָט פאַר אונז די וועלט אַנטפּלעקט,
ליכט און וויסן צונויפגעבונדן.

אין פינצטערע נעכט האָט גאלילײ געשוועבט,
עדיסאָן האָט געזוכט ליכט צו דערגרייכן,
אין טיפעניש פון פאָלק האָט גאָרקי געלעבט
און האָט מיט זיין שאַפן דערגרייכט העכסטע הויכן.

די שענסטע גייסטער האָבן דורך טורמע־ווענט
מיליאָנען שקלאַפן אין קאַמף־גייסט דערצויגן,
געוויזן דעם מענטשן דאָס פאַרמעגן פון „הענט",
גערופן צו לעבן מיט אָפענע אויגן.

מוז יעדער מענטש וואָס געבן צושטייער,
זען פאַר די קינדער אַ צוקונפט פאַרזאָרגן,
און ווי דער פרייז זאָל ניט זיין טייער,
איז גאָרניט צו שאַצן אַ ליכטיגן מאָרגן! . . .

מאַי — מיינט פריי!

מעג זיין שטורעם, ווינט און רעגן,
נאָר פאַר אונז די גאַס שיינט פריי,
הייסער אָטעם פלאַסטערט וועגן,
וואו מען יום־טוב׳ט ערשטן מאַי.

ערשטער מאַי, פאָראויס דער ערשטער,
צעשטראַלט אין בלומען פריידיג שיין.
עס גייט דער שניידער, שוסטער בערשטער,
קאָלאָנען האַלטן אין איין גיין.

שטורעם קאָן שוין ניט צעשטויבן,
זאָגט דער ערשטער מאַי אונז אָן,
אייניקייט — איז אונזער גלויבן,
און אונזער שירעם — פרייהייט־פאָן!

די נעגער־געשיכטע

ניט אין אַ ליד און ניט אין אַ בוך,
קען די נעגער־געשיכטע אַרויסגעבראַכט ווערן,
אַ לאַנגע געשיכטע, פון הערשער און שקלאַפן,
און וואָס ס'איז פאַרצייכנט, איז מיט בלוט און מיט טרערן.

ס'איז גענוג אויפצומישן די לינקאָלן בלעטער,
די העלדישע קאַמפן פון שקלאַפן באַפרייער,
און טראַכטן שקלאַפעריי, ווי ס'האָט דער נעגער באַוויזן,
צו געבן דעם לאַנד דאָ — אַזוי פיל צושטייער.

וואַקסט די נעגער־געשיכטע ביי אונז אין די שטאַטן,
וואו מיליאָנען נעגער ליידן און שמאַכטן,
ווען וואָל־סטריט רעדט פון „וועלט־דעמאָקראַטיע"
טאָר פּאָל ראָבסאָן, דער נעגער, זיין מויל ניט אויפמאַכן . . .

איז וואָס מיינט אַ בוך ? ס'דאַרף שטענדיג און אייביג
די נעגער־געשיכטע ווייזן דעם צייכן פון קין —
ווי נעגער און ווייסער האָבן געקעמפט דאָ צוזאַמען
געגן הערשער און רויבער — די וועלט צו באַפרייען.

און אַזוי לאַנג ווי אין וואַלד וועלן בוימער דאָ וואַקסן,
וועלן זיי דערמאָנען פון „לינטשער" און תליות אַ צייכן,
וויפל געהאַנגענע נעגער ס'איז אין דער געשיכטע פאַרשריבן —
אין קאַמף פאַר גלייכהייט און פרייהייט, דאָס ציל צו דערגרייכן.

אַ בלאַט געשיכטע

(צום יאָר־טאָג פון אויפשטאַנד אין דער וואַרשעווער געטאָ)

עס האָט היטלער, ווי פּרעה,
געוואָלט די אידן פאַרקנעכטן,
די אַלטע — פאַרברענען,
די יונגוואַרג — צעשעכטן.

געבראַכט זיי אין געטאָס,
פאַרשטעלט זיי מיט צאַמען;
דער פּלאַן איז געווען
די אידן פאַר׳דמ׳ען . . .

האָט דער פּרעה פאַרגרייט זיך
מיט ביקסן און שפּיזן,
נאָר — פּלוצלינג עס האָט זיך
אַ וואונדער באַוויזן.

אַן אויפשטאַנד פון „מתים",
אין געטאָ פון וואַרשע,
ס׳האָבן די אידן געלערנט
מיט זיי בלק אַ פּרשה . . .

ס׳איז געווען פייער פּאַר פייער,
פון געוועזער „אומגעריכטע";
אַזוי האָבן קעמפער פאַרצייכנט
אַ בלאַט פאַר געשיכטע.

זאָל די געשיכטע דערציילן,
פון אַ לעבן אין פּאַניק,
אין בוכענוואַלד, אשווענטשים,
טרעבלענקא, מאַדאַניק.

עס זאָלן די נאַצים פאַר דורות,
זיך ניט קאָנען אויסקויפן,
ריינוואַשן זייערע הענט —
פון יודען־ביין־זייפן . . .

— — — — — — — — —

די זעקס מיליאָן קדושים —
פון קינדער ביז זיידעס,
רופן צום משפט —
זיי זיינען די עדות! . . .

נאַיעגרא פאָלס

עס טראָגן זיך שטראָמען
מיט אַטאָמישן כוח,
ווי דער ערלעכער רוף —
צו דעם אַרבעטערס מוח.

און טראָפּנס ווי מענטשן,
זיינען שטאַרק — ווען צוזאַמען.

אַ טראָפּן — איז אַ טראָפּן,
צוזאַמען — ווערט ים׳ען . . .

איך קוק אויף די כוואַליעס,
ווי מיט שטורעם זיי גייען,
און טראַכט פון מיין קלאַס,
אין געשלאָסענע רייען!

דער זייגער האָט געשלאָגן דרייסיג . . .

(צום 30סטן יובילײ פון דער „מאָרגן־פרייהייט״, 1952)

עס האָט אונזער זייגער אויסגעשלאָגן איצט דרייסיג,
ווייזט פּינקטלעך די צייט, צום פאָלק אַלע טאָג.
ווי שווער עס זאָל ניט זיין — אַרבעט ער פליסיג
און טראָגט מיט אחריות די גאָר שווערע וואָג . . .

אַ היטער פון פרייהייט, איז יעדער טעגלעכער קאָלום,
אַ וועקער צו זון־ליכט, עס איז יעדעס וואָרט;
געלאַכט האָבן שונאים, ס׳איז ניט מער ווי אַ חלום —
צו האָבן פאַר „פרייהייט״ אַ באַגער און אַן אָרט.

דאָך, ווי מיט ראַדיום באַלויכטן, עס ווייזט אונז דער ווייזער,
אין פינצטערע נעכט, קלאַפּט ער אויס אונז די צייט.
ברענגט קלאָרקייט אין שעפער, אין מאַרקעטס און הייזער,
ווי אַ ליד שמידט ער אויס — יעדן אות מיט באַדייט.

זאָל געשטאַרקט און געבענטשט זיין, פאַר אונז אָט דער זייגער,
וואָס איז שטענדיג אויף וואַך מיטן טיק־טאַק, טאַק־טיק,
ער ווייזט אונז אַ לעבן אויף אַ גאַנץ נייעם שטייגער,
אַ לעבן פון פרייהייט, אין פרידן און גליק!

די צייטן — בייטן . . .

עס פאַלן בלעטער,
עס פאַלן „געטער״,
און עס בייט זיך
אויך דער וועטער.

מיט דער צייט
מוז אַלץ זיך בייטן,
אפילו אויך —
די נייע צייטן . . .

אין ליכט פון טאָג

(צו דעם אַנטי־אימיגראַציע געזעץ אָנגענומען אין 1952)

אין טרויער פאַרוויקלט שטייט די סטאַטוע פון פרייהייט
קוקט ווי אַ שאָטן אויף אַ טונקעלער וואַנט.
דאָס ליכט צו באַלויכטן איז געוואָרן פאַרלאָשן,
ווי אַ טרוקענער דאָרן שאָטנט דער פאַקל אין האַנט.

אַמאָל פלעגט ער שיינען, לייכטן און שטראַלן,
באַגריסן מיט פרייד, מיט אַ ליבשאַפט־געפיל.
גערופן פאַר שלום און רו צו די „פרעמדע",
באַשיצט זיי ווי קינדער פון שונא'ס ציל.

איצט שטייט די סטאַטוע, ווי אַ בעטלערין, אויף אַ ראָג,
מיט אַ זאַק אויף דער פלייצע, אין צעריסענע שיך.
די אויגן פאַרטרויערט, דעם רוקן געבויגן —
ווי אַ טויט קינד אין איר אָרעם — דריקט זי פאַקל צו זיך.

עס האָט אַ היינטיגער המן פאַרפינצטערט איר לעבן.
אַ ווילדער טייוול, ניט פאַר מענטשן געדאַכט,
פאַרלאָשן דעם פאַקל און מיט שמוץ זי באַוואָרפן,
פאַרוואַנדלט איר לעבן אין חושך פון נאַכט.

אַ פינצטערער מורא האָט ער אויף איר אָנגעוואָרפן,
איר פרייהייט און פרייד האָט ער פאַרוואַנדלט אין קלאָג.
נאָר דאָס רעדל עס דרייט זיך, עס רוקט זיך דער ווייזער —
דער פאַקל וועט לויכטן אין ליכט פון דעם טאָג! . . .

שלום זאָל זיין!

אין אָנדענק פון **הערעלד ווייס** (סאָני), געפאַלן אין שלאַכט
אין דער צווייטער וועלט־מלחמה

מיר געדענקען די העלדן,
וואָס זיינען געפאַלן, —
קינדער פון מאַמעס
מיט אויגן ווי שטראַלן.

געגאַנגען אין שלאַכטן,
ווען דאָס לאַנד האָט פאַרלאַנגט,
כאָטש די הערשער זיי האָבן
גאָר מיאוס „באַדאַנקט" . .

ניט געווען איז קיין פראַגן
פאַרוואָס און פאַר ווען.

געשיקט קינדער אין פייער,
אָפט קיין ציל ניט געזען.

צעקושט מיטן קינד זיך,
די טרערן פאַרשטיקט.
מיט די אייגענע הענט —
דאָס קינד אין פייער געשיקט.

מוז מען איצט וואַך זיין,
שטיין ווי אַ מאַמע ביים וויג.
דאָס קינד צו באַשיצן —
באַשיצט זיך פון קריג!

רעדן טויטע . . .

(צו דער געלעגנהייט פון „מעמאָריאַל דעי")

אין די קברים ליגן קינדער,
צוגעדעקט מיט ערד און שטיין.
קומט אַ מאַמע טרייסט געפינען,
דורך אויסגיסן איר געוויין.

רעדן פון די קברים טויטע,
און זיי רעדן האַרבע רייד:
ווער עס זעט ניט מאַמעס טרערן,
זאָל ניט זען קיין ליכט און פרייד.

ביי די קברים וואַקסן ביימער,
פול מיט לעבן, גרינס און צווייט.
ווער עס פירט אַ קאַמף פאַר פרידן,
זאָל פון קריג שוין זיין באַהיט.

די וואָס אַרבעטן פאַר שלום
זאָל זיי ליב זיין יעדע שעה,
און די צינדער פון מלחמה
זאָל באַוויינען שווארצע קראָ . . .

די מאַמע לעבט!...

(אין אָנדענק פון „מוטער בלור")

נײַן, ניט מעגלעך, אַז אירע אויגן זאָלן האָבן זיך פאַרמאַכט,
די אויגן וואָס האָבן געמאַכט ליכטיק וואו ס'איז נאַכט.

מוטער בלור וועט שטענדיק לעבן, און ניט בלויז פאַר'ן הויז-געזינד,
מיליאָנען מאַינערס, שניידער, וועבער,—יעדער איינער איז איר קינד.

זי האָט אויסגעכאַוועט אין איר האַרצן, מיליאָנען מאַמעס מיט אַ ציל,
אויסגעקעמפט דאָס רעכט פאַר פרויען, צו זיין אַ טייל פון לעבנס-מיל.

בלור — אַ מאַמע צו מיליאָנען שקלאַפן, וואָס האָט דערהערט זייער
אוי און וויי,
אַרויסגעפירט זיי פון דעם סוועט-שאָפּ און צעשטעלט אין פיקעט-ריי.

וואו אַ מענטש עס האָט באַקלאָגט זיך, ס'איז אים ביטער, ס'איז אים
שלעכט,
איז די מאַמע גלייך געקומען, געהאָלפן קעמפן פאַר זיין רעכט.

אויף דער וואָך ניין-צענדליג יאָר, געניאַנטשעט קינדער גאָר אַ סך.
דערפאַר האָט מען „מאַמע" זי גערופן אין יעדער יוניאָן, אין יעדער פאַך.

זי האָט דערהויבן פון גרוב דעם מאַינער, באַפרייט פון קייטן דעם
אייזן-שמיד,
און מיט ליבע זיי געזונגען, פון נייע צייטן אַ נייע ליד.

אייביק לעבן וועט דער נאָמען און וועט לויכטן פון דור צו דור,
ווי „מוטער ערד" שפייזט מענטשן פיזיש, וועט גייסטיג שפייזן
„מוטער בלור"!

הויב־אויף דיין שטימע!

מ'וויל די פאָלקס־שטימע פאַרשטומען.
בלויז וואָראָנע זאָל מעגן קראַקען . . .
נאַכטיגאַל עס טאָר ניט זינגען . . .
נאָר זשאַבע זאָל אין בלאָטע קוואַקען . . .

קראַמפּט אין ווייען זיך די נאָטע,
און זי האַלט זיך אין איין דרייען:
מענטש, וואו איז דיין אויג און אויער?
זע, וואָס טוט זיך, נעם און לייען.

שריי אוים דיין ווייטאָק אין די גאַסן,
דיין פּראָטעסט דורך שטימע־קלאַנגען,
זאָל דיין קאַמף־לוסט זיך דערהערן
דורך רופן, וועקן, דורך געזאַנגען.

אין פאַבריק, אין גאַס און זאַל,
שאָל אָרוים דיין שטים מיט צאָרן
זאָל די גרויסע וועלט דערהערן
אַ שלום־ליד — דורך אַלע כאָרן! . . .

מערדער — לא תרצח!

פאַרזאָרגט גייען מענטשן
אויף די גאַסן, דערשיטערט,
די אויגן מיט פראַגן,
און מיט צאָרן פאַרביטערט.

וואָס ווילן די מערדער,
וואָס זיי יאָגן געשווינדער,
פאַרדריסט זיי, וואָס מיר האָבן
נאָך וואו יונגע קינדער?

ס'איז אמת, פון מלחמה
שטאָפּט „וואָל סטריט" אין זעקל.
נאָר אויף די פּלייצעס פון פאָלק
ווערט אַלץ שווערער דאָס פּעקל...

קוקן בליקן פאַרצווייפלט,
און פרעגן: וואָס הערט זיך?
נאָר דער ענטפער מוז קלאָר זיין:
מערדער — לא תרצח! . . .

די ערד דרייט זיך!...

הונדערט, טויזנט קאָן מען שמידן,
הונדערט, טויזנט אויך פאַרזעצן,
נאָר דאָס רעכט אויף גליק און פרייהייט —
דאָס קאָן קיינער ניט פאַרלעצן.

ווען דער שונא איז פאַר׳שיכור׳ט,
און צעהוליעט זיך און פרייט זיך —
געדענקט דאָס וואָרט פון גאליליי׳ען:
„אָבער דאָך די ערד זי דרייט זיך״!

שוין ניט איינמאָל האָט רעאַקציע
געזוכט אידייען צו צעשטויבן,
נאָר ווי אויל אויפ׳ן וואַסער,
בלייבט די אידייע גאָר פון הויבן.

מ׳קאָן כאַפּן איינעם און אים שמידן,
מ׳קאָן אויך טויזנט מענטשן שרעקן,
נאָר עס בלייבט נאָך אַלץ אַן אמת,
אַז אַ שטעקן האָט צוויי עקן.

ווען בראַוונע קעמפער טראָגן קייטן,
הערט מען קלינגען, הערט מען קלאַפּן.
וואו אַ מענטש עס שלאָפט און חלומ׳ט,
וועט ער מוזן זיך אויפכאַפּן.

מ׳קען אין תפיסה אַ וועלט ניט פאַרזעצן,
מ׳קען ניט מיט ביקס אַ קלאַס באַוואַכן.
ס׳איז אַמכאַ דער, וואָס קאָן אַלץ שאַפן,
דער הערשער אַליין — קען גאָר ניט מאַכן! ...

עס לעבט זיין ליד!

איך גיב אַריין אין בוך דאָס ליד אין אָנדענק פון יעקב שייפּערין צו זיין 15־טן יאָר־טאָג. געדרוקט געוואָרן איז דאָס ליד אין דער „מאָרגן־פרייהייט", גלייך נאָך שייפּערס טויט, דעם 1־טן דעצעמבער, 1936.

וואָס שטייט איר, סאַפּראַנאָס, ווי שטומע?
אַלטן, וואו איז אייער קול?
עפנט די מיילער, טענאָרן,
איר זייט דאָך אַזוי פיל אין צאָל!

מורמלען באַריטאָנען מיט ווייטאָג,
די באָסן — פאַרקלעמען די הענט,
אַ געוויין־טאָן רייסט זיך פון פּיאַנאָ;
עס פעלט אונז דער הויפּט־דיריגענט!

דרייען זיך נאָטן אין קראַמפּן,
ווי סטרונעס צעפּלאַצטע פון פידל;
אָראַטאָריעס — פאַרוויינטע יתומים
שלוכן אין טרויער אַ לידל . . .

אָט, דאַכט מיר, שטייט שייפּער אַנטקעגן
און גיט מיט די הענט אַ צעפּיר —
צעזינגען זיך רייען נאָך רייען,
שפּילט יעדער ביין פון קלאַוויר.

און עס וועקט און עס רופט די געדריקטע,
צו שפּאַנען — און ניט ווערן מיד
און ווייטער און שטאַרקער פאַרשפּרייטן
דעם קאַמף־רוף — דורך קלאַנג פונ׳ם ליד.

נאָר פּלוצים, אַזוי שטיל איז געוואָרן,
פאַרלאָשן עס האָט זיך אַ שטראַל . . .
אין מיטן פון שטורמישע געקלאַנגען
געקומען איז אַ טרויער־פינאַל.

דאָס האָבן די טעג שווערע אַרבעט,
פאַראַנקערט זיין האַרץ אין דער שטיל . . .
נאָר רואיג, זיין ליד וועט ניט שווייגן —
זיין קאַמפּפלוסט וועט וועקן צום ציל!

עס האָט בלויז זיין האַרץ אָפּגעשטעלט זיך,
דורך אָנגריף פון אַ בלוטיגן קראַמף;
דאָס ליד שייפער'ס לעבט און וועט לעבן —
ווי דער זיג פון אַרבעטער־קאַמף!

פאַר אַלע מאַמעס!

(אַ מתנה צום „מוטער־טאָג")

אַמאָל פלעגסטו, מאַמע,
אַ ליד פאַר מיר זינגען,
מיט פערזן געקייטלט,
פון גאָלדענע רינגען.

היינט זינג איך פאַר דיר
און דערמאָן דיינע טובות.
איך וויל דיר באַצאָלן,
כאָטש אַ טייל פון די חובות.

טאָ נעם אָן דעם כבוד,
אין בלומען און גראַמען,

וואָס ווערט דיר געווידמעט:
אין „אַ טאָג פאַר דער מאַמען"...

אין שוץ פאַר דיין נאָמען,
לאָמיר אַלע צוזאַמען,
באַקעמפן דעם קריג,
פאַרלעשן די פלאַמען.

דער פייער צעברענט זיך — — — —
אויב מ'זאָל אים ניט צאַמען,
וועט זיין אַ יאָרצייט די קינדער,
און — אַ ווייטאָג דער
מאַמען . . .

לחיים פרידן!

אין יוני חודש אַלע יאָרן,
שפּילן כּלי־זמר, מענטשן פאָרן,
אַ נייער דור זאָל זיין געבאָרן.

פריינט געלאַדן, אַלע קומען,
מיט מתנות און מיט בלומען,
און וואָס זיי ווינטשן — זאָל נאָר קומען.

פליען מזל־טוב שטאָפּעטן,
מ׳עסט, מ׳טרינקט ביי די בופעטן,
די פרייד איז גרויס, מיט קושן, גלעטן.

די אויגן פינקלען, די באַקן פלאַמען,
מ׳טאַנצט אַ האָפּקע פאַר טאַטע־מאַמען,
לחיים, טרינקט מען הויך צוזאַמען.

נאָר פּלוצלינג אוים מיט שפּילן טאַנצן,
צעשטערט די פרייד, אוים דאָס פלאַנצן,
שווערדן, ביקסן, נעמען גלאַנצן . . .

אַנשטאָט פראַקן, מ׳טראָגט מונדירן,
אַנשטאָט טאַנצן — גאָר מושטירן,
אַנשטאָט רו — מלחמה פירן! . . .

אוים לחיים, עס קומט למות . . .
קריג איז גאָרניט קיין קאַטאָוועס —
ווען עס נעמען זינגען סאָוועס . . .

איז אין קאַמף מיט מאָרד, לוית,
געגן קריגער, בייזע חיות,
פאַר אַ לעבן פון שלום־בית!

און צו האָבן קריג פאַרמידן,
מוז דאָס פאָלק זיין רעכט אויסשמידן,
דאַן וועט זיין — לחיים פרידן!

אַ מאַמע וויינט . . .

אַכצן יאָר געהאָדעוועט,
קלאָגט און וויינט אַ מוטער,
איצט, עס לויערן אויף מיין קינד,
וואו עפּעס אַ ניט-גוטער . . .

ווען מיין זון איז קליין געווען,
האָט ער געפּאָקט, געמאָזלט . . .
מיין מאַן האָט שטאַרק
געפּראַצעוועט
און דער באָס האָט אַלץ צע׳גזלט...

איז מיין קינד פון סקול אַוועק,
(חלילה ניט קיין לויפער).
גענומען זיך צו פּוצן שיך,
פון גאַזעטן — אַ פאַרקויפער.

איצט, אַז ער איז אַכצן שוין,
און ס׳האַלט שוין באַלד ביי חופה,
נעמט מען אים פאַר אַ סאָלדאַט,
„מחותנים" — איז די טרופּע...

מ׳גיט אים קליידער, העמדער,
שיך,
ניט חלילה אָפּגעריסן . . .
אַ ביקס אַ גרויסע אויף דער זייט,
ער זאָל זיך לערנען שיסן...

די אַלע זאַכן קריגט ער פריי,
ער זיי, דאַרף גאָרניט געבן,
חוץ — אויף וואָל-סטריט איינ-
שטעלן
זיינע אַכצן יאָר פון לעבן . . .

עס שטייגט!

ווי גיך מלחמה נעמט זיך ווייזן,
איז ערשטער שאָס גלייך נייע פּרייזן.
ניט בלויז אויף שטאָל און אייזן,
נאָר אויף ברויטן, פליישן, רייזן.
אַזוי אויף שוכוואַרג און אויף קליידער,
אַלץ עס שטייגט אַרויף כסדר.
פון אַן איינס, עס ווערט אַ דרייער . . .
מ׳שינדט די הויט, מ׳הייבט דעם שטייער.

— — — — — — — — — — — — — —

נאָר פריידיג וואָיען די שאַקאַלן:
פון דעם שטייגן, מענטשן פאַלן! . . .

פאַר פריינטשאַפט און פרידן!

די געלע פרעסע שרייבט מסירות!
ליגנס גרויסע, פּראָוואָקאַציעס,
פאַר די קריגער שרייבט זי לויב,
זי שרייט הורא און מאַכט אָוואַציעס.

גענעראַלן שרייבן אונטער,
צו פאַרניכטן שטעט אין פייער,
און דער קאָנגרעס שרייבט געזעצן,
ווי צו רייסן וואָס מער שטייער.

פּאָליטישנס מיט „בילס" זיי בילן
דאָס פאָלק זאָל ציטערן און שטומען,
„לעיבאָר-"שווינדלער שרייבן אַן אָפּמאַך,
דער באָס זאָל פּראָפיט מער באַקומען.

וואָל-סטריט שרייבט זיך ליבעס-בריוולעך
צו זיינע בוזעם-פריינט, די טאָרים,
זייער „פּאַטשערעק" מיינט נאָר איין זאַך,
אַ צייכן פאַר — אַלץ נייע צרות.

דאָך ניט העלפן וועט זייער שרייבן,
די פען אין בלוט, דעם קריג צו שמידן,
ווען דאָס פאָלק וועט אַ חתימה געבן —
אין קאַמף פאַר אמת, פריינטשאַפט, פרידן!

שריי צו גאָט . . .

די געשעפטן אין לאַנד
זיינען גאָר גוטע,
פאַר באָס, רעקעטיר
און אַלע ניט-גוטע.
זיי לעבן אין רייכטום,
אין שפע מ'באָדט זיך,

און זאָגן, איר ווייסט דאָך,
אַלץ איז אַ גאָט-זאַך . . .
אויב שלעכט איז פאַר יענע,
וואָס דאַרפן אַלץ באָרגן,
אַ סימן, אַז גאָט
וויל זיי ניט פאַרזאָרגן . . .

איך זוך אַרבעט!

איך זוך אַרבעט, וואָס נאָר עס לאָזט זיך,
קלייב ניט אוים זיך, וואָס צו מאַכן.
די נויט, זי האָט מיך אויסגעלערנט
צו זיין אַ מייסטער פון אַלע פאַכן . . .

איך קאָן נייען, איך קאָן שניידן,
קאָן אויך פרעסן, קאָן אויך שטעפן,
קאָן אויך זעגן, טשוועקעס קלאַפּן,
און, אַז מ׳דאַרף, איז פעק אויך שלעפן.

שוין אַלס אינגל, האָב איך געאַרבעט,
געלערנט פאַכן זיך כסדר.
דאָ קריג איך אַרבעט פאַקן זאַכן,
דאָרט — אַ שאַפּ צו מאַכן קליידער.

און, אַז מ׳דאַרף, בין איך אַ סאַרווער,
קאָן אויך קאָכן, באַקן, בראָטן,
די נויט זי טרייבט צו וואָס עס לאָזט זיך,
זיין אַ שפּילער אויף אַלע נאָטן . . .

מיינע הענט, זיי זיינען גרייטע,
וועלכע אַרבעט מ׳זאָל זיי ניט געבן,
אַלצדינג נעמען זיי זיך מאַכן,
נאָר שווער איז מאַכן — אַ שטיקל לעבן . . .

און ווערט די לאַגע אַמאָל געפערלעך,
פאַבריקאַנטן זוכן אויסצענוצן . . .
קעמף איך מיט די ציין און נעגל,
אָבער ניט — די שיך זיי פוצן! . . .

זיי געגריסט, ערשטער מאַי!

עס איז אַ טאָג ווי אַלע טעג,
נאָר אַנדערש שיינט דאָס פּנים,
און אָט דערפאַר עס ציטערן,
שטאַרק אַזוי די שונאים . . .

די שונאים פון אַ פרייער וועלט,
וואָס ווילן זיך פאַרזאָרגן,
ווייסן, וואָס עס מיינט דער טאָג—
פאַר דער וועלט פון מאָרגן . . .

נאָר אַנדערש שיינט דאָס פּנים,
ווייל אַנדערש וועט דער מאָרגן
זיין,
אינגאַנצן אונזער גלייכן.

ניט ווי היינט, וואָס איז פאַרקויפט
אינגאַנצן צו דעם רייכן.

דערפאַר איז ליב אונז אָט דער
טאָג,
ס׳איז מער ווי גלאַט אַ דאַטע,
ער פאַרגרייט דעם מאָרגן אונז,
ווי פאַר קינדערלעך — אַ טאַטע...

ער איז דער ערשטער פון דעם
חודש מאַי,
וואָס האַלט פאַר אונז אין מאָנען.
דערפאַר גייען מיר אַנטקעגן אים—
מיט ליבע, פרייד און פאָנען ! . . .

האָך און וויי — „לעיבאָר־דעיי"

אַ גאַנצן יאָר, האָט מען
אַ „ביזי", אַ „סלעק".
„פּראָדאָקשאָנס", „רעדאָקשאָנס",
„ריאַדזשאַסטמענטס" און —
„סעק" . . .

אַ גאַנצן יאָר, הערט מען,
ווי עס שטייגט און שטייגט,
וואַגט מען וואָס זאָגן,
הערט מען גלייך: שווייגט !

אַ גאַנצן יאָר — זיי האַסן,
יוניאָן איז טריף !
צום טייוול דער שקלאַף
און מ׳שטאָפּט זיך די סעיף.

נאָר איין טאָג פאַראייניגט,
אַז אָך און אַז וויי,
באָסעס און „לעיבאָר" —
ווי אַנדערע צוויי ! . . .

דאָס בוך און די שווערד

(אַ משל)

אויפן וואַנט אין מוזיי האָט אַ שווערד
געגלאַנצט מיט איר ווערט,
האָט זי מיט אַ חוצפה׳דיגן געדאַנק
זיך צעלאַכט פון דעם שראַנק,
וואו ס׳איז געשטאַנען בוך אויף בוך
און פאַרפירט מיט זיי אַ וויכוח.
די שווערד פראָסט, אָן מאַנירן,
האָט גענומען וואַרפן פראַזן,
גלאַנציק קאָקעטירן . . .

אַז ניט נאָר קאָן זי שניידן פּאַפּיר,
נאָר בייכער און העלזער אָן אַ שיעור . . .

און גערעדט האָט זי מיט היץ,
ווי איר שפּיץ —
קאָן דערגרייכן
אַלע הויכן . . .

אינמיטן פון וויכוח,
איז געקומען אַ לייענער נאָך אַ בוך.
ער האָט אָנגעשפּאַרט זיין האַנט
אויפ׳ן וואַנט
(ניט, חלילה, צוליב שפּיצלעך).
איז אַראָפּגעפאַלן די שווערד,
אויף דער ערד,
און זיך צעבראָכן אויף פּיצלעך . . .

די ביכער פון דער ווייטן,
האָבן זיך געהאַלטן ביי די זייטן . . .

באַרג און טאָל

(אַ משל)

ריזיג גרויס, ביז אומגעלומפּערט,
קוקט אַ באַרג פון זיינע הויכן
אויף אַ טאָל אַ טיפן,
וואָס קען צו אים ניט גרייכן.

ער קוקט פון אויבן אַראָפּ צו טאָל,
זיך גלעטנדיג דאָס בייכל.
און בשעת-מעשה ער שפּיגלט זיך,
אַראָפּ-צו אין אַ טייכל.

נאָר פלוצלינג ט'ער זיך אַ פּאַטש געטאָן
אין זיין פּעמפּיק דעם גראָבן.
עס קאָן דאָך דער טייך
זיין באָדן אונטערגראָבן . . .

איז ווי נאָר אַ ווינט ס'האָט צעבלאָזן זיך,
האָט ער אויפן טאָל געריטן.
געוואָרפן הויפנס באַרגיג-זאַמד —
דאָס טייכל צו פאַרשיטן . . .

האָבן כוואַליעס די הורבעס זעמדעלעך,
אויפן גאַנצן גרונט צעטראָגן.
ביז דער באַרג האָט זיך געכאַפּט,
עס ווערט אים פּוסט אין מאָגן . . .

אַז אַלץ וואָס מער ער וואַרפט אַראָפּ,
זיינע זעמדלעך צו די קוואַלן,
אַלץ מער קענטיג ווערט ביי אים,
דער פּעמפּיק איינגעפאַלן . . .

ביז איין טאָג ט׳ער אַ באַפעל געטאָן
(געמיינט, אַז גלייך וועט ער דאָס פועל׳ן),
פאַרטרייבן זאָל דער טאָל פון זיך,
דאָס וואַסער פון די היילן . . .

האָט טיפער טאָל אַ זאָג געטאָן,
אין נאָמען פון אַלע טאָלן:
ס׳איז נאָר אַדאַנק אונזער אָרעמקייט
ביזטו גרויס און גראָב געשוואָלן . . .

נאָר ביי מיר ביזטו קיין יחסן ניט,
כאָטש דו שיטסט זאַמד מיר אין די אויגן.
חוצפה האָסטו גאָר אַ סך,
נאָר, צום סוף וועסטו זיך בויגן.

דיין בלאָזן זיך וועט ניט העלפן,
דיין זאַמדיג בויך דעם רייכן . . .
דו וועסט מוזן אַראָפגיין סוף־כל־סוף —
און — מיר וועלן זיך פאַרגלייכן! . . .

אַ שטראָף — פאַר אַ שאָף

אַז גאָט איז מיין פאַסטוך,
בין איך דאָך זיין שאָף,
קומט אויס מיר נאַטירלעך
צו טראָגן די שטראָף . . .

אַ היים זאָל איך האָבן,
אַזוי ווי אַ שטאַל,
קאַלט ווי אין דרויסן,
פון ליכט ניט קיין שטראַל...

דאָס עסן וואָס גאָט גיט . . .
און וואָס דאַרף אַ לאַם?

איז טאַקע דאָס עסן —
האָט מיר אַזאַ טעם . . .

שטיקלעך און ברעקלעך,
פון דאָ און פון דאָרט.
און איך מוז נאָך שווייגן,
ס׳האָט אַ שאָף ניט קיין וואָרט...

אַזוי איז דאָס לעבן,
אַן אַלט־אַלטער כלל:
ביזטו אַ לאַם, אַ בהמה —
טאָ ליג זשע אין שטאַל! . . .

הינער, הענער און מאַרשאַל־פּלענער

(אַ משל)

צע׳טענה׳ט זיך אַ הינדעלע,
הינטער דראָט און טויער:
מ׳גיט אונז עסן, וואַסער, לופט,
נאָר אַלץ — פאַר לייגן אייער . . .

מ׳קוקט אונז אויף די קעמעלעך,
מ׳וואַרפט אונז שפּייז צום נאַשן . . .
מ׳מאַכט אונז ליכטיג, שוין גאַנץ פרי,
וואָס מער אונז אויסצופּאַשען . . .

נאָר ווילן — ווילן זיי אייעלעך,
אַ סך — אין צאָל באַווייזן.
און טאָקע פון די גרעסערע,
ס׳איז בעסער פאַר די פּרייזן . . .

און קוואָקעט וואו אַ הון אין שטייג . . .
העלפט איר ניט קיין „ביטע" . . .
לייגן מיר קיין אייער ניט —
פירט מען צו דער שחיטה . . .

און ווער פון זיי ס׳באַגייט אַ זינד,
פאַרדרייט זיך אין אַ צרה,
כאַפּט מען גלייך אַ הון, אַ האָן,
מיר זיינען די כפרה . . .

— — — — — — — — — — — —

„ס׳איז ווי מיט יענעם „מאַרשאַל־פּלאַן",
קרייט דער האָן אוים אויף זיין קרייער;
„פאַר דעם ביסל דריבנע קערנדלעך . . .
לייג זיי — „גאָלדענע אייער" . . .

אַ הינטישער „פרינציפּ" אַזאַ . . .

(אַ משל)

פון אַ וואַרעמע היים איז אַ הונט אַנטלאָפן
און האָט מיט אַ צווייטן אין גאַס זיך געטראָפן.
אַ שמעק, אַ לעק, אַ דריי מיט'ן עק —
האָט דער גאַס־הונט געפרעגט:
„זאָג, וואָס דאָ שטעקט?
ביזטו הונגעריג? חלילה, קראַנק?
וואָס איז דיר אויפן געדאַנק?
וואָס האָט געטראָפן?
פאַרוואָס ביזטו אַנטלאָפן?

לאָזט דער אַנטלאָפענער זיך גלעטן:
„מיר דאַרפסטו קיין סך ניט בעטן
(צי פאַרן דאָלער, צי פאַרן פונט . . .) ,
ווי איך בין אַ הונט
האָב איך נאָר דערגרייכט מיין ציל,
וועסטו הערן מיין ביל . . .

ער גיט זיך אַ דריי מיט הינטישער חניפה:
„איך וויל מ'זאָל מיר מאַכן אַ גרויסע אסיפה".
און דאָרט, ביי דער אסיפה, האָט ער געגעבן דעם אמת'ן האַווקע:
די מעשה איז אַ פאַרקערטע דווקא.
ער האָט אַ וואָרף געטאָן די צונג אויף דער ליפּ:
„עס איז, ברודערל — פרינציפּ . . .
ס'איז ניט הונגער, ס'איז ניט נויט,
איך האָב געהאַט מיין ברויט,
פלייש און אַ ביין,
נאָר — איר דאַרפט מיך פאַרשטיין און פילן,
איך בין אַ הונט, וויל איך פרייהייט —
צו בייסן און בילן" . . .

בוך — און באַנק־בוך

(צום 100־סטן געבוירנטאָג פון י. ל. פּרץ)

(אַ משל)

ס'האָט אַ בוך און אַ באַנק-בוך,
אויפ'ן טיש זיך געטראָפן,
נעמט דער באַנק-בוך מיט חוצפּה
צו רעדן און שטראָפן:

צעלאַכט זיך דאָס בוך
פון דעם באַנק-בוך'ס פאַרמעגן,
און האַלט זיך ביי די זייטן . . .
ווען ער נעמט אים פרעגן:

זאָג מיר, איך בעט דיך,
אין וואָס באַשטייען דיינע גבורות,
אַז קיין ציפער מ'זעט ניט,
ביי דיר צווישן די שורות? . . .

זאָג, נאַרישער ביכל,
דו גאַרנישט, דו שנעקל,
דו גרויסט זיך מיט וואָס,
מיט אַ פּאַפּירל, אַ טשעקל?

ביי מיר יעדער אות,
מיינט גאָלד אין מזומן,
אָבער, זאָג מיר, דו קבצן —
קאָן מען פון דיר דאָס באַקומען?

ביי דיר קאָן „פאַרפאַסן" . . .
יעדער גראָבער־יונג, יעדער שרץ,
אָבער ביי מיר אינ'ם בוך —
ליגט דאָס פאַרמעגן פון פּרץ! . . .

דרך־ארץ פאַרן בוך!

באַקלאָגט זיך אַ בוך,
פאַרוואָרפן אין טונקל,
ווי אַ יתום אויף הפקר,
אַליין אין אַ ווינקל;

ווער עס לייענט שלום-עליכם,
מענדעלע און פּרץ,
דער פילט זיך שטאָלץ
און קריגט דרך־ארץ.

דאַכט זיך יעדן טאָג וויל מען עסן,
מ'טראַכט פון אַ קליידל, אַ שיכל,
פאַרוואָס ניט האָבן אינזינען,
אויך אַ קוק טאָן אין ביכל?

פאַרוואָס ניט האָבן אינזינען,
ווי אַ שפּאָרער — די באַנקען,
צו היטן דאָס אידישע וואָרט —
און דאָס בוך אין די שראַנקען!

די פליג און דער פייער

(אַ משל)

ווי נאָר דער לאָמפּ צעלייכט זיך,
מאַכט אַרום זיך וואַרעם —
רינגלט אים אַרום אַן אָרעם . . .
פון פליגן, מאַסקיטאָס, אינזעקטן,
(ניט, חלילה, צוליב ליכט־עפעקטן).
נאָר זיי ווילן בויען אַ וואַרעמע נעסט . . .
צו פאַבריצירן באַצילן און פעסט.

גיט דער לאָמפּ, נאָר אַ שיין,
נעמען זיי טאַנצן אַ קאַראַהאָד,
מיט הנאה — ווי פון אַ באָד . . .
טאַנצן אַרוים — און אַריין . . .

נאָר ווען אינמיטן פון טאַנץ,
גיט זיך די מאָסקיטאָ
אַ ברי איר צינגל . . .
און די פליג — איר פליגל . . .
גיבן זיי זיך אַ דריי, אַ זשומע,
קאָקעטיש מיט גלאַנץ
און פרובירן ווידער דעם טאַנץ.

דער סוף? — גלאַט גייט ניט אָפּ,
זיי גיבן אַ ברען זיך —
און פאַלן אַראָפּ! . . .

צוויי קעץ און אַ הונט...

(אַ משל)

ביי אַ מיסט־פּעסל
האָבן צוויי קעץ זיך געריסן,
ווייזט אוים פאַר אַ גוטן ביסן..
אָדער אַ פעטן ביין...
האָט איינע מיט די נעגל,
די צווייטע מיט די ציין,
זיך געקאָכט ווי אין אַ קעסל —
צו כאַפּן דעם ביסן אַליין...

נאָר, ווי פון העלער הויט,
האָט אַ הונט זיך באַוויזן —
און די צוויי „ריזן"
זיינען געבליבן שטיין;

וואָס מיר פלייש,
וואו מיר ביין?
ס'האָט דער הונט אַרויסגעריסן —
פון מויל דעם ביסן!...

דער „געפאַלענער" שניי...

אַ שטורעם שניי האָט זיך צעהוליעט,
באַדעקט דאָס הויז, די גאַס,
בוימער, פלאַנצן האָבן אויפגעציטערט
נאַקעט שטייען, קאַלט און נאַס...

אַלטע לייט האָבן די נעזער באַהאַלטן...
געקלאַפּט זיך האַנט אין האַנט,
ווען דער שניי און דער געוויטער
האָבן חוצפּה'דיג געקלאַפּט אין וואַנט.

שוואַכע האָבן זיך איינגענורעט,
הינטערן אויוון, אויף איין אָרט,
נאָר די וואָס ווייסן, וואָס מיינט ווינטער —
שפּאַנען שליטנס און מ'פאָרט...

ווייל דער וואָס פאָרט, ווייסט פון שטענדיק:
פון שניי עס לאָזט זיך אוים אַ טייך...
ווי גיך דער מענטש ער לאָזט זיך פאָרן,
ווערט דער שניי מיט בלאָטע גלייך!...

דער שטורעם־טאַנץ

(אַ משל)

אַ קאַלטע כוואַליע איז געלאָפֿן,
מיט אַ הייסער — זיך געטראָפֿן.

גענומען דרייען וויכער־קראַנצן
און געלאָזט אין וועג זיך טאַנצן . . .

איבער פעלדער, איבער הייזער,
דער ווינט געוואָרן איז זייער ווייזער . . .

וואו אַ דאַך און וואו אַ קוימען,
אין די קלייטן, אין די היימען,

איבעראַל זיך ווילד צעבריקעט,
מיט אַ פּייף, געלאַכט, כיכיקעט

האָט גענומען אַלץ צעפּאַלן,
טויערן, פּלויטן, שייערן, שטאַלן.

ביז דער ווינט האָט זיך פאַרמאַטערט,
איז שוין געווען אַ סך צעפּאַטערט.

אין שטאָט און שטעטל אַ ים מיט שאָדן,
צווישן הייזער, אינ׳ם באָדן.

דאָך מיט חושך, קומט אויך שטראַלן —
וואָס צעפּוילט — איז איינגעפאַלן! . . .

דאָס „בינטלי" הושענות . . .

(אַ משל)

אַ בינטל ריטלעך
מיט געלע בלעטער,
אין דער האַנט
פונם רייכן פעטער . . .

האָט זיך צעלאָזן
מיט אַ טענה:
הערט מיך אויס —
איך הייס הושענא.

מיינע פריינט
זיינען בוימער גראָבע,
דערווייל מיר קלאַפּן
נאָר אויף פּראָבע . . .

און אַז מ'עט דאַרפן
איז אַן טענות,
וועלן אַלע קלאַפּן
ווי הושענות . . .

האָט אַ בוים צעלאַכט זיך
פונם בינטל,
היט זיך פאַר
אַ שטאַרקן ווינטל . . .

זאָלסטו שפּעטער ניט קומען
מיט אַ נייער טענה,
ווי אַן אָפּגעשמיסענע
הושענא . . .

די בייגל־פאַרקויפערין

קויפט, קויפט, בייגעלעך,
פרישינקע, נאָך הייס.
אַ פלעכטעלע — אַ צאַצקעלע
און ס'לעכעלע — ניט גרויס.

קויפט, קויפט, בייגעלעך,
ס'איז געשמאַקער דאָך פון אַלץ;
זיי זעען ווי בראַסלעטן אויס —
ווי דימענטלעך — דאָס זאַלץ.

קויפט, קויפט, בייגעלעך
און העלפט מיר אין מיין נויט.
ווען איר וועט עסן בייגעלעך —
וועל איך אויך האָבן ברויט! . . .

די סטאַטוע און די פּאַן

לכבוד דעם 175טן געבוירנטאָג פון דער אַמעריקאַנער פּאַן, איז דורכגע־
פירט געוואָרן אַ צערעמאָניע אַרום דער סטאַטוע פון פרייהייט.
אין דער שטיל האָבן די ווינטעלעד דורכגעטראָגן אַ קורצן
שמועס פון דער סטאַטוע מיט דער פּאַן:

פון גאַנצן לאַנד פלעגט מען מיך קומען באַגריסן,
כ'האָב פרייהייט און גלייכהייט געגעבן געוויכט.
האָט רעאַקציע מיין פאַקל באַווארפן מיט בלאָטע,
פאַרפינצטערט מיין פנים, פאַרלאָשן מיין ליכט . . .

און מיט מיר, ענטפערט די פּאַן, מיט ציטער און שרעק,
האָט זיך איינגעוויקלט פּאָליטישן און גרויסער רעקעטיר.
ווען דאָס פאָלק פּראָטעסטירט, וואָס מ'טוט אין מיין נאָמען,
לאַכט דער פּאָליטישן און פאָכעט מיט מיר . . .

צעבראָכענע לוחות . . .

ס'האָט אַמעריקע שטענדיג געגרויסט זיך;
מיר ווערן באַשיצט פון אַ נעץ,
וואָס קיינער עס קאָן ניט צערייסן:
דאָס פרייהייט און גלייכהייט געזעץ.

מענטשלעכע רעכט איז דאָ טייער,
פרייהייט איז דאָ אַ געבאָט,
געזיכערט פאַר פרעסע און רעדע —
אַזוי הייליג, ווי אַ געבאָט נאָר פון גאָט.

איצט קעמפט יושר מיט ציין און נעגל,
כאָטש רעאַקציע בייסט ווי אַ קרעץ;
דאָס פאָלק וועט קיינמאָל ניט לאָזן,
פאַרבייטן געזעץ — אויף אַ זעץ! . . .

די בעסטע מתנה

(צום „מוטערס־טאָג")

מאַמעלע, וואָס עס טוט זיך אָפּ,
ווי אַלע קינדער לויפן,
ווילן צו דעם „מוטערס־טאָג"
מיר עפּעס גוטס וואָס קויפן.

קויפט מען פאַר מיר קעמעלעך,
קליידעלעך און טיכלעך,
נאַילאָן־זאָקן איינגעפּאַקט
צוזאַמען מיט שטעק־שיכלעך.

מ׳ברענגט מיר אויך בלימעלעך
מיט שפּילקעס און פּאַרפיומען,
נאָר איך, מאַמע, טראַכט ביי זיך,
ווי קען דאָס מיר באַקומען.

ס׳וואָלט מיר זייער זיין דאָס אָנ־
געלייגט,
פאַר מיין קאָפּ דעם מידן,
ווען איך האָב מיינע קינדערלעך
און די וועלט — דעם פרידן!

זיין סוף וועט קומען!

קוקן מענטשן צו מיט ציטער,
ווי אין דרויסן דער געוויטער
קלאַפּט אין טיר, קלאַפּט אין טויער,
פרירט ביי איינעם אָפּ אַן אויער.

איינעמס נאָז, אַ צווייטנס באַקן —
וואָיעט — ווי אַ בייטש וואָלט קנאַקן.
שטערט פאַרקער אויף אַלע וועגן,
וואו איר גייט איז ווינט אַנטקעגן.

ס׳איז ניט צום גיין, זיך ניט צום רירן,
אַלץ עס האַלט נאָר אין איין פרירן.
פאַרשאָטן גאַסן, היימען, שטעגן,
בלויז דער ווינט קען זיך באַוועגן . . .

דרייט ער, קערט ער, האַלט אין וואַיען,
פויקט אין פענצטער, לאָזט ניט רוען.
רייסט די היטלען, רייסט די לאַצן,
נאָר צום סוף — דער פראָסט וועט פּלאַצן! . . .

אייניגקייט איז מאַכט

גייען פירער צענויפגעשמידטע,
מיט זיי די פרייהייט — צו דער שחיטה.
קלינגט און ליאַרעמט יעדער רינג:
דינג-דינג! דינג-דינג!

ריידן קייטן דורך געקלאַנג,
אָט-וואָס מיינט פאַר מענטשן צוואַנג.
מיר געדענקען אַ סך געשיכטע,
ווי הערשער, קעניגע און צאַרן,
פלעגן קעמפער אויך פאַרשפאַרן.

מערדער, רויבער זיינען פריי,
קלינגט און קלאַפּט זיך אוים אַ רינג:
דינג-דינג, דינג-דינג.
נאָר די, וואָס זיינען דעם פאָלק געטריי,
אין דעם קאַמף פאַר פרייהייט, ברויט,
די באַשטראָפט מען מיט דער קייט.

נאָר, טענה׳ט אין דער קייט אַ רינג:
דינג-אַ-דינג, דינג-אַ-דינג:
אויב די וועלט וויל זיין געהיט,
און אירע פירער — ניט געשמידט.
איז אין קאַמף מיט צוואַנג און נויט,
שמידט אַליין אוים אייניג-קייט! . . .

קורץ און שאַרף

איך „דיכטע" ניט קיין לידער,
כאָטש איך שרייב אָפט מיט אַ גראַם,
דער צוועק פאַרוואָס איך טו דאָס,
מיינט זאַלץ — בלויז צום טעם . . .

איך מעסט ניט מיינע שורות,
לויט די קלאַנגען פון אַ האַרף.
אויב איך זאָג אַ וואָרט אין פערזן,
איז צוליב דעם — „קורץ און שאַרף".

איך פאַרדעק ניט מיין כונה,
דורך אַן „אומפאַרטייאישן", כ'מיין . . .
מיין פען איז ניט קיין צאָן־שטעכער —
כאָטש זי טרעפט אָפט אין די ציין . . .

ברוך הבא — פרילינג איז דאָ!

צי ס'איז מערץ, צי אַפּריל,
חודש אָדר צי ניסן,
נאָר מאַמע־ערד מוז שוין,
זיך פון ערגעץ דערוויסן.
צי פון די הימלשע שטראַלן,
זי קריגט די סיגנאַלן.
נאָר ווי פון אונטער דער ערד
מיר הערן באַגריסן . . .

ס'איז צייטיג דער פרילינג,
דער טאָג איז שוין גרעסער,
פלאַנצן עפענען מיילער,
גייען אַרויס פון די „שלעסער"...

ס'ווערט וואַסער פון שנייען,
די אייזבערג צעגייען,
די זון קומט מיט ליבע
און וואַרעמט בעסער און בעסער.

זאָלן גרינען די לאָנקעס,
זאָלן וואַקסן די פעלדער,
קומען פויגלען אַהיים —
מיט געזאַנג און געפילדער.
איצט מעגט איר שוין טאַנצן,
עס גרינען די פלאַנצן,
מאַכט גאַנץ אייערע נעסטן,
ס'איז אייערס — די וועלדער!...

רעספעקט פאַר יוניאָן!

מיט חוצפה האָט צעעפנט
דאָס מויל אַ פאַבריקאַנט,
און גענומען באַליידיגן
זיינע אַ גאַר אַלטע „האַנט“:

הערט אויף מיך צו סטראַשען
מיט יוניאָן, מיט סטרייק;
דערווייל בין איך באָס —
און איך היים מיסטער אייק.

חוץ דעם, פאַרגעסט ניט,
בין איך ניט אַבי־ווער:
איך האָב גענוג געלט,
און געלט איז — געווער.

צעלאַכט זיך דער אַרבעטער,
גיט אַ מאַך מיט דער האַנט:
חוץ געלט מוז מען האָבן,
אויך אַביסל פאַרשטאַנד . . .

אַמאָל פלעגט זיך גרויסן
דער דאָלער מיט זיין ווערט,
און דער אַרבעטער, דער שאַפער,
איז געלעגן אין דר'ערד . . .

איצט מעגט איר זיך גרויסן,
אַז דער באַנק־בוך איז רייך,
נאָר דאָס ביכל פון דער יוניאָן
איז מיט גאָלד איצט צו גלייך!...

די זון מוז שיינען!

ווינטער קומט נאָר דאָן צו מאַכט,
ווען זון — זי כאַפּט אַ דרימל.
צעשפרייט ער זיך מיט ווינט און שניי,
גרוי ער מאַכט דעם הימל.

ער דרייט און יאָגט דעם שטורעם־ווינט,
פאַרשטעלט אונז אַלע וועגן . . .
און וואו מיר גייען, דער ווינט ער שמייסט
אין פנים אונז אַנטקעגן . . .

נאָר ווי גיך די זון, זי כאַפּט זיך אויף —
פון ווינטער בלייבט אַ שאָטן . . .
מיט בלאָטע ווערט דער שניי צוגלייך,
פון די מאַסן — גיך צעטראָטן! . . .

אַז מ'קלינגט . . .

דינג-דינג, דינג-דאַנג,
הערט זיך צו צום גלאָקן-קלאַנג,
מיט דעם אָנשטעל פון אַ באָס
אַ גלאָק, וואָס וועקט און רופט צו האָס.

אַ נאַצי האַנט ציט די שטריק,
מיט אַלע כוחות, העלפט ער מיט —
דינג-דינג, דינג-דונג,
שאָקלט ער די היטלער צונג . . .

אין געקלאַנג עס הערט זיך: „האָך"!
לעבן זאָל די אילוזאָ קאָך!
לעבן זאָל דער נאַצי רינג,
דינג-דינג, דינג-דינג.

נאָר אינ'ם קאַמף פאַר אמת, גליק,
וועלן בייטן הענט זיך מיט דעם שטריק
און ס'וועט אַ קלונג טאָן: דינג-נ'דאַנג —
מיט פרייהייט, גלייכהייט — גיין אין גאַנג . . .

לאַ — מיט אַן אלעף . . .

פאַרפירער גייען מיט רעאַקציע,
לעקן — כאַפּן די שיריים,
האַלטן זיך אַרומגענומען,
און זיי ווינטשן אַ לאַ—חיים . . .

און מען דרייט אין קאַראַהאָד זיך
און מען פראַוועט די הקפות,
נאָר צו וואָל סטריט זינגט מען
אונטער
דאָס אַלטע לידל פון מה-יפית.

פאָלקס-רעכט ווילן זיי צעשטערן,
אויף מלחמה נאָר זיי דופען,
האָפּקען-צו אַ שדים-טענצל,
פילנדיג זיך בגילופין.

רעדן חוצפה'דיג פון אַ תורה,
וואָס רעאַקציע וויל דאָ בויען,
נייע צען געבאָט זיי ברענגען,
נאָר אַלע זיינען—אָן די „לאַ'ען"...

מיט ליבשאַפט די טאַטעס

(צום „פאָטערס־טאָג״ יום־טוב)

פראַוועז יום־טוב אַלע קינדער,
מען לויבט, מען רימט, מען דאַנקט דעם טאַטן,
פאַר זוכן ברויט, פאַר קויפן קליידער,
פאַר זען די שיכלעך צו פאַרלאַטען.

דער טאָג געווידמעט איז דעם טאַטן,
ווי „מוטער־טאָג״ איז פאַר דער מאַמען.
זיין און טעכטער, שניר און איידעמס —
מתנות ברענגען זיי צוזאַמען.

און מיט מתנות — גוטע וואונטשן,
אַז אויף דער וועלט זאָל שלום ווערן.
אָנשטאָט צו שאַפן נאָך כלי־זיין —
זאָל מען נאָר פון גוטס־טאָן קלערן.

און ווען ס׳וועט זיין אַ פרידלעך לעבן,
אָנשטאָט קוילן מיט האַרמאַטן,
וועט די יוגנט אַליין דערלעבן —
פרייד פון מאַמען און פון טאַטן! . . .

אַ נחמה — מלחמה . . .

קאַלט איז אין הויז
פון די האַרבסטיגע ווינטן,
און די ווינטן זיי טראָגן
אַ שנייַ אויך פון הינטן.

דער פוטער, „ביים „פעטער״ . . .
די שיך — אָפּן אָן זוילן,
און מיט דאָס, וואָס כ׳האָב ניט,
מוז איך זיך נאָך טיילן . . .

איז קאַלט מיר אין לייב,
קאַלט אינם טייסטער,
דער באָס, ווי דער לענדלאָרד,
דרייסטער נאָך רייסט ער.

נאָר מ׳האַלט מיך אין טרייסטן,
אַ שטיקל נחמה —
מ׳היצט און מ׳הייצט שוין —
פאַר אַ נייער מלחמה! . . .

די זון איז דאָ!

ווי איך עפן נאָר די אויגן,
וואַכט די זון שוין ביי מיין טיר:
מיט אַ וואַרימען גוט־מאָרגן . . .
אַלע פרי באַגריסט זי מיך.

איך נעם זי אויף ווי אַ געליבטע,
איר צערטלען גיט דאָך אַזוי פיל גליק.
אויף אַ ווײַלע זי פאַרקוקט זיך
כאַפּ איך אויך אויף איר אַ בליק . . .

שיין איז זי — ווי זונען זיינען,
און שפּילעוודיג — נאָר ווי אַ קינד.
איין קאַפּריז — ס׳פאַרדריסט מיך —
קומט דער אָוונט — זי פאַרשווינדט . . .

זיץ איך אומעטיג און חלום,
יעדע רגע איז אַ שעה.
נאָר פּלוצלינג דורך אַ שפּאַלט אין פאָרהאַנג:
אַ גוט־מאָרגן — זי איז דאָ! . . .

אַ גוט יאָר אייך!

ס׳געזעגנט זיך דאָס אַלטע יאָר,
מיט טרערן גרוים ווי באָב.
אין זיין צוואה זאָגט ער אָן
און גיט דערביי אַ גאָב . . .

איר האָט פון טאָג געמאַכט מיר
נאַכט . . .
פאַרשטערט דאָס ביסל שיין,
די מינוטן מיינע אויסגענוצט,
אויף טיילן „דיין" און „מיין" . . .

איינער האָט, וואָס מער געכאַפּט,
געלעבט אַ גוטן טאָג . . .
אַ צווייטן האָט מען איינגעטיילט
אַ יאָר, וואָס טויג אויף קלאָג . . .

אַנדערש וועט די צוקונפט זיין,
פון מיין נייעם דור . . .
און די וואָס ווילן פינצטערניש —
וועט זיין אַ פינצטער יאָר! . . .

אַ ברידערלעך לעבן

וואו עס הערשט אַ ברידערלעך לעבן,
פון שלום־עליכם און עליכם־שלום,
דאָרט איז גרינג אַלץ צו דערגרייכן,
און ס׳ווערט אַ וואָר דער שענסטער חלום.

מ׳זעט אויף וואָר אין לאַנד פון פרייהייט
ליכט צעצונדן אין שטאָט און היימען.
פייערלעך פינקלען אין אַלע אויגן,
און רויך עס שלאָגט פון יעדן קוימען.

שפּילט גאַרמאָשקע און שטימען זינגען,
פּיס זיך הויבן צו די העכסטע הויכן,
וואו פעלקער ליבע איז פאַראַנען —
קאָן מען הימל־הויך דערגרייכן.

פלאַטערן הערצער ווי די פאָנען,
רופן צו ברודערשאַפט און שלום.
דאָרט, וואו ס׳דינען הענט צום בויען,
איז גליק און פרייד שוין ניט קיין חלום . . .

קאַלט און וואַרעם

מיר לעבן אין אַ צייט, וואָס —
ס׳איז אַלץ ווי צו להכעיס,
אונזער לעבן עס וואַרפט זיך,
ווי אין אַ קרענק, אַ קדחת . . .

פון דער קאַלטער מלחמה,
וויל מען מאַכן אַ הייסע . . .
פון דער קליינער מלחמה —
וויל מען מאַכן אַ גרויסע . . .

קאַלט איז אין דרויסן
און אַ פראָסט אויף די שכירות,
דערביי וויל דער לענדלאָרד —
אונז פאַרפרירן די דירות . . .

נאָר פּראָפיטירער און פאַרפירער,
האַלטן זיך שטייף אין די אָרעמס,
ווען דאָס פאָלק האָט צו פילן —
פון קאַלטס און פון וואַרעמס . . .

ניט געזאָרגט!

איך קאָן דיר, ברודער, מיט קיין געלט ניט העלפן,
און דאַרפן, ווייס איך, דו דאַרפסט אַ סך,
איך בין פּונקט ווי דו אַזאַ גרויסער קבצן,
מיר פעלט אויך דאָס עסן און אַ דאַך.

אויף די הויזן דאַרף איך אויך לאַטעס,
און לאַטעס דאַרפן אויך מיינע שיך,
און דער מאָגן זאָגט מיר אונטער:
אַ לאַטקע פאַרגעס ניט אויך פאַר זיך . . .

אויך דער טייסטער צעעפנט אַ פּיסקל אויף שרויפן,
טענה'ט — עס איז מיר לאַנג שוין באַוואוסט,
האָסט אַ ביכל פול נאָר מיט חובות
און מיך טראָגסטו שטענדיג אַרום ליידיג און פּוסט . . .

באַרואיג איך זיי אַלע צוזאַמען:
איך האַלט ניט פון געוויין און פון קלאָג.
אויב דער היינט איז פאַר מיר ניט געראָטן,
קעמף איך פאַר אַ נייעם טאָג.

פּרוביר איך די צרות צו צעשטרייען,
צו קילן דערווײַלע די גרויסע וואונד,
אויב עס פעלט אוים אַ ברויטל, אַ בגד,
איז זאָל דאָס לאַכן אייך זיין צו געזונט! . . .

די הענדלער...

ווי דער פייף פון אַ קויל,
איז ניט קיין געזאַנג.
ווי דער קלונג פון אַ קייט
איז ניט קיין מוזיק-געקלאַנג.

אַזוי איז ביים הערשער,
קיין וואָר-וואָרט ניטאָ.
ער האַנדלט מיט טויבן —
און פאַרקויפט אייך אַ קראָ...

קאַ׳רוויבּ׳קע געלט . . .

טעקס אויף טעקס,
און טעקס פון טעקס,
אויף שיך און קלייד,
אויף פלייש, געבעקס.

אַ טעקס פון קאָפּ,
און אויך פון העט,
אויף אַ סיגאַר,
און סיגאַרעט.

מ׳נעמט פון הייזער,
פון טשעקס אין בענק,
מ׳שלינגט די טעקסעס,
ווי נאָך אַ קרענק.

עס העלפט קיין רעדן
און קיין געוויין.
מ׳רייסט די פּאָלעס
און די ציין . . .

מ׳רייסט פון כשר,
מ׳שינדט פון טריף,
אַ טעקס אויף פּוטער,
אַ טעקס אויף זייף.

מ׳רייסט פון אַרבעט
און פון נויט.
פריי פון טעקס —
איז נאָר דער טויט! . . .

איבערן לאַנד

ברייטע שליאַכן, לאַנגע וועגן,
באַן פּאַראַוים, מאַשין אַנטקעגן,

וועלדער רייכע, פעלדער פעטע,
לאַנקעס ווי אין פלוש געבעטע.

שפּייכלער אָנגעפּילט מיט ווייצן,
וואַסער־שטראָמען, ריטמיש פלייצן,

נאָר די „מאַכערס”, שמאָלע קעפּלעך,
וועלכע מישן אונדז די טעפּלעך . . .

האַלטן פעסט ביי זיך די שליסלען, —
אונז אַ לעפל — זיך די שיסלען . . .

אַ נייער פּירוש — אחשורוש...

די המנ׳ס האָבן זיך צעהוליעט,
גרייט להרוג ולאבד,
זיך צעלאָזן ווי שכורים,
און מיט סם דאָס פאָלק מכבד.

מסורים, גרעפּטער, רעקעטירער,
קיין אונטערשייד ניט פון אַ נאָמען,
נאָר אַלע מאָל, אין אַלע צייטן,
יאָוועט זיך אַ נייער המן.

דער אחשורוש, אין די הויכע פענצטער
לייגט אַרויף אויף אַלץ זיין שטעמפּל,
אַלץ וואָס ערלעך ווערט פאַרשוועכט איצט,
ווען אַ המן פירט דעם טעמפּל.

צופּט רעאַקציע און רייסט שטיקער,
מאַכט אַ תל פון פעטערס בערדל,
נאָר ווי דער סוף איז פון יענער מעשה,
וועט מרדכי זיצן אויפן פערדל!...

זיי וועטן — און בעטן...

עס זינדיגט זיך וואָל-סטריט
מיט גרויסע על-חטא׳ן,
נאָר די גנבים די קלוגע —
זיי ווייסן וואו „בעטן״...

זיי האָבן אַ קלייזל,
פון בלויז רעקעטירער,
וואו דער „חזן״ — דער „זאָגער״...
איז געבוירן — פאַר-פירער...

די גנבות פאַרדעקט ער,
די זינד זיי פאַרשאַרט ער,
ער קריגט זיי די חתימה...
און ווידער שוין נאַרט ער.

ער קלאַפּט זיך על חטא...
לויט דער טעמעני-עצה,
די מאַסן — אין האַרצן,
דעם פּאָליטישן — אין פּלייצע...

שבועותדיג

צע׳טענה׳ט אַ באָס זיך אין אַ שמועס,
טאַקע פונקט ערב שבועות:
„נאָר מילכיגס, — קען צי פוטער —
איז אַ מאכל גאָר אַ גוטער.

און אויב כ׳ליב אַ בהמה ווי דאָס לעבן,
איז נאָר ווייל זי קען מיר מילכיגס געבן,
און ניט נאָר בהמות, — איך ליב אויך ציגן,
אַבי מ׳קען נאָר מילכיגס קריגן.

פאַר מיר איז מילכיגס ווי רפואות,
כאָטש גיט מיר אַלע טאָג שבועות.
איך האָב ליב וואַרעניקעס, קרעפּלעך,
ביי מיר זיינען מילכיג אַלע טעפּלעך.

בלינצעס עס איך פולע טעלער,
איר פאַרלאָזט זיך אויף מיין וועלער.
גיב איך אַ שמעק נאָר מיט מיין נעזל,
ווייס איך וואו ס׳ליגט אַ קעזל.

וואו עס באַקט זיך אַ פוטער־קוכן
איך זאָל האָבן וואָס צו פאַרזוכן.
און אויב מ׳גיט נאָך קעז מיט לאָקשן,
איז אַ כפרה עופות, אָקסן.״

לאַכט אַן אַרבעטער: כ׳בין אומפּאַרטייאיש...
כ׳האָב ניט קיין מילך און ניט קיין פלייש,
איין זאַך ליגט מיר נאָר אינזינען —
וואו קען איך אויף ברויט פאַרדינען? . . .

ניי־יאָר געבעטן

ניי־יאָר ווײנט מען און מ׳בעט
מיט טרערן און געוויין:
איינער בעט, אים עסן פעלט,
אַ צווייטער בעט אויף ציין.

אַ לענדלאָרד בעט: גאָט, העכער מיר
דעם רענט אַרויף אַ סך,
און אַ פּאָרל בעט ביי גאָט:
פיר ווענטלעך און אַ דאַך!

אַן אויל־מאַגנאַט די אויגן גלאָצט:
מלחמה מאַך געשווינד,
דערביי אַ מאַמע די אויגן ווישט:
באַשיץ מיר, גאָט, מיין קינד!...

אַ פּאָליטישן קלאַפּט על־חטא:
קלייב אויס מיך צום קאָנגרעס.
אַ בירגער שטייט דערביי און בעט:
קלייב אויס אים פאַר אַ מת...

בעט אַ פרוי זיך: גאָטעניו,
פאַרגיב מיר מיינע זינד
און שיק מיר צו אַ קדיש׳ל,
אין הויז זאָל זיין אַ קינד.

אַ צווייטע פרוי ווײנט און בעט:
אין הילף איך נויטיג זיך,
מיין מיידל דאַרף אַ קליידעלע,
מיין אינגל — אַ פּאָר שיך.

אַ סוחר גיט צדקה־געלט:
הויב, גאָט, די פרייזן הויך,
און אַ קבצן בעט פאַר זיך:
אַ ברויטל מיט אַ יויך.

אין מזרח־וואַנט עס זיצט אַ באָס
און בעט אויף נאָך מער געלט,
אַ פאָלקס־מענטש זיצט ביים סאַמע טיר
און בעט אַ פרייע וועלט...

הערט אויס גאָט זיי אַלעמען,
די תפילות און געוויין,
נאָר געהאָלפן ווערן אַלע די —
וואָס העלפן זיך אַליין!...

שלים־מזל וואו קריכסטו?...

דאָס לעבן איז דאָ אַ רולעטקע,
מענטשן שטעלן אַלץ דאָ איין.
איינער וועט אויף רעגן,
אַ צווייטער וועט אויף זון־שיין.
שטעלט איינער איין אַ גאַנץ פאַר־מעגן,
אויף דעם לויפן פון אַ פערד.
שטעלט אַ צווייטער איין זיין לעבן
און געווינט — פיר איילן ערד...

עס זוכן מענטשן צו ריזיקירן,
מ׳וויל נאָר פלוצלינג ווערן רייך.
שטעלט מען איין אַלץ וואָס
ס׳לאָזט זיך,
און עס לאָזט זיך אוים אַ טייך...

ווער עס געמבלט אויף לאָטערייען,
ווער ביי „מאַשינען", הרג׳עט
צייט
ניט איינער בלייבט מיט בלויזע
שלייקעס —
פון געוועטן אויף אַ „פאַיט"...

עס וועטן יונגע, עס וועטן אַלטע,
פאָפּולער איז דאָ דער וועט.
אויך פרויען האָבן גלייכע רעכט
דאָ,
און זיי שפּילן — און געוועט.

עס שפּילט דער רייכער, שלעפּט
זיך קבצן.
די „סיסטעם" שלעפּט אַלע מיט.
איינער ברעכט דעם האַלדז און
נאַקן,
און אַ צווייטער — בלויז אַ גליד...

יעדער האָפט און וואַרט אויף מזל,
נאָר ס׳מזל איז אויך אַ רעקעטיר...
שפּילט ער שטענדיג מיטן רייכן,
און שלים־מזל — שפּילט מיט
דיר...

פאַר אַ גוטער חתימה...

מ׳פייפט אויף מיר אין
וואַשינגטאָן,
איך האָב דאַרט ניט קיין „לאָבי".
אין שול בין איך קיין יחסן ניט,
אַ קבצן — ניט קיין גבאי.

אין שאָפּ ביים באָס און פאָרמאַן,
בין איך נאָר אַ לאָשעק...
נאָר צו ווערן אַ „געהאָלפענער"
גיט מען מיר אַ „פּראָשעק"...

איך זאָל וואָס מער נאָר פאַסטן,
וועל איך האָבן וואָס צו עסן...
אויסוויינען די אויגן זיך,
וועל איך פון צרות שוין פאַר־
געסן...

ווייס איך אָבער גוט ביי זיך,
אַז מיט צרות גייען טרערן
און פון תעניתים—גאָט באַהיט—
קאָן מען זאַט ניט ווערן.

מוז מען שטאַרק פאַראייניגט זיין,
דעם ענין קלאָר פאַרשטיין,
אַז צוזאַמען וועט שוין זיין,
וואָס איך ווינטש אַליין!

האַרבסט . . .

אַט אַזוי בייט זיך צו ביסלעך
אין גאַנצן דער וועטער,
און די גאַס ווערט פול
מיט געלע בלעטער.

ס'נאָגט אין הארצן,
אַ גרויסער פּיין איז,
ווען צעקלאַפּט זיינען בלומען
אַזוי ווי הושענות . . .

פויגל סטייעס
לויפן, שוועבן,
זוכן וואו
אַ שוץ פאַר לעבן.

זוכן וואו זיך
אויסצובאַהאַלטן,
פון דעם האַרבסט
פון ווינט דעם קאַלטן . . .

אויך דאַך און קוימען
כאַפּן אָפט אַ ציטער,
ווען בייז צעלאָזט זיך
דער געוויטער.

נאָר די וואָס ווייסן,
האָבן גלויבן,
זעען זון-ליכט
דורך כמאַרעס — אויבן . . .

און מוטער-ערד
וועט ווידער „טראָגן“,
מיט רויטע בלומען —
פרייד אָנזאָגן:

זאָל זיין מיט מזל,
דאָ און דאָרטן,
עס לעבט און בליט
דער נייער גאָרטן . . .

פון היץ גערעדט . . .

צעוואַרעמט עס האָט זיך
אין הימל די זון,
און איבעראַל הערט איר
נאָר רעדן דערפון —

ביי איינעם עס האָט זיך,
דאָס פּנים צעברענט.
ביי אַ צווייטן פאַלט שטיקער
הויט פון די הענט.

עס האָט איינער פאַרברענט,
זיין נאָז ווי אַ טאָפּ.
אַ צווייטער פּרובירט —
לייגן וואַסער צום קאָפּ.

עס מאַטערן זיך אַרבעטער,
פּראַצעווען אין שוויים,
און דער באָס — אָנגעבלאָזן
שרייט: גוואַלד עס איז היים...

מיד איז דער קערפּער,
הייזעריג די שטים.
יעדער נאָר חלומ'ט —
וואו כאַפּט מען אַ שווים.

מאַמעס און קינדער
זוכן ווינקלען אין שאָטן,
נאָר דער שאָטן אַליין —
איז אויך אָפּגעבראָטן.

די היץ האָט צעברענט זיך,
ווייזט וואָס זי קען.
איז איינעם אַ סמאַליע,
אַ צווייטן — אַ ברען.

אויך מיניסטאָרן, פּאָליטישנס,
זעען אויס ווי פון שוויץ.
איר וואָלט געמעגט שווערן,
אַז זיי רעדן פון — היץ . . .

דער פערטער יולי

דער פערטער יולי איז אַ יום־טוב געווען
צו פייערן דאָס ווערן „אינדעפּענדענט".
האָבן די קינדער זייער צייט פאַרשווענדעט,
צו שיסן פאַר „פאָן", פאַר שפּאַס,
אין הויז, אויפ'ן דאַך, אין גאַס.

נאָר די שפּיל איז געווען אויף קאַטאָוועס
מיט'ן מלאך־המות . . .

איצט שיסט די וויסטע פרעסע מיט שקר —
אַנשטאָט פייער־קרעקער . . .
און די גענעראַלן,
שאַלן, עס זאָל קנאַלן,
אַלץ וואָס איז ליב און טייער,
זאָל גיין אויפ'ן פייער . . .

און פאַר'ן קינד, איז יולי דער פערטער,
איצט אַ פאַרשטערטער,
ווייל דער אַטאָם־מאַן,
מיט דעם עראָפּלאַן און קאַנאָן,
האָבן „צעשאָסן" די „פאָן" . . .

ראַמט אויס דעם חמץ!

ס׳איז אָנגעפּילט די וועלט מיט „חמץ״.
מען פאַרשפּרייט אין לופט די סמ׳ען.
דאַרף מען שאַפן אַ פרייהייט׳ס יום־טוב,
כדי דעם חמץ אויסצוראַמען.

מ׳מוז אויסקערן יעדן ווינקל,
אויסגליען דאַרף מען און אויסוואַשן,
דאָס שמוץ דערנאָך אין פייער לייגן,
פון דעם מאַכן גרויע אַשן.

אין לעבן האָט זיך אָנגעקליבן
צופיל זויער־טייג און שימל,
עס שלאָגט דער ריח אַזש צום הארצן,
דער פעסט — ער טראָגט זיך ביז׳ן הימל!

און אָט דער „חמץ״ שפּילט אַ ראָלע,
פאַרשאַפט דעם הונגער און געראַנגל.
מוז מען אויסראַמען דעם „חמץ״,
וועט אין ברויט ניט זיין קיין מאַנגל!...

צוזאָגן און ליב האָבן

„צוזאָגן און ליב האָבן
קאָסט גאָר ניט קיין געלט״ —
דאָס ווערטל איז באַקאַנט גאַנץ גוט
רונד־אַרום דער וועלט.

אַז „צוזאָגן״ זיינען ביליג גאָר,
האָט דאָס ווערטל אַ גוטן גרונט,
אָבער ליבשאַפט, אָ־דאָס, ברודערל,
קאָסט געלט און אויך געזונט!

דערפאַר גיט אָפט פּאָליטישן אונז
(נאָר כדי צו זיין באַרימט...)
צוזאָגן פון גאָר דער וועלט,
אַבי נאָר פאַר אים שטימט...

נאָר פירער טאַקע פונ׳ם פאָלק,
וואָס זיינען גרייט צו גיין אין פייער,
פאַר זייער ליבע בצאָלן זיי
אַ פרייז — און אָפט גאַנץ טייער...

ווער איז שולדיג?

איז שולדיג דער קצב?
איז שולדיג דער קרעמער?
יעדער איינער ווייזט אָן —
ס׳איז דער צווייטער דער נעמער...

שולדיג עס זיינען —
נאָר די ספעקולירער,
וואָס „פאַרשוואַרצן די סחורה״...
און „טראָסט״ איז דער פירער...

איינער מעסט אָן —
אויפן צווייטן דאָס היטל:
שולדיג עס איז נאָר
דער פאַרקויפער אין „ריטעיל״.

דאָ קומט די רעגירונג
און גיט אונז אַ „לעסאָן״ —
אין קאַמף מיט׳ן יקרות,
איז דאָס בעסטע — ניט עסן...

און „ריטעילער״ ווייזט גלייך,
ווי אין „האָלסעיל״ מ׳פּאַסט אים...
מאַכט דער „האָלסעילער״ אַ פּנים:
אומזיסט נאָר מ׳האַסט אים...

יעדער איינער שרייט גנב
מיט׳ן פינגער ער טייטלט,
נאָר, אין אָט־אָ־דעם טומל —
ווערט דאָס פאָלק אויסגעבייטלט!

אַ צירונג...

זאָגט אַ קינד אַ אידיש וואָרט,
באַלעקן פריינט זיך — ווי פון טאָרט,

און מ׳גיט אים אַ מעסט אָפּ:
„ער האָט דאָך אַ מיניסטער־קאָפּ״!

נאָר מאַמע קלערט אויף, פריידיג, פול:
ניט קיין וואונדער — ס׳איז די שול!

די מאַמע־שפּראַך איז אונז ניט פרעמד,
ס׳איז אונז נאָענט, ווי לייב און העמד

און ווי פאַרפּוצט אין קלייד און שוך
איז אונזער צירונג — אַ גוטער בוך!

אַ „סילינג" (סטעליע) אויפן קאָפּ . . .

ווי עס רעדן פּאַרליבטע,
פון בלומען אין פרילינג,
גערעדט האָט די מאַכט דאָ
פון מאַכן אַ „סילינג".

אַ „סילינג" אויף שכירות,
אַ „סילינג" אויף פּרייזן,
ס'זאָל זיין וואו צו וואוינען,
און גענוג אויך פּאַר שפּייזן.

עס זאָל ניט רייסן דער רענטלאָרד
פאַר דער פינצטערער כאַטקע,
און ס'זאָל ניט שינדן דער קצב
דעם קאָנסומער אין יאַטקע . . .

עס זאָל ניט שרעקן דער קרעמער
מיט דער שטענדיגער מורא,
אַז ער העכערט די פּרייזן,
ווייל ס'איז אַ מאַנגל אין סחורה...

אַזוי רעדט מען פון „סילינג",
ווי ער וועט שוין אַלץ לייזן,
דעם יאָך פון די מאַסן,
פון רענט, ברויט און הויזן . . .

— — — — — — — — — —

נאָר דערווייל האָט דער „סילינג"
בלויז באַוויזן זיין כוח —
ער איז אין קיך מיר באַפאַלן
און — צעשפּאָלטן מיין מוח! . . .

נאָך ווינטער קומט פרילינג!

געווען איז אַ ווינטער,
מיט ווינטן און שנייען
און אַלע מאָל ביידע
געגאַנגען אין צווייען . . .

פלעגן ביידע באַפאַלן
און נעמען גלייך שטויסן
אפילו די קוימענס
זיך געכאַפּט אָפּט צו רייסן.

האָבן מענטשן פּאַרקילטע,
מיט שטימען געדריקטע,
געשטיקט זיך, געכאָרכלט,
ווי עופות פּאַרשטיקטע . . .

אָבער געקומען אַ סוף איז
צו זייער קלאַפּן אין טאַצן,
אין ליכט פון דער זון
האָט דער פראָסט געמוזט פּלאַצן...

און צעבליט האָט די וועלט זיך
אין קאַמף מיט פּאַרקילונג:
מיט בלומען און זון־שיין —
פאַר אַ פריידיגן פרילינג! . . .

„אַ גוט קוויטל" . . .

מיט גאָט איז ער אַ פּאַני־בראַט,
פֿיש און פֿלייש האָט ער צו זאַט,
גאַנצע הויזן, גאַנצע שיך,
און אַ „ראָלס־ראָיס" פֿירט ער זיך.

זיצט אין שול אין מזרח־וואַנט,
מיט אַ דימענט אויף דער האַנט.
ער זאָגט די דעה פֿאַר גאַנץ קהל,
ער איז דער פּרעזידענט פֿון שול.

דעם מפֿטיר קויפֿט ער שטענדיג איין,
עס קאָן אָן אים קיין מנין זיין,
ער אַליין איז גראָב און פֿעט,
נאָר זאָגט דעם קבצן: „זאָג על חטא" . . .

דערביי ער ווינקט צום גרויסן האַר:
„אַ גוטן קוויטל" גיב דערפֿאַר . . .
קריגט ער, איז דאָס זייער שיין,
טאָמער ניט — נעמט ער אַליין! . . .

עס שטייגט

עס פֿאַלט דעמאָקראַטיע,
עס פֿאַלן „ליבעראַלן" . . .
פּאָליטישנס זאָרגן,
עס זאָלן זיין וואָס מער פֿאַלן. . .

מ'זאָרגט אויך אויף וואָל סטריט,
אַז שכירות זאָלן פֿאַלן,
און רעקעטירער, פֿאַרפֿירער,
וואַרפֿן אַראָפּ די מאָראַלן . . .

נאָר צווישן דעם פֿאָלק
אין די גאָר ברייטע קרייזן,
שטייגט ריזיג דער צאָרן,
ווי עס שטייגן — די פּרייזן! . . .

עס לאָזט ניט שלאָפן

עס פילן מענטשן אומרואיג,
זיינען די אויגן אָפן;
די אורזאַכן פאַרשידענע,
נאָר אַלע גייט אוים צום שלאָפן...

איינער קאָן אין בעט ניט גיין,
דער מאָגן שרייט: גיב עסן!
אַ צווייטער מאַכט אַן אויג ניט צו,
קען די חובות ניט פאַרגעסן...

אַנדערע דרייט דער קאָפּ,
ס'איז שווער צו קריגן דירות.
ביי מאַנכע ווידער דרייט די הענט,
און ס'פעלט זיי אוים די שכירות...

אַ מאַמע מאַכט אַן אויג ניט צו,
צוויי זין — פון קאָפּ די אויגן...
מיט מונדירן אויסגעפּוצט...
אין קריג — אַוועקגעפלויגן!...

איינער חלש'ט נאָך אַביסל רו,
די נערוון זיינע שטילן.
פעלט אים נאָר דאָס שלאָף-מיטל,
צו קויפן זיך די פּילן...

נאָר אויך די רייכע שלאָפן ניט,
כאָטש פּילן ליגט אין פלעשל —
איינעם לאָזט אַ הוליאַנקע ניט...
אַ צווייטן — האַלט דאָס „טעשל"...

קוקן שטאַרע אויגן אוים
אויף צייט, וואָס ווערט צעלאָפן
אין די לאַנגע ווינטער-נעכט,
מיט מענטשן—ניט דערשלאָפן!...

אין טעג פון שופר

ס'איז אַ וועלט פון בלאָזן שופר
נאָר ניט יעדער בלאָז מ'קאָן
באַגרייפן —
איינער בלאָזט ניט צו לאָזן
שלאָפן,
אַ צווייטער בלאָזט — אָנצופייפן.

איינער בלאָזט אויף הייסע זאַכן,
אַ צווייטער בלאָזט זיך ווי אַ
אינדיק,
אַ דריטער בלאָזט, עס פעלט אים
אָטעם
און אַ פערטער וויל מאַכן ווינטיק.

עס בלאָזט אַ ייד, אַ בעל-תוקע
מ'זאָל דעם שלום—ניט צעשטערן,
דער קריגסמאַן, האַלט אין בלאָזן
אַ רוף פאַר קריג, וויל ער הערן.

זיצן „בלאָזער" אָנגעבלאָזן,
ביי דער זייט די פרעסער,
זויפער...
פאַרגלאָצן פרום זיך זייערע אויגן
און פייפן אָן אונז אָן אַ שופר...

„קאַנאַסטאַ" שפּיל

די שפּיל זי גייט
אויף טיש און באַנק,
אין דעם רעזאָרט —
געזונט צי קראַנק,
עס שפּילן אַלע
מיט איין ציל,
ס'איז אַ מגפה
קאַנאַסטאַ שפּיל . . .

וואָס מיר יקרות,
ווער מיר קריג, —
קאַנאַסטאַ שפּילט שוין
קינד אין וויג . . .
וואָס מיר לערנען,
אַ ספר, בוך?
די גאַנצע תורה
איצטער זוך:

פון קאַנאַסטאַ
וואַקסט אַרויס,
געשעפטן גרויסע,
וואָס טראַכטן אויס:
קאַנאַסטאַ קליידער,
שלייקעס, שיך,
עס טראָגט קאַנאַסטאַ
ווי דער רוח . . .

אין די טעשלעך
אויפן טיש,
צוויי אין איינע
טאַש און מיש . . .
האַנט צו האַנט,
„דיל" נאָך „דיל",
טאָג און נאַכט
קאַנאַסטאַ שפּיל.

פאַרשעמט איז „טשעקערס",
פאַרחוזקט שאַך,
אַלע שפּילן
נאָר איין זאַך —
עס שפּילט די „לעידי",
עס שפּילט דער „ספּאָרט".
קאַנאַסטאַ איז איצט —
אַלץ וואָס אין קאָרט . . .

קעניג, דזשעק,
„אַגרעסאָרס" צוויי . . .
און קאַנאַסטאַ
אויך מיט זיי . . .

רופן, שרייען —
קומט, מאַכט געלט!
און מ'שטעלט
אין „קאָן" די וועלט . . .

וואַקאַציע...

שטאַרק געהאָרעוועט אין סיזאָן,
בערג מיט „באַנדלעך" אריינגעשאָסן...
אויף מיינע שונאים אַזאַ גליק,
וואָס כ'האָב דערפון גענאָסן...

און אַז דער „סלעק" באַווייזט זיך נאָר,
פייפט מיר גלייך אין פאַקעט...
שטיי איך ווידער גאַנצע טעג —
מיט „טויזנטער" אין מאַרקעט.

נאָר ווי עס קומט דער זומער אָן,
רעדן מענטשן פון וואַקאַציע.
פאָרט מיין באָס אין זיין זומער־פּלאַץ
און איך? — איך האָב אינפלאַציע...

דערציילונגען, מאָנאָלאָגן,
הומאָרעסקעס און מעשה׳לעך

אַ קינד ווערט געבוירן...

אינדרויסן אַרום די פענצטער־געזימסן פונ׳ם גרויסן שפּיטאָל שטעלן זיך אָפּ זינג־פייגעלעך און טייבעלעך צו זוכן ברעקלעך שפּייז. זיי שפּרינגען אַי־בער פון פענצטער צו פענצטער, זינגען, וואָרקען, קושן זיך אין די פּיסקעלעך.

אינעווייניג אין די גרויסע פּאַלאַטעס און פּריוואַטע צימערן ליגן קראַנקע. זייער קרעכצן, זייערע זיפצן פון ווייטאָג פאַרשטומט דאָס געזאַנג פון די פויגעלעך, דאָס וואָרקען און ליבע־דערקלערונגען פון די טייבעלעך...

אין שפּיטאָל איז יעדער ווינקל פאַרנומען מיט בעטלעך. אין יעדן בעטל — אַ קראַנקער. יעדער קראַנקער האָט זיינע ווייטאָגן און זיינע פּראָבלעמען . . .

עס ליגן האַרץ־קראַנקע, קאַנסער־קראַנקע און מאָגן־קראַנקע; מענטשן, וואָס ליידן פון צופיל פעטס, און מענטשן, וואָס זיינען פאַרמאַרעט פון ניט־דערנערן זיך; מענטשן מיט הויכע בלוט־דרוקן און מענטשן מיט נידע־ריגע בלוט־דרוקן. איינעם פעלט אַ האַנט, אַ צווייטן — אַ פוס. אין איין צימער גוסס׳ט אַן אַלטער, אָפּגעלעבטער מענטש, אין אַ צווייטן צימער — גייט אַ יונגע מוטער צו קינד.

אין די קאָרידאָרן זיינען אָנגעשטעלט פיר־וועגעלעך, שפּיטאָל־מכשירים, טראָג־בעטלעך.

דאָקטוירים און קראַנקן־שוועסטער, אָנגעטאָן אין ווייסן, לויפן, האַווען און שמייען.

עס לויפט פאַרביי אַ דאָקטאָר, עפּעס אַ זאָרג איז אויסגעשפּרייט אויף זיין פּנים. ער האַלט די הער־טרייבלעך אין איין האַנט, אָפּעראַציע־געצייג — אין דער צווייטער האַנט. ער ווערט פאַרשוואונדן אין די זייטיגע קאָרידאָרן. אַ צווייטער דאָקטאָר, מיט אַ פריילעך פּנים, שטעלט זיך אָפּ ביים שרייב־טישל, וואַרפט־צו אַ שפּאַסיג ווערטל צו דער קראַנקן־שוועסטער, דערלאַנגט אַ קלאַפּ אין פּלייצע אַ צווייטער, באַגריסט אַ פּאַציענט מיט אַ פריינטלעכן גוט־וואָרט.

שטיל, דורך הינטער־טירן, ווערן טויטע אַרויסגעפירט, און באַלד ווערן מיט׳ן ליפט נייע קראַנקע אַריינגעפירט. די, וועלכע פילן שוין בעסער, וואַנ־דערן אַרום פון איין צימער אין צווייטן; טיילן זיך מיט אַ גוט־וואָרט מיט

אַנדערע פּאַציענטן.

די לופט איז אויסגעמישט מיט ריחות פון בלומען, מתנות פאַר די קראַנקע, און מיט׳ן ריח פון כלאָראָפאָם און פאַרשידענע מעדיצינען. אַזוי זיינען אויסגעמישט די קרעכצן און געשרייען מיט די גוטע וואונטשן, מיט די צאַרטע ווערטער פון פריינט און פון די קראַנקן־שוועסטער.

אַט־דער דאָקטאָר, וויזט־אָן אַ פּאַציענט, האָט ליב מענטשן, ווייל זיי העלפן און איז גרייט צו העלפן די קראַנקע און שוואַכע. און אַט־דער, וויזט ער אויף אַ צווייטן דאָקטאָר, איז האַרט ווי אַ שטיין. ער וואַרט שטענדיג אויף דעם „קאַלטן קופער״, איידער ער נעמט זיין געצייג צום אָפּעראַציע־טיש . . . דער קראַנקער קראַמפט, נאָר ער, דער דאָקטאָר, האַלט זיין האַנט אויסגעשטרעקט. ער האָט געשטודירט צו ווערן דאָקטאָר פאַר איין צוועק — מאַכן געלט.

קוקן קראַנקע מיט מאַטע אויגן. איינער גייט צום אָפּעראַציע־טיש, ווי צו דער שחיטה... ער זעט פאַר זיך אַ קראַנקע וועלט, אונטערגאַנג... דער צווייטער גייט צום אָפּעראַציע־טיש, מונטער, פול מיט האָפענונג אויף גע־זונט און לעבן.

אין דעם הויפּט־קאָרידאָר, וועלכער איז ברייט און לאַנג, זעט איר צו מזרח־זייט, ווי אַ שיינענדיקע זון רייסט זיך דורך די פענצטער, די שטראַלן וואַרפן ליכט און וואַרעמקייט צו די קראַנקע . . .

אויף דער צווייטער זייט, צו מערב, שלאָגט אַ קאַלטקייט. ס׳איז שאָטנ־דיג און קאַלעמוטנע אויפ׳ן האַרצן. אַ גאַנצן טאָג — הערשט נאַכט . . .

עס קומען פריינט באַזוכן קראַנקע. שטעלן זיך אָפּ גרופּקעס פון פאַ־מיליעס, בייטן זיך אויס מיט מיינונגען, טיילן זיך מיט צער און פרייד וועגן דער לאַגע פון די קראַנקע.

יעדער קראַנקער דערוואַרט מיט אומגעדולד זיינע נאָענטסטע און ביי יעדן נאָענטן פּרובירט ער אויסגעפינען, לייענען אויף זיין פּנים, וויפיל זאָרג ער האָט פאַר אים, און — מיט וואָס איז ער גרייט אים צו העלפן, צי בלויז מיט קרעכצן אָדער — אויב נויטיג טאָקע געבן בלוט . . .

אין דעם הויפּט־קאָרידאָר ווערט מיטאַמאָל אַ רעש. אין דעם אָפּטייל פאַר פרויען־געווינערס, האָט מען צו מזרח־זייט אין אַ צימער אַריינגעפירט אַ מאַמע, וועלכע מאַכט דורך געבורטס־ווייען. די מ״זמע האָט שוין געבוירן און האָדעוועט שוין עטלעכע קינדער, אָבער דאָס מאָל, זאָגן די דאָקטוירים, קאָן מען דערוואַרטן צווי אָדער דריי מיטאַמאָל . . .

די מאַמע פרידמאַן קוקט מיט האָפענונגספולע אויגן. זי כאַפּט זיך ביי

די זייטן, ווען עס נעמט וויי־טאָן . . . נאָר זי גיט טרייסט־ווערטער צום מאַן, צו די קינדער, צו די פריינט אַזוי גיך ווי די ווייטאָגן הערן־אויף.

לאָזן־אָפּ אויף אַ מינוט די ווייען פון דער מאַמע פרידמאַן, מאַכט זי אפילו שפּאַס און פּרובירט פאַרווילן די פאַמיליע.

אויך אויף דער צווייטער זייט, אַרום אַ צימער צו מערב־צו אין קאָ־רידאָר, טומלט זיך. דאָרט ציט אַלעמענס בליקן דער קראַנקער גביר פון שטאָט, וואָלף אימפער . . .

אַ סך געהיימעניש איז אַרומגעשפּונען אַרום זיין קראַנקהייט. ווי אַ גביר קאָן באַווייזן, דרייען זיך אַרום אים אַ סך דאָקטוירים, קראַנקן־שוועסטער. מען פירט וועגעלעך מעדיצינען, מאַשינען, אָקסידזשען, עס טראָגן זיך סודות פון אויער צו אויער. איינער זאָגט: ס׳איז דאָס האַרץ; אַ צווייטער — ס׳איז קאַנסער, אַ דריטער — גיט אַ מאַך מיט דער האַנט: פּשוט, ער האָט זיך אויסגעלעבט . . .

עס מורמלען באַקאַנטע: געלעבט ווי אַ הונט, און שטאַרבט ווי אַ חזיר. אַ שיינע ריינע כפּרה . . .

די פאַמיליע און באַקאַנטע שטייען ביים טיר. מען אַמפּערט זיך, מ׳קריגט זיך, מ׳האַלט אין איין רעכענען. מען שרייבט און מען רעכנט: ווער עס וועט קריגן די ירושה, און ווער עס וועט צאָלן קבורה־געלט . . .

די דאָקטוירים האָבן אים אָפּגעזאָגט דאָס לעבן. די קראַנקן־שוועסטער ציילן אים די מינוטן . . .

געשעפטסלייט, וועלכע האָבן מיט אים געהאַנדלט, וואַרפן בייזע רייד: ער האָט געריסן פון טויט און פון לעבעדיג . . . רחמנות איז אים געווען פרעמד . . . זיין נשמה איז שוין לאַנג באַגראָבן אין קאַסע־קאַסטן . . .

איינער חוזק׳ט: ער וועט נאָך ציען, זיין האַרץ איז פון שטיין . . . ער האָט וועקסלען אפילו אויפ׳ן מלאך־המות . . .

אַ צווייטער זאָגט מיט ביטערניש: ער איז שוין קראַנק פון לאַנג צוריק, שטענדיג געלעבט אויף יענעמס רעכענונג און אָן רעכענונג . . . אַנשטאָט עסן — געפרעסן . . . גאַנצע נעכט געהולטאַיעוועט און דורך די טעג מאַ־נעווורירט ווי איינצושלינגען קאָנקורענטן . . . ווי צו פאַרניכטן שכנים . . . אַלע האָבן אים פיינט; ער האָט קיינעם ניט געלאָזן אויפהויבן דעם קאָפּ; איצט — בלויז דער מלאך־המות האַלט זיך נאָענט מיט אים . . .

די קינדער שטייען אַרום מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ. אין די געדאַנקען לויפן רעכענונגען. איינער טראַכט פון באַנקראָט, וואָס וועט ער קענען טאָן אָן דעם טאַטן? אַ צווייטער חשבונ׳ט פאַר זיך אַנדערש, און ער בייט שוין

אין געדאַנק אַ בייטל פאַר זיך . . .

די מאַנטאַנקייט ווערט איבערגעריסן. עס דערהערן זיך פונדערווייטנס די לעצטע ווייען פון דער מאַמע פרידמאַן. די קראַנקן־שוועסטער זאָגן אָן דער פאַמיליע: עס וועט באַלד זיין נייעס . . .

דער טאַטע פרידמאַן מיט די אַנדערע קינדער און פאַמיליע שטייען ביי דער טיר, ווי מיט אויסגעשטרעקטע הענט. אַלע קוקן־אויס זייערע אויגן.

באַקאַנטע שמועסן זיך דורך וועגן דער מאַמע פרידמאַנ׳ס געראַטענע קינדער, וועגן זייערע דערגרייכונגען, און ווי זיי העלפן זיך איינע די אַנדערע; וועגן זייער האַרמאָנישן, פרידלעכן צוזאַמענלעבן, וועגן זייער פאַברענגען און זאָרגן פאַר דער גאַנצער פאַמיליע, וועגן שטענדיגן שלום צווישן זיך.

אין קאָרידאָר רייסט זיך דורך פרייד און לייד, דער „אָי״ מיט׳ן „ווי״ מיט׳ן פרייד און געלעכטער — ליכט און פינצטערניש . . .

דער דאָקטאָר קומט אַרויס פון וואולף אימפּער׳ס צימער. אַ אומעט־פאַרהאַנג איז פאַרצויגן אויף זיין פּנים: ניטאָ מער קיין האָפענונג, דער קאַנסער האָט דורכגעפרעסן זיין לונג־און־לעבער, זיין האַרץ און געהירן. שוין! — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט . . .

אַ קראַנקן־שוועסטער מורמלט־אַרויס צו איינעם פון די נאָענטע שטיל אויפ׳ן אויער: אויסגעגאַנגען! פאַרמאַכט די אויגן! טויט! . . .

אַ שטילער ברום רייסט זיך דורך ביי די אַרומיגע, און ווי פון איין קול הערט זיך: ברוך דין אמת! . . . ברוך דין אמת! . . . — קלינגט אָפּ דער עכאָ איבער׳ן קאָרידאָר . . .

אין דער זעלבער צייט האָט זיך דערהערט אַ קול פון פרייד און פרייד־געוויין אין דער מזרח־זייט פון קאָרידאָר.

אַ קראַנקן־שוועסטער איז אַרויסגעקומען אַ שיינענדיגע, מיט אַ ברייטן שמייכל אויפ׳ן פּנים, האַלטנדיג צוויי פינגער אין דער לופטן: — עס איז אַ בחור מיט אַ מיידל! . . . — אַ צווילינג געבוירן . . .

מיט פרייד און באַגייסטערונג קושט זיך די פאַמיליע, און איבער׳ן קאָ־רידאָר קלינגט דאָס גליקלעכע וואָרט: — מזל־טוב! מיט מזל זאָלן זיי לעבן! און דער עכאָ זאָגט נאָך: „מזל־טוב, מיט מזל זאָלן זיי לעבן!״

אַן אויפשטאַנד פון מתים...

אַ טרער, אַ טרער, אַ טרער —

אַ מאַמעס טרער קאָן ניט פאַרלאָרן גיין. זי זידט, קאָכט, מאָנט.

אוי, אוי, אוי, —

אַ זיפץ, אַ זיפץ, אַ זיפץ —

אַ טאַטנס זיפצן קאָנען ניט פאַרשטומט ווערן. זיי רעדן, וועקן שרייען.

האָבן מיליאָנען און מיליאָנען טרערן פון מאַמעס זיך ניט געלאָזן אויס־טריקענען. קאַפּ, קאַפּ, קאַפּ — טרער צו טרער האָט זיך געצויגן דורך לאַנגע ריטשקעלעך, פאַראייניגט זיך מיטן זודיגן בלוט פון זייערע קינדער און זיך געלאָזט אין אַ שטראָם — ווייקנדיק און וועקנדיג די פאַרגליווערטע ערד: „פאַרוואָס האָט מען פאַרגאָסן דאָס אומשולדיגע בלוט?"

מיט יעדער טרער פון אַ מאַמען איז נאָכגעגאַנגען דער זיפץ פון אַ טאַטן: מענטשלעך בלוט טאָר ניט זיין אומזיסט!

פרעגן אַ טרער און אַ זיפץ פון אַ טאַטע־מאַמע: „וואו איז אונזער קינד? אונזער זון?"

מאָנט אַ געליבטע: וואו איז מיין חתן?

— צוליב וואָס די יונגע קרבנות? — פרעגט גערעכטיגקייט.

ציט זיך די טרערן־כוואַליע. פאַראייניגט זיך זיפץ מיט זיפץ און קרעכץ מיט קרעכץ אין אַ מיליאָניגן עכאָ...

די ערד אויף די שלאַכט־פעלדער נעמט זיך רירן, די אַש־שטויבן פון די קאַלך־אויוונס ווערן צעמענטירט אין ביין און פלייש. עס ווערט אַן אויפ־שטאַנד פון מתים...

שטעלן זיך אויף פּיס, פּיס, פּיס, פּיס, טויזנטער, מיליאָנען, פּאָר פּיס, און אַלע פּיס שמעלצן זיך צוזאַמען אין איין פּאָר ריזיג־גרויסע פּיס, אַזוי גרויס — ווי דער צער פון טאַטע־מאַמע אויף זייער פאַרלאָרן קינד...

נאָך די פּיס נעמען זיך הויבן הענט, הענט, הענט, הענט, — הענט פון ערלעכע קעמפער, וועלכע האָבן געמפּט מיט זייער פעסטן גלויבן. די אַלע הענט פאַרבינדן זיך אין איין פּאָר הענט — הענט, וואָס זיינען אַזוי שטאַרק ווי דער גלויבן, אַז די זון וועט שיינען.

עס נעמען קלאַפּן הערצער, הונדערט, טויזנט, מיליאָנען: טיק, טיק, טיק.

הערצער, וואו די ליבע איז נאָך איינגעקלאַמערט, הערצער וואָס קלאַפּן מיט אמת, הערצער וואו ס'איז איינגעבאַקן אַ טאַטע, אַ מאַמע, אַ שוועסטער, אַ ברודער, אַ חתן און אַ כלה, הערצער וואָס זיינען אַזוי ריין און אויפריכטיג ווי אַ מאַמעס אַ קוש . . . פון אַלע הערצער ווערט איין האַרץ, אַ קלאַפּנדיג, גרויס האַרץ, אַ האַרץ וואָס לאָזט זיך מער ניט אָפּשטעלן — ווי דער גאַנג פונ'ם ערד־קיילעך . . .

און באַלד שטעלן זיך אַרויס צינגער, צינגער, צינגער, צינגער, — צינגער וועלכע האָבן געמאָנט פרידן, צינגער וואָס זיינען אויסגעשניטן געוואָרן דורך די בייזע שונאים; צינגער, וואָס זיינען אַרויסגעדריקט געוואָרן פון קרבנות אויף די תליות; צינגער וועלכע האָבן פאַרטיידיגט דעם אמת. פון אַלע צינגער איז געוואָרן איין צונג — אַ צונג אַזוי גרויס און שאַרף צו קאָנען פאַרטיידיגן די בעסטע פון דער מענטשהייט, דעם גרעסטן אמת פון אַלע אמת'ן . . .

מיטאַמאָל האָבן גענומען קוקן אויגן, אויגן בענקנדיגע, אויגן רופנדיגע, אויגן מאָנענדיגע, אויגן וואָס האָבן געזען די פאַרניכטונג פון זעקס מיליאָן פון אונזער פאָלק, אויגן וואָס האָבן געזען ווי מען האָט געמאַכט זייף פון מענטשן־פעטס, אויגן וואָס האָבן געזען, ווי מ'האָט מענטשן געברענט און געבראָטן, אויגן וואָס האָבן באַווײנט זייערע נאָענטע, אויגן וואָס האָבן געזען די סאַמע פינצטערניש אין דער וועלט — דעם נאַציזם און פאַשיזם, אויגן וואָס האָבן געזען די, וועלכע האָבן געפּרוּווט אויסלעשן דאָס ליכט — צו פאַרפינצטערן דאָס לעבן . . . אַלע אויגן האָבן זיך פאַראייניגט אין איין פּאָר ליכטיגע אויגן, אויגן וואָס קענען וואַרפן זייער בליק אין אַלע ווינקעלעך פון דער וועלט. צוויי אויגן — ווי צוויי זונען מיט ליכט און וואַרעמקייט.

מיט אַן אויסערגעוויינלעכן כוח האָט זיך גענומען רירן דער מוח, דער מאַרך, דער מאַרך פון דענקער, דער מאַרך פון דערפינדער, דער מאַרך פון וויסנשאַפטסמאַן, דער מאַרך פון שרייבער, דיכטער, פילאָזאָף, צוזאַמען מיטן מאַרך פון פירער, וועגווייזער, צוזאַמען מיט די מיליאָנען מאַרכן פון די שאַפער און בויער, די מאַרכן פון אַלע קעפּ, וואָס האָבן געדענקט און געטראַכט ערלעך. עס איז געוואָרן איין גרויסער, געזונטער, שטאַרקער קאָפּ, אַ קאָפּ מיט מאַרך, וואָס זאָל קאָנען זיין דער קאָפּ פון אַ געזונטער לעבעדיגער וועלט . . . אַ קאָפּ, וואָס איז אַזוי אומבאַזיגבאַר ווי דער אוניווערז.

דער קאָפּ האָט באַלד געגעבן אַ באַפעל צו אַלע וואַנדערשטענקנס איבער דער וועלט, פון אַלע וואַנדערנדיקע פעלקער, פון אַלע היימלאָזע, פון אַלע וועלכע האָבן געדאַרפט איבערלאָזן אַלץ און אַנטלויפן, פון אַלע „פרעמדע“, וואָס האָבן שטענדיג געמוזט האָבן דעם וואַנדער־שטעקן ביי דער זייט, צו

קאָנען לויפן וואו די אויגן טראָגן. פון אַלע, אַלע שטעקנס זאָל ווערן איין שטעקן, אַ גרויסער שטעקן, אַ שטעקן, וואָס זאָל גרייכן די הויכן פון הימל — אַ שטעקן פאַר אַ פאָן, און פון אַלע באַנדאַזשן אויף דער צעבלוטיגטער מענטשהייט, פון טיכלעך איינגעטונקען אין בלוט, פון אַלע פאַרהאַנגען וואָס פאַרשטעלן דאָס ליכט, זאָל אויסגעוועבט ווערן איין גרויסע ווייסע פאָן, אַ פאָן פאַר שלום אויף דעם גרויסן וואַנדער־שטעקן. איין פאָן — ווי איין וועלט . . .

דער נייער מענטש, דער גרויסער ריז, האָט גענומען די ריזיגע פאָן אין האַנט און אָנגעשריבן אַ לאָזונג, וואָס די גאַנצע וועלט האָט דערזען: פאַר אַ וועלט פון פרייהייט, פרייד און פרידן!

אַ רעדע — פאַר פייער און פאַר וואַסער . . .

לעבעדיג און פריילעך איז געווען אין יעדן ווינקעלע פון דעם גרויסן זאַל. די טישן פאַרפוצט. די באַלייכטונג האָט געוואָרפן שטראַלן אויף די יום־טוב׳דיג געקליידטע מענער און פרויען, און די מאכלים פון קיך האָבן מיט זייערע רייצנדיגע ריחות געריסן די נאָז־לעכער.

אין אַ ווינקל פון זאַל זיצט נח הימלשטיין, דער בעל־שמחה. ער פרוּ־בירט דורכלויפן די זעכציג יאָר פון זיין לעבן. ער בלעטערט די זכרונות אין זיינע געדאַנקען, וויל זיך דערמאָנען, צי האָט ער אַלץ אַריינגענומען אין זיין רעדע, וועלכע ער האָט צוגעגרייט צו זיין יום־טוב.

שוין אַזוי אַ פאָר וואָכן, ווי נח שלאָפט ניט קיין נעכט. ער ווייסט פון דערפאַרונג, אַלס געזעלשאַפטלעכער טוער, אַז די רעדע זיינע וועט שפּילן אַ גרויסע ראָלע פאַר זיין צוקונפט.

האָט נח הימלשטיין, טעג און נעכט געשריבן און געמעקט, געמאָסטן און געוואויגן יעדן וואָרט, וועמען פון די לאַנדסלייט צו דערמאָנען גרויס און — וועמען קלענער, דעם באַדאַנקען פאַר דער גוטער אַרבעט און אַ צווייטן קריטיקירן . . . דערצו האָט נח ליב זיינע רעדעס צו באַפּוצן מיט פערזן, מיט אַפאָריזמען, מיט אַ פאַרגלייך און אַ וויץ, מיט הויכע ווערטער פון גרויסע מענטשן.

אַזוי האָט נח אַרויסגעשיילט די בעסטע געדאַנקען פון די פיינסטע ביכער. ער האָט אָנגעשריבן אַ רעדע — שוין איינמאָל אַ רעדע! אַ רעדע, וואָס מ׳קאָן האַלטן נאָר איינמאָל אין זעכציג יאָר . . .

די רעדע האָט טאַקע פאַרנומען גאַנצע זעכציג „אָפּגעקלאַפּטע״ זייטלעך, דאָך האָט ער דאָס אַריינגעשטופּט אין בוזעם־קעשענע. ער האָט די רעדע געוואָלט וואַרעמען ביים האַרץ, אַזוי, אַז צום באַנקעט, ווען ער וועט רעדן, זאָל דאָס קומען פון האַרץ אַרויס . . .

וואָכן האָט ער זיך אַרומגעטראָגן מיט דער רעדע און איר געוואַרעמט, ביז ס׳איז געקומען דער אָוונט פון באַנקעט.

די שעה׳ן זיינען געלאָפן און די געסט זיינען צוביסלעך געקומען. די

טישן זיינען באַזעצט געוואָרן אַרום און אַרום. אַלע ווײַלע קומט פון אַ ווינקל אַ „לחיים״, לכבוד נח הימלשטיין. און, ענדלעך, האָט זיך דער באַנקעט אָפיציעל אָנגעהויבן.

נח הימלשטיין, איז געזעסן אָנגעגאָסן מיט פרייד, ווי זיין גלאָז מיט וויין. אַלע ווײַלע שושקעט ער אַריין זיין פרוי אין אויער אַן אַנדער באַמערקונג. ער טיילט מיט איר זיין גליק פון דעם דערפאָלגרייכן אָוונט.

די געשמאַקע פּאַטראַוועס זיינען אויפגעגעסן געוואָרן מיטן גרעסטן דערפאָלג . . . דער עולם האָט אַפּלאָדירט — אויף ביידע באַקן! צום סוף איז געקומען דאָס געדיכטע פונ׳ם אָוונט — די פּראָגראַם, די באַגריסונגען און די רעדעס.

דער פאָרזיצער האָט איינגעטיילט די כיבודים גלייך אויף גלייך — אַ טאַלאַנט און אַ רעדנער, אַ טאַלאַנט און אַ באַגריסער. ביז — ענדלעך, ענדלעך איז געקומען צום סאַמע עיקר פונ׳ם אָוונט. דער פאָרזיצער האָט פאָרגעשטעלט דעם הויפּט־מחותן פון באַנקעט — נח הימלשטיין.

נח הימלשטיין איז אַרויף אויף דער פּלאַטפאָרמע, ער האָט אָנגעצונדן דאָס לעמפּל ביים סטענדערד, זיך פאַרנייגט איין מאָל און צוויי מאָל פאַרן בראַוואָ־פּאַטשנדיגן עולם אויף אַלע זייטן און — זיך גענומען צו דער בוזעם־קעשענע אַרויסצונעמען זיין גרויסע רעדע.

ער איז געבליבן שטיין אַ ווײַלע ווי פּאַראַליזירט. זיינע פּיס האָבן זיך גענומען ברעכן, זיינע אויגן פינטלען, די הענט האָבן גענומען טאַפּן די לופט. . . ווען ער איז צו זיך געקומען, האָט ער ווידער געכאַפּט זיך ביי דער בוזים־קעשענע צו אַ צווייטער קעשענע, צו די הויזן־קעשענעס, צו די קליינע וועסטל־קעשנקעס, ער האָט אָבער גאָרנישט ניט געפונען . . . זיין רעדע איז פאַרשוואונדן.

נח האָט דערפילט ווי די ערד ברענט אונטער אים, נאָר וואָס זאָל ער טאָן? אַ רעדע מוז ער דאָך האַלטן. עס קוקן אים אין מויל אַריין זיין ווייב, די קינדער, זיינע פריינט, דער פּרעזידענט פון סאָסייעטי, אַלע וואַרטן אויף זיין גרויס וואָרט! . . .

און נח האָט גענומען רעדן — רעדן פאַר פייער און וואַסער. ער וואַרפט אַריין אַ פראַזע, נאָר פאַרבייט דעם שרייבער, ער דערמאָנט אַ פערז און פאַרדרייט די דיכטער, ער זאָגט אַ משל און פאַרגעסט דעם נמשל.

אַלע פילן, אַז ער איז פאַרצווייפלט און זיי „צווייפלען״ מיט אים מיט. צי וועט ער קאָנען אַרויסקריכן? . . . קיינער ווייסט ניט, וואָס האָט דאָ פּאַסירט און ווי וועט ער זיך ראַטעווען פון דעם פּלאָנטער אין ווערטער, אין

דאָטעס און פּאָרדרייטע נעמען . . .

נח האָט גענומען צינדן דאָס לעמפּעל און אַלע ווילדע פּאָרלאָשן. דער־ביי עפּעס געזוכט מיט זיינע אויגן, זיך ווידער געטאַפּט די קעשענעס.

דער פּאָרזיצער האָט מער ניט געקאָנט איינזיצן. זיין האַרץ האָט גענו־מען חלשן פון שרעק. ער האָט אויף גיך פון טיש אַ כאַפּ געטאָן אַ קריגל וואַסער מיט אַ גלאָז, אַליין אַ טרונק געטאָן, און — דאָס איבעריגע אַוועקגע־שטעלט לעבן נח'ן.

ווען נח הימלשטיין האָט דערטאַפּט די קאַלטע גלאָז וואַסער אין זיין האַנט, איז דאָס געווען פאַר אים ווי דער וואָרעמסטער שלום־עליכם . . . ער האָט אָפּגעווישט זיינע ליפּן און ווידער גענומען רעדן. ווי גיך ס'האָט אים געפעלט אַ וואָרט, האָט ער אַ זופּ געטאָן וואַסער. פאַרענדיגט די גלאָז, האָט ער אָנגעגאָסן אַ צווייטע און ווייטער גערעדט. פאַרענדיגט די צווייטע גלאָז, האָט ער אָנגעגאָסן אַ דריטע און — ווידער איבערגע'חזר'ט די רייד, נאָכ־אַמאָל און נאָכאַמאָל, ווידער אָנגעפילט די גלאָז מיט וואַסער און ווייטער גערעדט . . .

דער עולם האָט שוין מיט חוזק גענומען אַפּלאָדירן, האָט נח געוואָרפן אַ בליק אויפן קריגל, צי ס'איז נאָך פאַראַן וואַסער; און — ער האָט פאַר־געז־עצט צו רעדן נאָך מיט מער פייער, מיט מער ברען . . .

ווען דאָס וואַסער אין קריגל האָט זיך אויסגעלאָזט, האָט נח פאַרענדיגט זיין רעדע . . . צווישן עולם האָט אויסגעבראָכן אַן אַפּלאָדז און מ'האָט גע־מורמלט: אַ שטיקל גליק, וואָס דאָס וואַסער אין קרוג האָט זיך אויסגעשפּעט...

דער פאַרזיצער, דער פּרעזידענט און נח'ס משפּחה, זיינען צו אים צו־געלאָפן פרעגן, וואָס האָט דאָ פּאַסירט, צי איז ער ניט, חלילה, אַרונטער פון זינען.

נח הימלשטיין האָט זיך מיטן אַרבל אַרומגעווישט דעם שווייס און זיי גענומען דערקלערן, וואָס ס'איז געשען. „איך האָב אָנגעשריבן, — דער־ציילט ער, — אַזאַ וואוילע, קלוגע, רייכע רעדע, מיט די שענסטע געדאַנקען. איך האָב אַריינגענומען די גרעסטע שרייבער פון דער וועלט. נאָר — איך כאַפּ זיך צו דער בוזים־קעשענע. און וואָס פרעגט איר — איך האָב זיך איבערגעטאָן אין מיין פּרינץ־אַלבערט, האָב איך די רעדע ערגעץ געמוזט פאַרגעסן אָדער פאַרלירן" . . .

ווען אַלע האָבן זיך גוט אויסגעלאַכט און פּרובירט טרייסטן נח'ן האָט דער פּאַרזיצער ערנסט אַ פרעג געטאָן: „אָבער, פריינט נח, ווען איר האָט שוין געזען דעם אומגליק, אַז איר האָט ניט די רעדע מיט זיך און — איר

האָט ניט וואָס צו זאָגן, טאָ צו וואָס האָט איר נאָך אויסגעצויגן די רעדע אויף גאַנצע צוויי שעה ביז דעם לעצטן טראָפּן וואַסער?" . . .

נח הימלשטיין האָט זיך געבראָכן די פֿינגער, פּרובירנדיק קומען צו זיך: „חכמים, אייך איז גוט צו רעדן. פֿון וואַנען האָב איך געזאָלט וויסן, אַז איך האָב גערעדט צו לאַנג, אַז דעם זייגער מײַנעם האָב איך אויך איבערגעלאָזן אין דער היים? געוויס געבליבן צוזאַמען מיט מײַן רעדע אין דעם אַלטן גאַרניטער . . .

דער פּרעזידענט האָט אים גוט־ברודעריש אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע: „נו, מילא, פֿאַרגעסן איז פֿאַרגעסן. נאָר פֿאַרגעסט ניט אַוועקצולייגן די רעדע פֿאַר אייער פֿינף־און־זיבעציקסטן יובילײ, דאַן וועט איר שוין גוטמאַכן . . .

נח הימלשטיין האָט גענומען אַרויסשלעפּן דאָס נאָז־טיכל פֿון דער הינ־טער קעשענע, אין זײַן פּרינץ־אַלבערט, און — צו אַלעמענס איבעררּאַשונג, האָט זיך איבער דער בינע צעשאָטן אַ פּאַק מיט בלעטלעך . . .

די בלעטלעך זײַנען געווען פֿון נח׳ס רעדע, וועלכע ער האָט זיך באַ־וואָרנט נאָך אין דער היים, אַז ער זאָל ניט פֿאַרגעסן . . . און אַרײַנגעלייגט אין דער הינטער־קעשענע פֿון זײַן פּרינץ־אַלבערט, — נאָר אויף דער בינע, האָט ער אַלע קעשענעס געטאַפּט און געזוכט, נאָר גראָד די דאָזיקע קעשענע איבגאַנצן פֿאַרגעסן . . .

ווען נח הימלשטיין האָט דערזען זײַן רעדע מיט די גאָלדענע ווערטער, האָט ער צוזאַמען מיט זיי זיך אויסגעצויגן אויף דער בינע . . .

און דאָ האָט דער פֿאָרזיצער ערשט גענומען מאַכן די גרויסע גוואַלדן: „וואַסער! וואַסער!" . . .

און נח הימלשטיין האָט זיך ווידער געראַטעוועט — מיט אַ גלאָז וואַסער...

גיי זוך יושר!...

(אַ מאָנאָלאָג)

איר קאָנט מיר ניט איינרעדן, אַז אַ לאַנד וואָס זאָגט, אַז זי קאָן זיך באַגיין אָן באַלעבאַטים, פאַרשטייט ביזנעס . . . איר ווייסט ווי אַזוי מ׳קאָן טאָן געשעפט? אַז ס׳איז דאָ אַ באַלעבאָס, און דער באַלעבאָס האָט צוועלף טוצן אויגן איבער׳ן שאָפּ און ווייסט, וואו אַ קוועטש טאָן, איז אַ פּעני דאָ, און אַ דאָים דאָרטן, מאַכט זיך אַ דאָלאַר . . .

איך האָב היינט געהערט, אַז אין רוסלאַנד, ווילן זיי שוין איינפירן, אַז יעדער זאָל קריגן פריי ברויט. יאָ, פריי ברויט, אַזוי ווי וואַסער, אַזוי ווי לופט, פריי אָן אַ גראָשן. פרעג איך אייך, איז דאָס ניט קלאָרער משוגעת? צו באַקן ברויט דאַרף מען מעל, אָן אויוון, אַרבעטער און טאַקע אַ קראָם וואו צו פאַרקויפן. איך פאַרשטיי, אַ גראָשן מער, אַ גראָשן ווייניגער, אָבער — איינגאַנצן אָן געלט? מ׳קאָן דאָך פאַרלירן דעם לעצטן פאָדעם פון אַזאַ געשעפט . . .

אפשר זענט איר גערעכט. ביי זיי, אַפּצוטאָן עפּעס צו׳להכעיס די קאַפּי־טאַליסטן, וועלן זיי נאָך געבן די אַרבעטער פרייע „פּראָפּעטעס" מיט וויג־שטולן אויפ׳ן פאָרטש . . .

ביין, איר וועט מיר שוין ניט איבערצייגן, אַז סאָציאַליזם איז אַ גוטע זאַך. דאָס קאָנט איר איינרעדן די די אַרבעטער. זיי קאָנט איר דערציילן, אַז אונטער סאָציאַליזם וועלן זיי ווערן די באַלעבאַטים. ווייסט איר, וואָס עס מיינט היינטיגע צייטן ווערן אַ באַלעבאָס? איר וועט מיר דאָך ניט גלייבן, אַז אין מיין שאָפּקע, האָב איך שוין אַריינגעפּאַקט אַרום דרייסיג טויזנט דאָלאַר און איצט, אַז איך וויל פאַרגרעסערן, אַריינשטעלן נאָך אַביסל מאַשינען, אויספּוצן מיין „שאָו־רום", ווייסט איר, אַז דאָס מיינט נאָך אַ צוואַנ־ציג טויזנטער?

איר מיינט ס׳איז מיר אַראָפּגעפאַלן פון הימל די טויזנטער? איך האָב גענוג געדרייט מיין קאָפּ, גענוג איינגעשטעלט, ביז איך האָב געמאַכט אַ טויזנטער דאָ, אַ טויזנטער דאָרטן . . . „כשר׳ע געלט", פאַרשטייט איר מיך, קאָן מען נאָר מאַכן פון קדיש זאָגן, און לעבן מיט דעם, קאָנען נאָר מתים . . .

נו, פרעג איך אייך, ווי אַזוי קאָנען דאָס די נאַרישע אַרבעטער טראַכטן, אַז אונטער סאָציאַליזם וועלן זיי ווערן באַלעבאַטים? מיט וואָס? מיט זייערע אָפּגעריסענע פּאָלעס?...

איצט לאָמיר זיך שוין פאָרשטעלן, אַז די סאָציאַליסטן וועלן ווידער וועלן אונטערשטעלן אַ „פיסל" די קאַפּיטאַליסטן און וועט אונטערשטופּן יעדן אַר־בעטער אַ זעקל מיט געלט און זיי אַזוי אָנזאָגן: ברידערלעך, שוין גענוג גע־שקלאָפט פאַר יענעם, איצט עפנט אַליין פאַבריקן און פון היינט און ווייטער, זייט אַליין די באַלעבאַטים.

וואַרט אַ מינוט, לאַכט נאָך ניט. זאָגט מיר, איך בעט אייך, אַז אַלע וועלן זיין באַלעבאַטים, טאָ ווער וועט פאַר זיי מאַכן די אַרבעט? אַ פאַבריק דאַרף דאָך האָבן אַרבעטער, טאָ ווי קאָנען זיי דערוואַרטן אַ גראַשן פּראָפיט?...

געענדיקט איז, ווייזט אויס, מיין גרינער קאָזין. אויף רוסלאַנד, זאָגט ער, זאָלט איר ניט פרעגן קיין קשיות.

אָט וואונדערט זיך טאַקע דער גרינער און קאָן דאָס ביז איצט ניט צע־קייען. הונדערט מאָל, זאָגט ער איבער, מוז ער צוגעבן, אַז ווען ניט די רויטע אַרמיי, וועלכע האָט אים אַרויסגעראַטעוועט פון היטלער'ן און אַרי־בערגעשיקט אין אַ זיכערן פּלאַץ, וואָלט ער היינט געוויס ניט געלעבט! „קום איך", זאָגט ער, „אין טאַשקענט און פיל זיך זיכער ווי אַ בן־יחיד ביי דער מאַמען", נאָר וואָס מיינט איר האָט ער דאָרט געטאָן? גענומען זיך צום האַנדל? ווייסיך וואָס? ער האָט זיך גאָר געשטעלט אַרבעטן. צום האַנדל, זאָגט מען אים, באַזאָרגט שוין די רעגירונג אַליין.

נו, וואָס באַווייזט דאָס, אויב ניט ווי איך זאָג אייך, אַז די רעגירונג האָט פאַרכאַפּט פאַר זיך די בעסטע ביזנעס? און דאָס, וואָס מ'זאָגט צו די אַר־בעטער, אַז זיי וועלן ווערן די באַלעבאַטים, איז כלו שקר, בלאָף.

פאַרקערט רעדנדיג, וועל איך אייך צוגעבן, אַז אויך דאָ איז ניט ווי מ'זאָגט כלו צדק.

אָט הערט אויף טשיקאַוועס, ווי די גאַנצע ביזנעס שטייט דאָ אויף גנבה און גזלה.

מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק בין איך אַרויס אויף פינפטע עוועניו און קאָ־פירט אַ פּאָר פּאַסאָנען פון קליידער. איך האָב זיי גענומען נאָכמאַכן און ס'איז אַוועק אַ גאַנג. איך בין אַרויס איינמאָל, און נאָכגעקוקט, אַ צווייטן מאָל און — ס'האָט שוין געהאַלטן אויף אַ וועג. ערשט איצט, ווען איך האַלט ביים פאַרענדיגן, גיי איך אַרויס און וויל נאָך כאַפּן אַ גוטן קוק און — פרעגט שוין גאַרניט, ווי אויף צו־להכעיס, האָבן זיי דעם מאָדעל אַרויסגענומען פון

פענצטער און איך בין געבליבן ווי מיט אַ שניפּס, אָן הויזן! הײנט גײ מאַן בײ דער וועלט יושר!...

און אַז איך זאָג יושר, וואָס דאַרפט איר מער? איך גײ זוכן אײנצוויפּן מאַשינען, זאָגט מען מיר, — לא — מיט אַ פײג... ניטאָ קײן מאַשינען, ניטאָ קײן סחורה, מ׳דערלאַנגט מיר מיט „אַ פּראַיאָריטי״ איבער׳ן קאָפּ און שווײג... ס׳הײסט, עס איז פאַראַן בילינקערע פאַר מיר.

טענה איך צו זײ: סטײטש, איך בין דאָך עפּעס אַ מענטש וואָס האַלט אויס די רעגירונג מיט מײנע טעקסעס — — —

וואָס זאָגט איר? איר צאָלט אויך טעקסעס, און — מ׳פײפט אויף אײך? נו, אַלץ הײסט טעקסעס, וויפיל אַשטײגער קאָסט אײך? ווען איר אַרבעט, באַצאָלט איר, לאָמיר זאָגן, אַ צען דאָלאַר אַ וואָך, און אַ פּאָר פּעניס דאָ און אַ פּאָר פּעניס דאָרטן. איך, ברודערל, צאָל שווערע טויזנטער אַ יאָר, און — וואָס דאַרפט איר מער? מײן בוכקיפּער, מוז נאָך אַלײן אויפרעכענען, אויסשרײבן דעם טשעק און טאָקע אַלײן אַרײנשיקן...

נאָר גײ שטעל זיך אויס מיט מײנע ביזנעס, אַז זײ דאָרטן, אין רוזעוועלטלאַנד ווילן מאַכן צוויי הונדערט מיליאָן באַלעבאַטים. אָבער צוריקגערעדט, וואָס האָב איך מורא, מיט מיר קאָנען זײ ניט קאָנקורירן. איך מאַך ביליג און גוט...

און אַז גאָט העלפט נאָך אַ שטיקל מלחמה, איז אַ שאָס אַהער און אַ שאָס אַהין, און — מײנע פּרײזן ווערן אַרויפגעשאָסן און איך בין ווידער אויפ׳ן פערד...

וואָס זאָגט איר, איך רעד ניט צו דער זאַך? עס איז געפּלוידערט? דערווײל, ברודערל, האָט מען מיר נאָך ניט געזאָגט, אַז ס׳איז פאַראַן אַ „פּראַיאָריטי״ אויף רעדן. איר זאָגט יאָ? אפשר פאַר אײך, אָבער ניט פאַר מיר!...

אין אַ היים פאַר אַלטע

אַרייַנגעקומען אין מושב־זקנים איז איטשע־בער, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער אַלטער, נאָר זייענדיג אין דעם זעלביגן פּלאַץ און אין דעם זעלביגן צימער פאַר די לעצטע פופצן יאָר, איז ער טאַקע געוואָרן אַן אַלטער אַלטער. ער אַליין, איטשע־בער, זאָגט, אַז „פאַר די לעצטע פופצן יאָר האָב איך זיך טאַקע אַביסל געעלטערט" . . .

ווען לאַנדסלייט קומען אין מושב־זקנים אים באַזוכן, און גיבן אים אָפּט אַ פּרעג, צי וואָלט ניט בעסער געווען פאַר אים צו זיין מיט די קינדער, איבערהויפּט איצט, ווען די אַלטינקע איז אַוועק שלאָפן אויף אייביג? — גיט איטשע־בער אַ קנייטש זיין קלוגן שטערן און ענטפערט אויף זיין סאַטירישן שטייגער:

— אמת, ביי די קינדער וואָלט איך איצט געוואָרן אַביסל אינגער, ווייל אַן אַלטן טאַטן איז גרינג צו קורצן די יאָרן . . . אָבער ס׳איז שוין ניט פאַר מיין כוח זיך צו שפּילן מיט אַ צווייטער יוגנט . . .

איטשע־בער האָט שוין דעם חשבון געהאַט פון פריער, ווען די אַלטינקע האָט נאָך געלעבט און ער פלעגט נאָך פאַרדינען אין שאַפּ עטלעכע דאָלער אַלס פּרעסער.

ווען ס׳איז אים אויסגעקומען צו רעדן מיט זיין פרוי פעשע, וועגן די עלטערע יאָרן, פלעגט ער איר דערקלערן: „פעשעניו, ווען מיר וועלן זיין אין אַ מושב־זקנים, וועלן די קינדער קומען אונז אָנקוקן כאָטש איין מאָל אַ זונטאָג. זיי וועלן זיך אַריינזעצן אין דער מאַשין, מיטנעמען מיט זיך עטלעכע פון די אייניקלעך און אפשר אויך אַריינלייגן אין אַ שקארמיץ עטלעכע קיכעלעך, אַ שטיקל לעקעך אָדער אַ שטיקעלע געפילטע פיש און זאָגן: היינט פאָרן מיר זען די אַלטע . . . אָבער חלילה־וחס, מיר זאָלן דאַרפן זיין ביי די קינדער, וועט מען אונז ניט וועלן אָנקוקן ניט נאָר אין אַ זונטאָג, נאָר אפילו ניט אין אַ פּראָסטן מיטוואָך . . .

פעשע האָט צוגעשאָקלט מיט׳ן קאָפּ, און פאַר זייטיגע פלעגט זי נאָך אונטערזאָגן: „אַ געזונט אויף מיין איטשע־בער, ער איז ניט נאָר קלוג, נאָר אויך גערעכט".

ווי גיך ער האָט זיך געזעגנט מיט׳ן פּרעס־אייזן, האָט ער, איטשע־בער,

גלייך געמאַכט די נויטיגע אַראַנזשירונגען צו קאָנען אַריינגיין מיט זיין פּעשעניו אין אַ היים פאַר אַלטע. מיט די פּאָר דאָלאַר, וואָס זיי האָבן אָפּגעשפּאָרט און מיט דער הילף פון די לאַנדסלייט, האָבן איטשע־בער און פּעשעניו געקראָגן אַ שיינעם, ליכטיגן און לופטיגן צימער אין אַ מושב־זקנים.

ווען זיי האָבן באַטראַכט די נייע פיר ווינקעלעך, וואו די זון האָט אַריינגעשיינט מיט איר גאַנצן ליכטיגן פּנים, די ריחות פון די קאָליר־רייכע בלומען אַרום דער היים, האָבן אַריינגעשמעקט דורך די צוויי ברייטע צעעפנטע פענצטער, האָט איטשע־בער אָנגענומען זיין פּעשעניו פאַרן שפּיץ פון דער גאָמבע און פאַרווישנדיג פון דער זייט אַ טרער פון אויג, אַזוי געזאָגט:

— פּעשעניו, דאָס איז דער שענסטער און ליכטיגסטער צימער, וואָס מיר האָבן ווען געהאַט אין אונזערע וואוינונגען. פּעשעניו, דאָס צימער וועלן מיר נאָר אויסבייטן אויף אַ צימער אין גן־עדן — ניט ווייניגער . . .

פּעשעניו און איטשע־בער האָבן זיך איינגעאָרדנט אין דער נייער היים. זיי האָבן די היים אפילו ליב געקראָגן, ווי פּעשע פלעגט אָפּט באַטאָנען צו די שכנים: וואָס קאָן זיין בעסערס, אַז איך זע זיך מיט מיין איטשע־בער'ן טאָג און נאַכט. אַמאָל, אַמאָל, — האָט זי מיט'ן ברעג פון איר טיכל אויפן קאָפּ אַ וויש געטאָן זיך די אויגן, — איז ניט געווען קיין טאָג און ס'איז ניט געווען קיין נאַכט, ס'איז געווען אַ געיאָגטער לעבן . . .

גאָר גרויס איז געווען איר פאַרגעניגן, ווען אין אַ שיינעם זוניגן טאָג, האָבן זיך די אַלטינקע צעזעצט אויף די בענק אַרום מושב־זקנים און אַלע אַרום האָבן געקוקט איטשע־בער'ן אין מויל, צו הערן פון אים זיינע קלוגע רייד.

— נו, נו, דערציילט עפּעס פון אייערע חכמ'עלעך, — האָבן די אַרומיגע אים גענומען בעטן.

איטשע־בער איז אָבער אַלעמאָל גרייט געווען צו פאַרווילן זיך מיט די שכנים. חוץ אַ תורה־ווערטל, האָט ער אויך געדענקט אַ גאַנצע רייע לידער וואָס ער האָט אָפּט ליב געהאַט צו באַפּוצן מיט זיי זיינע רייד.

ווען איטשע־בער האָט גענומען דערציילן פון די גרינע יאָרן, פון די סוועט־שאָפּ באַדינגונגען, פון דער גרויסער נויט אין דער היים, ווי זיי האָבן דערצויגן זייערע קינדערלעך, פון די פינצטערע דירות, וואו זיי האָבן אַלץ געוואוינט, פלעגן זיך אָפּט די אַלטינקע אַרום באַגיסן מיט טרערן.

איטשע־בער האָט אָבער פיינט טרערן, פלעגט ער גיך אַריינוואַרפן אַ וויץ, אַ ווערטל, צו צעשטרייען די שטימונג, אַזוי פלעגט ער פּלוצלינג אַ זאָג טאָן: אידן, איר ווילט שלום אויף דער וועלט? שטעלט ניט אָפּ קיין

ירושה . . . מיר האָבן אונזערע קינדער באַזאָרגט מיט שלום, זיי וועלן ניט האָבן פאַרוואָס זיך צו קריגן . . . און זיי וועלן ניט דאַרפן צאָלן קיין קבורה־געלט . . .

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט, דערציילט ער זיי אַזאַ מעשה: אַ טאַטע האָט געהאַט פיר רייכע זין און יעדער זון האָט געוואָלט געבן דעם טאַטן פון דעם בעסטן... שרייט איין זון: „גיי, טאַטעניו, צו משה'ן אויפ'ן פאַרם. ער האָט אַ שיינע הויז מיט הינער, פרישע אייער און גוטע לופט, דו וועסט זיך פילן ווי אין דער היים.

זאָגט משה: „ווינטער וועט זיין צו קאַלט פאַר דיר, גיי, טאַטעניו, בעסער צו חיים'ען. חיים האָט פינף צימערן מיט אַ שול לעבן הויז און — אַ טעלעוויזיע."

צע'טענה'ט זיך חיים: „ער ווייס ניט וואָס ער רעדט. דאָ אין גאַס איז דער טומל אַזוי גרויס, אַז דו וועסט ניט קאָנען צומאַכן אַן אויג. פאָלג מיך, טאַטע, און גיי צו יונה'ן. יונה האָט אַ הויז אין באָראָ־פּאַרק, וועסטו אָנ־קוועלן. זומער איז דאָרט קיל און ווינטער איז וואַרעם. דו וועסט האָבן די אמת'ע קאָנטרי".

„וואָס? — האָט זיך צעשריגן יונה, — איר ווילט, אַז דער טאַטע זאָל עסן טרפות? איר ווייסט דאָך, אַז מיין דינסט ווייסט ניט פון כשר . . . די בעסטע זאַך פאַרן טאַטן, איז פאָרן צו הערשלען אין יאָנקערס, ער האָט דאָרטן אַ שטיק לאַנד, וואָס איז אַזוי גרויס". — — —

דער אַלטער טאַטע האָט אונטערגעכאַפּט: קינדערלעך, זאָרגט אייך ניט, קרקע האָב איך שוין! . . . איך דאַרף ניט קיין לאַנד . . .

ביי אַן אַנדער געלעגנהייט דערציילט איטשע־בער די אַלטינקע אַרום אים, ווי אַזוי די קינדער דאָ האַלטן נאָר פון עלף חדשים אין יאָר, ווייל פון חודש אָב (כבוד־אָב) ווילן זיי ניט וויסן . . .

„און דאָס האָט איר שוין אַמאָל געהערט?" צעלאַכט ער זיך קודם־כל אליין, „ווי דאָס אייניקל קומט צו צום זיידן און פרעגט אים:

„זיידעניו, פאַרוואָס פאַרמאַכסטו ניט דיינע אייגעלעך?"

„ווייל איך וויל נאָך ניט שלאָפן", — זאָגט דער זיידע און גיט אַ גוטן קוש דאָס אייניקל אין קעפּעלע.

„יאָ," זאָגט דאָס אייניקל מיט פאַרדרוס, „אָבער פּאַפּאַ זאָגט דער מאַ־מען, אַז ווי גיך דו וועסט פאַרמאַכן די אויגן, וועלן זיי האָבן אַ הויז מיט געלט" . . .

אַזוי האָט איטשע־בער אַלעמאָל גוטמוטיג פאַרבראַכט מיט זיינע שכנים,

אפילו אין די שווערע טעג ווען ער האָט זיך צעשיידט אויף אייביג מיט זיין פּעשעניו, פלעגט ער גאָר פרובירן טרייסטן די אַלטיטשקע אין און אַרום מושב־זקנים, אַנשטאָט זיי זאָלן אים טרייסטן:

„איר ווייסט, קינדערלעך, אַז מיין פּעשעניו האָט געהאַט מער מזל פאַר מיר... זי איז געשטאָרבן, בין איך כאָטש געבליבן צו דערמאָנען איר צום גוטן, אָבער ווער וועט מיך דערמאָנען?"...

דערפאַר איז איטשע־בער לעצטנס אַרומגעגאַנגען אין אַ געדריקטער שטימונג, ווען דער פאַרוואַלטער פון מושב־זקנים האָט אים געלאָזט וויסן, אַז איצט, ווען ער איז אַליין, קאָן ער ניט פאַרנעמען אַזאַ ליכטיגן, גרויסן צימער פאַר זיך, וואָס איז באַשטימט נאָר פאַר צוויי מענטשן, — און מ'האָט אים גע־געבן אָנצוהערן, אַז גאָר אינגיכן וועט ער זיך דאַרפן אַריינקלייבן צו אַ צווייטן אידן, וואו ס'שטייט אַ ליידיג בעט.

ווען איטשע־בער האָט זיך גענומען באַקלאָגן פאַר זיינע שכנים — און זיי האָבן דאָס טאַקע שוין געהאַט געהערט אויך פון אַנדערע, — האָט מען גענומען טראַכטן פון אַ שידוך פאַר איטשע־בערן, אַ שידוך, וואָס זאָל אים ראַטעווען דעם צימער.

איטשע־בער האָט זיך געלאָזן צורעדן. אַזאַ צימער האָט מען אים אָנ־געוויזן, ווי ער האָט, איז ניט צו געפינען, אָבער אַ שידוך קאָן ער נאָך קריגן איינס און צוויי.

עס האָט לאַנג ניט גענומען און מ'האָט געמאָלדן דעם פאַרוואַלטער פון מושב־זקנים, אַז איטשע־בער וועט אינגיכן חתונה האָבן, און ער וועט ווידער בלייבןביים צימער.

ביי דער חתונה האָט מען געטרונקען לחיים, מ'האָט געטאַנצט, געגעבן דרשה־געשאַנק פאַר דער היים, נאָר איטשע־בער איז אַרומגעגאַנגען און גע־מאַכט חוזק פון אַזאַ משוגענער וועלט: „שלעכט, קינדערלעך, שלעכט, אַז מ'זאָל דאַרפן צוליב אַ צימער — זיך נעמען אַ פּרויענצימער"...

„הערסט", זאָגט ער מיט זיין שטענדיגן הומאָר צו זיין ניי־אַלטער פרוי: „טאַקע גאָר־גאָר אַ צעדרייט וועלטל, ווען איך קאָן, וואָלט איך דאָס אַלץ אי־בערגעפּרעסט אויף דאָס ניי!"...

אַן אויטאָמאָביל . . .

(אַ פען־שטיפעריי)

די פרייד, וואָס האָט זיך צעשפּילט ביי די לאַכאָווס אין הויז, די באַגריסונגען פון די פריינט, וועלכע זיינען געוועזן צו גאַסט און געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן: „זאָל זיין מיט מזל, מיט גליק!“ — האָט די שכנים געמאַכט צו דענקען, אַז ניט אַנדערש ווי די מרס .לאַכאָוו איז געלעגן געוואָרן מיט אַ „פינפערל“, אויב ניט איז כאָטש מיט אַ „דריילינג“ . . .

די פרייד איז אָבער געווען אינגאַנצן אַן אַנדערע. מיסטער לאַכאָוו האָט ענדלעך זיך איינגעהאַנדלט אַ מאַשין!

לאַנגע יאָרן האָט ער גע׳חלומ׳ט צו האָבן אייגענע פיר רעדלעך . . . צו קאָנען אין אַ פרייען טאָג נעמען ווייב און קינד און אַרויספאָרן זען די וועלט... עס האָט זיך אים שוין דערעסן די שטענדיגע חכמה צו ענטפערן, — ווען מ׳האָט אים געפרעגט, צי ער האָט אַ מאַשין — „יאָ, — פלעגט ער ענטפערן, — אין שאַפּ — אַ זינגער־מאַשין“ . . .

איצט שטייט ביים הויז אַן אייגענע מאַשין מיט גאַנצע פיר קיילעכדיגע רעדער. אמת איז, אַז ווען מ׳פרעגט אים פון וועלכער קאָמפּאַני שטאַמט די מאַשין, ענטפערט לאַכאָוו מיט אַ שמייכל: „וועלכער טייל פון דער מאַשין מיינט איר?“, ווייל יעדע טייל געהערט צו אַן אַנדער פירמע . . . מ׳האָט די מאַשין צוזאַמענגעשטוקעוועט, צונויפגעשרויפט, צוזאַמענגעבונדן אין איין קערפּער, וואָס רופט זיך איצט: אויטאָמאָביל . . . קוקט איר זיך אָבער צו, זעט איר, אַז די טיר סקריפּעט, ווייל זי פּאַסט זיך ניט צו צו די ווענטלעך; די פענצטער פאַרמאַכן זיך ניט, ווייל זיי זיינען פון אַ פיל גרעסערער מאַשין; דער מאָטאָר הוזשעט, ווייל ער פאָדערט רעספּעקט פאַר זיין עלטער; אַן אויסגעדינטע ראַדיאָ שטייט ערגעץ אויף די הינטערשטע זיץ־פּלעצער, נאָר אַנשטאָט שפּילן, סקריפּעט זי; דער דאַך, וואָס איז אַביסל צעעפנט, ברענגט גראָד אַריין אַביסל זון־ליכט, — ווען די זון שיינט, דערפאַר ווען אין דרויסן איז אַ רעגן אָדער שניי, קאָן מען זיך שוין באָדן אינעווייניג . . .

מיט די פיר רעדער, ווידער, איז אַזוי: ווען זיין שטייען — שטייען זיי ניט שלעכט. נאָר נעמען זיי זיך דרייען, פאָרן, איז דאָס ווי די היינטיגע

אָרדענונג: איך ווייסט קיינמאָל ניט וועלכע ראָד ס׳איז דאָ די ריכטיגע . . . ס׳איז פיר קאָמפּאַניס, פון פיר באַזונדערע מאָסן. די איינציגע נייע זאַך וואָס די מאַשין פאַרמאָגט אין זיך — איז די „לאַיסענס״ . . .

זעט איר, אויף פּרעסן איז איר אַפּעטיט נישט שלעכט. זי עסט און טרינקט פאַר דרייען. זי כלאָבעט געזאַלין מיט אויל, ווי אַן אמת׳ער אימ־פּעריאַליסט . . . קומט אָבער צום פאָרן, איז מיט איר ווי מיט׳ן קאַפּיטאַליזם: עמיצער מוז שטענדיג זיין גרייט איר אונטערצו„קרעינק״ען . . . און ערשט דערנאָך גיב איר אַ „קרעינק״ זי זאָל זיך אַ ריר טאָן! . . .

פאַראַן ציימן ווען זי לויפט פאַרט ניט שלעכט, איבערהויפּט ווען ס׳קומט ביי רויטע ליכט. גראָד דאַן דערשרעקט זי זיך ניט, ווערט חוצפּה׳דיג און פאָרט. זי האָט ניט קיין מורא אפילו פאַר אַ פּאָליציימאַן, אָדער פאַר אַן עקס־פּרעס. און וויפיל מיסטער לאַכאָוו זאָל איר דאַן ניט דריקן מיט׳ן פוס, געבנדיג איר אָנצוהערן, אַז ס׳איז ניט שיין זיך אַזוי צו צעטאַנצן אינמיטן גאַס און זי זאָל זיך אָפּשטעלן, באַרואיגן, העלפט קיין זאַך ניט, ביז — זי כאַפּט זיך אָרום מיט אַ טעלעגראַף־סלופּ, אָדער אַ גאַסן־לאָמפּ, ווי אַ שכור פאַרטאָג . . .

דערפאַר אָבער ווען זי שטייט ביים הויז — סטאַטעטשנע, רואיג און רוט אויס אירע אַלטע ביינער, שטייען אַרום איר מענטשן און „באַוואונדערן״ זי פאַר איר „אויסגעהאַלטנקייט״ . . . היינט די רייכע געשיכטע, וואָס זי פאַר־מאָגט . . . שפּאַסן טאָקע אַ סך מאָל לצים, אַז אַ קאָמפּאַני וואָלט זי אָפּגעקויפט און באַצאָלט אַ סך געלט פאַר איר, זי זאָל זיך געפינען אויף אַן אויסשטעל־לונג . . . „איז אָבער אַ צרה״, — כאַפּן אונטער אַנדערע, — „וואָס קיין קאָמ־פּאַני קאָן שוין נישט דערקענען ווער עס איז איר אמת׳ער טאַטע״ . . .

ווען לאַכאָוו׳ס קינדער קומען אָבער אַרונטער אין גאַס און זעען דעם גרויסן עולם, וואָס די מאַשין „ציט״, ווייזן זיי אָן זייערע חברים׳לעך אויף אַ צווייטער מאַשין, וואָס געהערט גראָד צום לענדלאָרד, אַז דאָס איז זייער מאַשין . . .

האָט טאָקע די ערשטע צייט פּאַסירט אַ שיינער שפּאַס, ווען מיסטער לאַכאָוו האָט אַרויסגעוויזן זיין שבת׳ישע פּריינטשאַפט און איינגעלאַדן אין אַ זונטאָג דעם שכנ׳ס קינדער צו געבן זיי אַביסל פאַרגעניגן, אַ פאָר צו טאָן אין פּאַרק. די קינדערלעך זיינען אַרונטערגעלאָפן אין גאַס און פאַרכאַפּט די זיץ־פּלעצער פון דעם לענדלאָרדס מאַשין. דער לענדלאָרד איז אַרויסגעלאָפן ווילד ווי אַ חיה, האָט די קינדער גוט אָנגעדרייט די אויערן און זיי אַן אַ „דיספּאָזעס״ אַלע אַרויסגעשטעלט אין גאַס אַרויס . . .

איצט, אַז לאַכאָוו בעט עמיצן פון די שכנים מיטצופאָרן, באַדאַנקט מען אים פיין און מ׳זאָגט: פאָרט געזונט אַליין, — אויב עס וועט פאָרן . . .

פונדעסטוועגן יאַוועט זיך גענוג פּאַסאַזשירן. ווי גיך די לאַנדסלייט האָבן זיך דערוואוסט, אַז מיסטער לאַכאָוו האָט שוין אַן אויטאָמאָביל, איז וואו אַ חתונה, אָדער חלילה אַ לויה, אַ פּאַראַד אָדער אַן אַרויספאָר, האַלט דער טעלעפאָן אין איין קלינגען און אָנפרעגן, צי ס׳איז פאַראַן אָרט פאַר נאָך אַ מענטשן ?

פאַרשטייט זיך, אַז די וועלכע קענען שוין די מאַשין און זייער לעבן האָט נאָך עפּעס אַ ווערט ביי זיי, זיינען בעסער גרייט צו גיין צופוס, אָדער פאָרן מיט אַ פושקאַרט . . .

אַנומלט, דערציילט מען, איז געווען אַזאַ שפּאַס. מיסטער לאַכאָוו איז פאַרבייגעפאָרן אַ טעאַטער און דערזען אַרויסגייענדיג זייגעם אַ באַקאַנטן יונגבמאַן מיט אַ מיידל. גיט ער זיך אַ שטעל אָפּ, — ס׳הייסט אַ האַלבן בלאָק ווייטער, — נעמט אַרויס זיין פייפל פון קעשענע, וואָס ער האָט אַלס שאַפּ־טשערמאַן אין זיין שאַפּ וואו ער אַרבעט, און נעמט פייפן, — ווייל די אַלט־מאָדישע טרובע פון זיין אויטאָמאָביל איז איצט, איר זאָלט מוחל זיין, די איינציגע שטילע זאַך אין מאַשין, וואָס סקריפּעט ניט און פּאָנפּעט ניט . . .

לויפט צו זיין באַקאַנטער צו אים און גיט זייטיג אַ זאָג: פאָר געזונט ווייטער, אויב דו קאָנסט, און מאַך זיך, אַז דו קענסט מיך ניט . . .

איצט, אַז איר וועט באַגעגענען ערגעץ אַ צעפּאָרענע מאַשין, וואָס קאָן ניט פאָרן; אַ מאַשין וואו אַלץ פייפט און סקריפּעט — חוץ די טרובע — זייט וויסן, אַז אָט־אָ־דאָס איז דאָס דער א־ט־אָ־מ־אָ־ביל! . . .

מענטשן מיט תכלית...

די פּרעסלער־פאַמיליע האָט שטענדיג געהאַט אינזינען תכלית, שטענדיג אויסגערעכנט. ווי דער טאַטע, מאָריס פּרעסלער, פלעגט זאָגן: אַז מ׳לעבט מיט חשבון, שטאַרבט מען מיט אַ באַנק־ביכל . . .

ווען די טאָכטער האָט זיך באַקענט מיט אַ בחור און באַשלאָסן חתונה צו האָבן, האָבן זיך אַוועקגעזעצט טאַטע־מאַמע און איינגעטענה׳ט מיט איר: „ער, דער בחור, זעט טאַקע אויס צו זיין אַ פיינער יונגערמאַן, אָבער טאָכטערל, — האָט דער טאַטע ווי אַ וואונק געטאָן, — אַ מאַן איז ווי אַ יונג פערדל, ווי מען געוואוינט אים איין ווען ער איז יונג, אַזוי גייט ער שוין אַלע יאָרן אין שפּאַן . . . ווען ער ברענגט די שכירות, צייל דאָס איבער און נעם צו פון אים, קויף איין וואָס דו דאַרפסט און דאָס איבעריגע, — געדענק שטענדיג, — האָט דער טאַקע פּרעסלער באַטאָנט, — האָב אינזינגען אַ „רעגנדיגן טאָג“...
און די מאַמע, זלאַטע, האָט צוגעלייגט: „הלוואי זאָל מען ניט דאַרפן . . . אַ קראַנקהייט, אַ קריזיס, אַ קימפּעט און מאַלע וואָס עס מאַכט זיך“ . . .

פּאַרקערט ווידער, ווען דער זון האָט זיך באַקאַנט מיט אַ מיידל און די פּרעסלערס האָבן געזען, אַז דער זון איז „פאַרקלאַפּטשעט“ אין דעם מיידל איבער די אויערן, האָבן זיי שוין געכאַפּט גאָר אַן אַנדער שמועס מיט׳ן זון. דער טאַטע האָט מיט אים איינגעטענה׳ט:

„אמת, זונעלע, זי זעט אויס צו זיין אַן אַנשטענדיג מיידל, פון פיינע עלטערן, אָבער אויב דו ווילסט חתונה האָבן מיט איר, פאַרגעס ניט איין זאַך, אַז אַ פרוי איז ווי אַ שיינער עפּל, וואָס קאָן אויסזען שיין און רייך, נאָר — אינעווייניג קאָן זיך אַריינכאַפּן אַ ווערמל... די הויפּטזאַך איז צו לעבן מיט חשבון . . . ברענגסט אַהיים די שכירות, צייל אָפּ, רעכן אויס יעדן סענט, וויפל מ׳דאַרף אויפ׳ן לעבן, דאָס איבעריגע לייג אַוועק פאַר אַ שטורעם, אַ זאַווערוכע . . . מ׳איז דאָך ניט מער ווי אַ מענטש, אפשר ביזנעס, עפּעס בויען און כ׳ווייס, גאָט שענקט צו עטלעכע קינדער, מ׳דאַרף שיך, קליידער, קאָ־לעדזש און אַמאָל, חלילה וחס, אַ דאָקטאָר“ . . .

די מאַמע, זלאַטע, פאַלט אים אַריין אין די רייד:

„איך אַליין בין אַ פרוי, ווייס איך, ווען דער דאָלאַר איז פאַראַן זוכט מען וואו אים צו פאַרטאַכלעווען, און פאַר דיר זונעלע מעג איך זאָגן: פרויען

האָבן ליב צו שפּילן קאָרטן מער פון מענער . . . און דאַן גיט מען אַ קוק אין די שוי־פענצטער, איז נאָך אַ שמאַכטע, און נאָך אַ פּאָר שיך. דערביי זונעלע, פאַרגעס ניט, דו ביסט דער ברויט־געבער און הלוואי זאָל אַזוי ניט טרעפן, ווי עס טרעפט זיך, אַ קראַנקהייט, אַ קימפּעט, דעם דאָלאַר דאַרף מען היטן, ווי אַ טעפל געבריטע מילך, אויב ניט — לויפט דאָס אויס . . .

די פּרעסלערס זיינען אָבער געווען ניט נאָר „פּראַקטיש" פאַר די קינדער, נאָר אויך פאַר זיך. האָט ער שטענדיג געהאַט איינזינען, אַז אַ מענטש דאַרף אָנגרייטן אויף אַ „רעגנדיגן טאָג" און זי, מרס. פּרעסלער, האָט געהאַט איר „לאָזונג": אַז מ'ליגט גאָר ניט אַריין אין דר'ערד וואַקסט גאָר ניט אַרויס...

אַזוי האָבן די פּרעסלערס זייער „פלאַפּלעריי" פאַרווירקלעכט אין לעבן. די אַלע יאָרן, וואָס זיי זיינען געשטאַנען אין קרעמל האָט ער זיך „געשטאָפּט אַ בייטל" און זי „אַ קניפּל" און ניט געוואוסט איינער פון צווייטן . . .

מיסטער פּרעסלער האָט זיינע אָפּגעשפּאָרטע פּאָר דאָלאַר געשטופּט אין אַ פּאָר אַלטע שיך, וואָס זיינען געלעגן אין אַ קעסטל, דאָס איז געווען זיין קאַסע . . . און די מרס. פּרעסלער האָט געהאַט איר קאַסע אין אַ זעקל, וואו עס זיינען געלעגן אירע אַלטע געוואַשענע זאָקן . . .

איינמאָל, ווען זי איז געלעגן אין אַ שווערער קראַנקהייט און האָט באַ־מערקט אויף די פּנים'ער אין שטוב, אַז ס'איז מיט איר גאָרניט פריילעך, האָט זי צוגערופן דעם מאַן מיט די קינדער און זיי פאַרטרויט: „ווי איך זע, גיי איך אַ גאַנג און וועל שוין מער ניט דאַרפן אויף קיין רעגנדיגן טאָג . . . וויל איך אייך זאָגן, טייערע, אַז איך האָב אייך שטענדיג געהאַט איינזינען און אָפּ־געשפּאָרט פאַר אייך צוועלף הונדערט דאָלאַר. איך האָב געוואָלט, טעכטערל, אַז דו זאָלסט קויפן אַ פוטערל פאַר זיך, עס זאָל דיר כאָטש זיין וואַרעם ווען איך וועל ניט זיין. און דו, זונעלע, קויף אויך אַ פוטערל פאַר דיין ווייב, נאָר גיב אַכטונג, זי זאָל זיך מיט אים ניט אַרומשלעפּן אַלע טאָג און מאַכן פון אים אַ שמאַטע" . . .

דעם מאַן האָט זי פאַרטרויט אויפ'ן אויער:

„איך קאָן דאָך דיר, איך ווייס, אַז ווי גיך איך מאַך צו אַן אויג, וועסטו חתונה האָבן . . . נאָר מיר אַרט דאָס ניט. פאַרקערט, איך וויל, אַז דו זאָלסט חתונה האָבן, וועסטו ערשט דאַן וויסן, וואָס פאַר אַן אוצר דו האָסט פאַר־לאָרן . . . און דענק ניט, מאַריס, אַז אַן דיר האָב איך פאַרגעסן, נעם דו אויך אַ חלק פון דעם און קויף זיך עפּעס, קויף זיך אויך אַ מאַנטל, אַ פוטערל" . . .

מיט אַ ציטערדיגער שטימע האָט זי דאַן געזאָגט: „אָט־אַ דאָרטן אין

זעקל, אין די אַלטע זאַקן, איז מיין פּאַרמעגנס, נוצט איר דאָס כאָטש געזונ־טערהייט, און איך, איך" — — —

זי האָט צעעפנט אירע אויגן, איר פּנים האָט אַ פלאַם געטאָן, און זי האָט מיטאַמאָל אויסגערופן צו דער טאָכטער: „מיר ווילט זיך עפּעס עסן. מאַך עפּעס, גיכער, וואָרום עס גייט מיר אויס די נשמה" . . .

די טאָכטער האָט איר אויף גיך צוגעטראָגן וואָס צו נעמען אין מויל אַריין.

זי האָט געשמאַק אָפּגעגעסן און דערפילט זיך ווי אַ נייער מענטש. ביס־לעכווייז איז דער פיבער פון איר אַוועק, דער מלאך המות איז אָפּגעטראָטן פון איר צוקאָפּנס, נאָר דאָ האָט זי זיך גענומען אויפעסן אַ לעבעדיגע: פאַר־וואָס האָט זי זיך אַזוי גיך געאײַלט צו צעטיילן די ירושה? . . . צו וואָס האָט זי אַרויסגעגעבן איר קניפּל? וואָס פאַר אַ היץ האָט דאָס איר געשלאָגן, אַז זי זאָל זיי אויפדעקן איר אוצר? . . .

סך־הכל, האָט זי צו זיך אַליין גע'טענה'ט, האָט דער זון מיט דער שנור, פאַר דער גאַנצער צייט, וואָס זי איז געלעגן, ניט געבראַכט איר אפילו קיין שאַכטל שאָקאָלאַד אָדער אַ בוקעט בלומען. און די טאָכטער מיט'ן איידעם, האָבן אפילו קיין ביסל וואַרעמע וואַסער ניט דערלאַנגט אין צייט. און אויף דעם מאַן, האָט זי זיך גאָר ניט געקאָנט פאַרגעבן: הער אַ געשיכטע, אַזוי פיל יאָרן געהאָלפן אים אין די ביזנעס, און געוויס האָט ער אַ קנופּ — ניט קיין קניפּל . . . זאָל איך אים נאָך שטאַרבן און אָפּשטעלן דערצו אַ ירושה פאַר דער נייער ווייב? אַ מכה פאַר'ן טראַכטן אפילו! — האָט זי צו זיך אויס־געשריען.

ווי גיך די קינדער זיינען אַוועק, דער מאַן איז אין אָוונט צוגעפאָרן קויפן עפּעס, האָט זי זיך אַרונטערגעכאַפּט פון בעט, אַרויסגעכאַפּט איר קניפּל פון די זאָקן, אַריינגעוואָרפן אין אַ שאַכטל פון אירע העטס און באַדעקט מיט שמאַטעס — זי האָט זיך געמאַכט אַ נייע באַנק . . . דערביי איז זי אַריין אין קרעמל, צעוואָרפן עטלעכע פּאַליצעס מיט סחורה, צעעפנט אַ פענצטער און אַליין אַריין צוריק אין בעט . . .

ווי גיך איר מאַן איז אַריינגעקומען פון גאַס האָט זי זיך צעשריען: „מיר דאַכט זיך, אַז אַ גנב איז געווען אין הויז!" . . .

ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די צעוואָרפענע זאַכן, אויפן אָפענעם פענצטער און גלייך צוגעגעבן: „יאָ, אַזוי ווייזט דאָס אויס".

גאָלדע פּרעסלער איז אַרונטערגעקראָכן פון בעט, כלומרשט צו גיין אויס־געפינען צי ס'איז נאָך פאַראַן איר קניפּל.

שטילערהייט האָט שוין מיסטער פּרעסלער, דערווייל אַ טאַפּ געטאָן אין

קעסטל פון די אַלטע שיך, זען צי זיין געשטאָפּטער בייטל איז געבליבן גאַנץ, פון זיין אייגענער באַנק . . .

נאָר ווען ער איז אַריינגעקומען כמעט אַ צופרידענער אין קיך צו זיין ווייב, האָט זי זיך צעשריען און כלומרשט גענומען זיך רייסן די האָר פון קאָפּ:

שוין, אויס ירושה, מאָריס, מ'האָט צוגענומען מיין געלט! אויס קניפּל, אויס פּוטערלעך, אויס! איך שטאַרב!" . . .

האָט ער איר גענומען טרייסטן: „זאָרג זיך ניט, אַבי דו לעבסט, וועסטו האָבן אַנדערע געלט. יאָרן קאָן מען ניט אָפּמאַכן, אָבער געלט? זאָרג זיך ניט, אַ שאָד דיין געזונט!"

ווען די קינדער זיינען געקומען צו לויפן האָט די מאַמע גענומען שילדערן, ווי אַזוי זי האָט אַליין געזען ווי דער גנב האָט געשלעפּט דורכן פענצטער וואָס ער האָט נאָר געוואָלט. דער זון האָט אָבער געכאַפּט אַ קוק אויפן פענצטער און דערזען פון דרויסן אַ גרויסן צאַם אַרום פענצטער וואו אפילו אַ קאַץ קאָן ניט דורכקריכן. די שנור האָט ווידער געגעבן אַ וואונק צו פּרעסלער'ן, אַז דאָס איז בלויז ביי איר געווען אַ היץ־אַנפאַל און אַז זי איז נאָך, ווייזט אויס, גוט קראַנק . . .

פּרעסלער האָט די קינדער אַנגעוויזן, אַז זי רעדט ניט פון היץ, אַ סימן — עס פעלט דאָך טאַקע איר קניפּל . . .

פאַר זיך האָט ער אָבער באַשלאָסן צו זוכן, ווייל עפּעס איז אים שוין אַריין אין נאָז טאַקע, פאַרוואָס זאָל מען איר „קניפּל" נעמען און זיין „בייטל" ניט? . . .

ער האָט אַזוי לאַנג גענישטערט און געזוכט, ביז איין טאָג האָט ער זיך אַנגעשטויסן אויף דעם שאַכטל פון העטס, פאַרלייגט מיט שמאַטעס, און צווישן די שמאַטעס איז געווען אַריינגעשטופּט אַ קניפּל, מיט פינפערלעך, צענערלעך און צוואַנציגערס — געפונען די באַנק . . .

ביי דער ערשטער געלעגנהייט, ווען די מרס. פּרעסלער איז אַרויס פון הויז, האָט ער צעעפנט דעם זעלביגן פענצטער . . . צעוואָרפן די זעלביגע פּאַליצעס מיט סחורה . . . און ווי גיך זי איז אַריין פון גאַס האָט ער איר אָנגעזאָגט די זעלביגע נייעס: דער גנב איז שוין ווידער געווען אין הויז און האָט אונז באַ'גנב'עט . . .

מרס. פּרעסלער האָט געוואָרפן אַ בליק צו איר שאַפע און דערזען דעם שאַכטל פון די העטס מיט די שמאַטעס זיך וואַלגערנדיג אויף דער פּאָדלאָגע, האָט זי גלייך פאַרוואָרפן מיט'ן קאָפּ און גענומען חלש'ן . . .

ווען די קינדער זיינען געקומען צו לויפן און מ׳האָט זי געבראַכט צו זיך, האָט פּרעסלער זיך צעלאַכט: אומזיסט זיך געערגערט. דאָס מאָל האָבן די גנבים ניט באַוויזן עפּעס צו נעמען, נאָר פאַרקערט, זיי האָבן גאָר פאַר־לוירן דאָ אַ קניפּל מיט געלט . . .

פּרעסלער האָט צענומען דאָס פּעקל און גענומען ציילן, און ער האָט אַזוי אָנגעציילט גאַנצע צוועלף הונדערט דאָלאַר.

אַ פריידּ איז געוואָרן צווישן די קינדער. „איצט״, האָט זיך אָנגערופן די טאָכטער, וועלן מיר דאָך ווידער קאָנען קויפן פוטערלעך״ . . .

די מרס. פּרעסלער איז אַרויס פון די כלים: „וואָס, איר טיילט זיך שוין ווידער מיט מיין ירושה? די צוועלף הונדערט דאָלאַר איז מיין געלט, אָט־אָ־דאָ איז דאָס געלעגן!״ . . .

„אויב אַזוי״, האָט פּרעסלער זיך צעלאַכט, „זיינען דאָך די קינדער גע־רעכט. דו האָסט דאָך זיי געזאָגט, דאָס ערשטע מאָל, ווען מ׳האָט דיר „באַ־גנב׳עט״, אַז דאָס געלט איז געווען פאַר די קינדער און פאַר מיר... נו, מיר זיינען דאָך עפּעס מענטשן מיט תכלית, מוזן די קינדער דוקא וואַרטן אויף דיין טויט, כדי עפּעס צו קריגן? איצט קאָנסטו דאָך זיי ווינטשן, אַז זיי זאָלן טראָגן געזונט . . . אויב תכלית איז תכלית! . . .

פאַרזוכט דעם טעם...

די הויכע סאָסנע־בוימער, וועלכע שטייען ווי שומרים אַרום בירמאַנ׳ס פאַרם, נאָרן אָפּ די פאַרבייגייער, וואָס מוזן זיך טראַכטן: ווער ווייסט, וואָס פאַר אַ רייכער פּאַלאַץ עס געפינט זיך דאָרט!

נאָר ווער עס דערלויבט זיך אַ שפּאַן צו טאָן איבער דער בלאָטיגער אַלייע, דערזעט פאַר זיך אַ כאַטע, מיט אַ לאַטע אויף אַ לאַטע...

אַז די ווענט מיטן דאַך שטימען ניט... קאָן מען גלייך דערקענען פון דעם ווי זיי קוקן קרום איינע אויף די אַנדערע...

בירמאַן, דער פאַרמער, זעט אויס ווי ער אַליין וואָלט אויך זיין איינער פון די סאָסנע־בוימער. ער איז הויך, געזונט און אויך ער איז אַ שומר — ער היט אָפּ דעם שלום־בית, אַז די ווענט מיטן דאַך זאָלן זיך ניט באַפאַלן איינע די אַנדערע...

אינמיטן פון הויז האָט בירמאַן אַן אַלטמאָדישן אויוון, וועלכער זעטיגט זיך מיטן אַלטן האָלץ פון וואַלד און באַלוינט די אָרעמע פיר ווינקלען מיט אַביסל וואַרעמקייט. דאָס וואַסער געפינט זיך טיף אין וואַלד. בלויז אין צייט פון אַ שלאַגס־רעגן קומט שוין דאָס וואַסער אין הויז אַליין און דאַן — פּלייצט ער פון אַלע זייטן...

בירמאַן האָט אַ פילאָזאָפישן בליק אויפן לעבן. ער האַלט, אַז ווען אַ מענטש וואָס לייגט אַן מיטן קאָפּ, כדי צו טראָגן אַ צילינדער, גייט דער צי־לינדער אַרום מיט אַ קאַפּלאָזן מענטשן...

פונדעסטוועגן האָט בירמאַן סוף־כל־סוף זיך געלאָזט אָנרעדן פון זיינע שכנים פאַרמער, אַז ער זאָל אַריינציען עלעקטריק ביי זיך אין הויז. אַ היבש ביסל האָט אויך אונטערגעשפּילט, וואָס בירמאַן האָט ליב צו לייענען אַ גוטן בוך, און די גוטע ביכער האָבן טאַקע געשיינט אין זיין פאַר׳חושכ׳טן הויז ווי פּערל אין גרונט פון ים, און ער האָט געוואָלט זיך דערגרונטעוועז צו זיי...

אָבער ניט אַזוי גרינג האָט זיך דורכגעריסן דאָס ביסל ליכט דורך דער פינצטערניש פון וואַלד אין בירמאַנ׳ס היים.

אַזוי ווי בירמאַן האָט ניט זייער ליב די עלעקטריק קאָמפּאַניע, פּונקט ווי ער האָט בכלל ניט ליב די אַלע קאָמפּאַניעס, וואָס באַראַבעווען אָרעמע קע־שענעס, האָט ער אין אַ שיינעם טאָג, געבראַכט צוויי קיילעכדיגע קלעצער

און אַליין זיך איינגעשפּאַנט אין די נויטיגע שטריק און האָט צוגעשלעפּט די כאַטע נעענטער צום וועג, אַזוי, אַז די עלעקטריק־קאָמפּאַני, האָט שוין ניט געהאַט קיין אויסרייד און — אָט אַזוי האָט בירמאַן מאָדערניזירט זיין היים. זיינע אייגענע אויגן האָבן זיך ניט געקאָנט גלויבן — מיט אַ דריק פון אַ קנעפּל איז געוואָרן ליכטיג . . .

נאָר האָט זיך ווען דורכגעטראָגן אַ שטורעם־ווינט דורכן וואַלד, האָט בירמאַן שוין געהאַט איבער וואָס זיך צו שרעקן: דער ווינט זאָל חלילה ניט צעררייסן די דראָטן און צעשטערן דאָס ליכט . . . בירמאַן פלעגט ווי אַ קאַפּיטאַן ביים רודער אויפן שיף, שטייען און מאַנעווורירן אַזוי, אַז דאָס הויז זאָל זיך נאָר דרייען ארום דעם אויוון, אָבער זאָל זיך ניט ווידער פאַררוקן צופיל אין וואַלד אַריין. ער שפּאַרט אָן זיין מאַסיוון קערפּער מיט די האַרעפּאַשנע עלענבויגנס איבערן פענצטער און פּרובירט איינהאַלטן דאָס הויז אויף איין פּאָזיציע.

שיינט אַרויס די זון, קוועלט שוין דאָן אָן בירמאַן פון זיין פאַרם. ער שפּאַנט אַרום איבער זיין „אימעניע״, באַטראַכט זיינע עטלעכע הינער, די גרינצייג, וואָס ער אַליין פאַרזייט מיט זיינע הענט, רייסט אַרויס אַביסל ווילד־גראָז, מאַכנדיג דערביי איינע פון זיינע פילאָזאָפישע באַמערקונגען, אַז גוטע פלאַנצן — מוז מען אַליין פאַרפלאַנצן, בעת ווילד־גראָז וואַקסט פון זיך אַליין...

בירמאַן קריגט שוין דערווייל אַ געלעגנהייט צו האַלטן אַ שטיקל לעקציע פאַר זיינע פריינט, אַז אייגנטלעך וואַקסט ניט דאָס ווילד־גראָז פון זיך אַליין. עס איז, זאָגט ער, ווי מיט מענטשן און פאַסירונגען: שולדיג זיינען די אומשטענדן. ווען דאָס לאַנד איז גוט באַאַרבעט און פאַרזייט, וועט דאָס ווילד־גראָז ליגן אין דר׳ערד. פאַרקערט, איז דאָס לאַנד אָפּגעלאָזן, ניט צעאַקערט, דאַן בליט דאָס ווילדערניש און די בלומען מיט דעם גרינצייג קאָנען ניט קומען צום לעבן . . .

דערפאַר האָט בירמאַן, דער פאַרמער, לעצטנס געקראָגן אַ לעקציע פון וואָס ער וויל גאָרניט ציען קיין פילאָזאָפישע שלוסן. פאַרקערט, ער דערציילט גוטמוטיג אויף זיין אייגענעם חשבון אַ שיינעם שפּאַס.

ווען די פאַמיליע ליכטשטיין, זיינע שכנים־פאַרמער, האָבן באַשלאָסן אָנועקצופאָרן אויף עטלעכע וואָכן אויף אַ ווינטער וואַקאַציע, האָבן זיי געבעטן זייער פריינד בירמאַן, ער זאָל זיך אַריינקלייבן אויף די עטלעכע וואָכן צו זיי אין הויז און אַכטונג געבן אויף זייער פאַרמעגן.

די ליכטשטיינס האָבן שוין איינגעזען אָן אַנדער בליק אויפן לעבן. זיי האַלטן, אַז די הינער קאָנען זיך באַנוגענען מיט אַ קאַטוך, אַ הינער־שטייג,

אָבער מענטשן דאַרפן אַ היים און טאַקע אַ שיינע היים.

וואָלט איר טאַקע געמעגט אָנקוקן די היים פון די ליכטשטיינס! ס'איז אייגנטלעך מער ווי היים. ס'איז אַ מוזיי פון קונסט־ווערק און אַנטיקן, דערצו נאָך די געוואַקסטע פּאָדלאָגע מיט די שיינע דיוואַנען. די ווענט באַצירט מיט די פיינסטע בילדער, בלומען און שניצערייען. די ליכשטיינס האַלטן, אַז ווי שווער די אַרבעט זאָל ניט זיין, איז אָבער דער גייסטיגער גענוס אַ גוטע באַ־לוינונג פאַר דעם. נאָך מער: זיי האַלטן, אַז דער מענטש דאַרף אפילו קעמפן צו האָבן אַ שיינע היים, פונקט ווי מ'קעמפט פאַר ברויט און פוטער.

האָבן זיך ווען געטראָפן די ליכטשטיינ'ס מיט בירמאַנ'ען אין דער היים פון אַ דריטן פאַרמער, איז באַלד אַרויפגשוואומען די פראַגע, ווער ס'איז געראַכט מיט זיין בליק אויפ'ן לעבן.

די פראַגע איז אָבער שטענדיג געבליבן הענגען אין דער לופטן. ביר־מאַן איז באַשטאַנען אויף זיינס, אַז פענצטער מאַכט מען צו קריגן לופט און ליכט, דאַרף מען זיי ניט פאַרהענגען מיט קיין פאָרהאַנגען. די ליכטשטיינס האָבן זיך געהאַלטן ביי זייערס, אַז אַ שיינער פאָרהאַנג אויפן פענצטער, מאַכט ליכטיגער פאַר'ן אויג די גאַנצע היים.

און דאָ, אַז די ליכטשטיינס זיינען אַוועקגעפאָרן, איז בירמאַן געבליבן דער באַלעבאָס איבער זייערע זעקס צימערן.

אַ גאַנצן טאָג האָט ער נאָכגעשפּאַנט די ליכט־שטראַלן פון איין צימער צום צווייטן. אין איין צימער האָט ער באַוואונדערט אַ בילד אויף דער וואַנט, אין אַ צווייטן — אַ שיינעם לאָמפּ, אין אַ דריטן — אַ בוך אין דעם שראַנק צווישן דער רייכער ביכער פאַמיליע.

עסן האָט בירמאַן אַרויסגענומען פון דעם שיינעם אייז־קאַסטן, וואו אַלץ שטייט אָנגעגרייט צו דער האַנט, פריש און גוט. האָט ער געדאַרפט וואָס אָנ־וואַרעמען, איז דאָס געווען אויף דעם ווייס־בליאַסקנדיגן אויוון, אַ דריי גע־טאָן דאָס קנעפּל און די עלעקטריק האָט גענומען קאָכן דאָס טעפּל מיט'ן געקעכץ.

נאָך איבערראַשט איז ער געוואָרן, ווען ער האָט צום ערשטן מאָל דער־זען, וואָס ער האָט דאָס פריער גאָרניט באַמערקט — אַז מ'דאַרף שוין מער ניט וואַשן און ווישן קיין כלים. מ'שטעלט דאָס אַריין אין אַזאַ מין מאַכינאַ־ציע, וואו זודיגע וואַסער נעמט שפּריצן, שייערן, פּוצן און — אַט קומט דאָס אַרויס ריין, שיין און טרוקן.

ביי די ווענט, וואו עס שטייען די סטים־אויוונס און די וואַרעמקייט קומט אַרויף דורך אַזאַ מין קונצל, וואָס איז איינגעאָרדנט אין קעלער, האָט ער אַלע

ווילע פֿאַרביישפּאַצירט און אַרויפֿגעלייגט די האַנט, ווי ער וואָלט זיך אַליין ניט געגלויבט, צי טאַקע פֿונדאַנען קומט די ליבע וואַרעמקייט אין הויז אַריין ?

אָבער גאָר צערודערט האָט זיך בירמאַן גענומען פֿילן ווען אין אָוונט איז ער אַריין אין באָד־צימער נעמען אַ שפּריץ. דאָ האָט ער פּשוט באַטאַפּט מיט די הענט דעם שפּריץ און ווי אַזוי ס׳קומט די הייסע און קאַלטע וואַסער. ער האָט מיט צעלאָפּענע בליקן געקוקט אויף די קאַלירטע האַנטוכער און אין דער ווייסער וואַנע, מיט די קאַכל־ווענט, מיט די עלעקטרישע איינריכטונגען פֿאַר ליכט צום ראַזירן זיך און אפֿילו צום באַקן זיך ביי אַן עלעקטרישן לאָמפּ, וואָס גיט וואַרעמקייט און דערפֿרישונג אין די אויסגעהאָרעוועטע ביינער.

דער קלימאַקס פֿאַר בירמאַנ׳ען איז געווען, ווען ער האָט געדאַרפֿט אַריינגיין אין דעם פֿיין־געטאָקטן בעט, איבערגעצויגן מיט זויבערע ליילעכער און ציכלעך און אַז ער האָט זיך איינגעדעקט מיט דער גרינגער קאָלדרע פֿון לאַם־וואָל, וואָס האָט געגעבן אַזאַ ליבע וואַרעמקייט, האָט ער ערשטע דאַן ניט געקאָנט צומאַכן אַן אויג . . .

בירמאַן איז געלעגן און געטראַכט, און אַזוי האָט ער געטראַכט יעדן טאָג פֿון וואָך, ביז די ליכטשטיינס זיינען געקומען און ער האָט זיי באַגעגנט מיט זיין וואַרעמען שלום־עליכם.

די ליכטשטיינס האָבן באַלד אָבער באַמערקט אַן ענדערונג אין בירמאַנ׳ס אויסזען. זיי האָבן אים גוטמוטיג אַ פֿרעג געטאָן: וואָס האָט פּאַסירט? איז אייך ניט געפֿעלן געווען דאָס לעבן אין אונזער היים, אָדער — מיט׳ן עסן איז אייך געקומען דער אַפּעטיט ? . . .

ביי בירמאַנ׳ען האָט זיך אויסגעגאָסן זיין שטענדיגער שמייכל אויפֿ׳ן פּנים און ער האָט ווי פֿאַרשעמט אַ זאָג געטאָן: איך האָב שוין איצט אויסגעפּרובירטביידע וועגן אין לעבן, אָבער איר וואָלט איצט, נאָך אייער וואַקאַציע, געדאַרפֿט פֿאַרזוכן דעם טעם פֿון זיין אַ פּאָר וואָכן ביי מיר אין הויז און דאַן וועל איך אייך זאָגן, ווי עס האַלט מיט מיין אַפּעטיט . . .

אין אַ „לאָנדערעט״

איר קומט אַמאָל אַריין אין „לאָנדערעט״ ? איר מעגט מיר גלויבן, אַז דער „לאָנדערעט״ אין אונזער אַפּאַרטמענט־הויז גיט אַזוי פיל פריילעכקייט און פאַרגעניגן, ווי אַ טעלעוויזיע, מיט אַ ראַדיאָ און צען קאָמענטאַטאָרס צו־זאַמענגענומען . . .

וואָס רעדט איר מיר נאַרישקייט וועגן אַ לאָנדרי, אַ וועשעריי ? וואָס דענקט איר, ס׳איז אייך אַמאָליגע יאָרן, ווען מ׳פלעגט וואַשן וועש אין אַ באַליע הינטערן שטוב, אָדער גיין וואַשן וועש ביים ברונעם, ביים טייך, ביי דער סאַזשעלקע און געשעפּט מיט זיך אַ פראַלניק מיט אַרייב־ברעטל און מ׳פלעגט זיך אָפּרייבן די פינגער, כדי צו שפּאָרן די שטיקל זייף. דערנאָך, דאָס צעציען און צעלייגן אויפ׳ן פּלאַנקען און אַליין זיך אויסציען אויף דער לאָנקע און אַכטונג געבן, אַז דאָס העמד זאָל חלילה ערגעץ ניט פאַרפליען, אָדער מ׳זאָל אייך ניט אַראָפּשלעפּן דאָס לעצטע העמד פון פּלאָקן . . .

היינטיגע צייטן אַ וועשאַרנע, אָדער ווי מ׳רופט דאָס מיט דעם פאַרצוי־גענעם נאָמען „לאָנדערעט״, רעדט דאָס שוין פאַר זיך, אַז דאָס איז עפּעס ניט סתם אַ פּלאַץ, וואו מ׳וואַשט שמוציגע וועש, נאָר — ס׳איז ווי אַ יאַריד פון אַלע שכנים, עפּעס ווי אַ הויז־קאָנווענשאָן און צייטנווייז אפילו, ווי אַ קאָנ־צערט־זאַל, מיט קאָנצערטיסטן. נו, און פון אַ נייעס־ביוראָ, אַן אינפאָר־מאַציע־צענטער און אַ דראָטלאָזע טעלעגראַפן־אַגענטור, איז דאָך שוין אָפּ־גערעדט . . .

ערשטנס, מעגט איר וויסן, אַז אין ערגעץ איז ניט אַזאַ געיעג, ווי אין לאָנדערעט. אַלע ווילן פאַרכאַפּן אַ מאַשין און אַמאָל צוויי. אַלע וואָס קומען אַרונטער אין לאָנדערעט האָבן ניט קיין צייט, ביי אַלע פרויען ווייַנען די קינדער אָדער די אייניקלעך, און ביי אַלע מענער, וועלכע קומען אַרונטער, זייַנען די פרויען אָדער קראַנק אָדער — זיי ליגן אין קימפּעט.

נאָר, ווען מענטשן זייַנען אין שטענדיגער אייַלעניש איז דאָך ניט שייך צו זאָגן. האָט איינע פאַרגעסן מיטנעמען זייף און זי באָרגט ביי אַ צווייטער און די צווייטע, האָט פאַרגעסן מיטנעמען אַן אַנדער כעמישן שטאָף און זי באָרגט ביי אַ דריטער.

אַ מאַן, וועלכער האָט געבראַכט די טרוקענע וועש אין פּאַפּיר כאַפּט זיך,

אַז די נאַסע, געוואַשענע, קאָן ער שוין ניט נעמען אין קיין פּאַפּיר, העלפֿט ער זיך שוין אַרויס מיט עמיצנס זעקל. און גאָר אַן אַנדערער, וועלכער איז ניט „געשטראָפֿט“ מיט צופֿיל געוויסן, באָרגט ניט קיין זייף, ניט קיין זעקל, נאָר — יענעמ׳ס אַ האַנטוך, אַ פּאָר העמדלעך, עטלעכע פּאָר שקאַרפּעטקעס, אויב ס׳איז נאָר זיין מאָס . . .

מיט איין וואָרט, עס ווערט אַמאָל אַ באַטאַליע אין לאָנדערעט, וואו מ׳וואַשט זיך דורך אָן זייף און אָן דער מאַשין . . .

אין לאָנדערעט דערוויסט איר זיך, ווער עס וועט חתונה האָבן, און ווער עס וועט זיך גט׳ן, ווער עס דאַרף געלעגן ווערן און אין וויפֿלטן חודש.

אין לאָנדערעט רעדט מען אויך וועגן פּאָליטיק און אפֿילו וועגן קולטור.

ווי גיך מ׳וואַרפֿט אַריין דאָס פּעקל וועש אין מאַשין און מ׳פֿאַרשטאָפּט איר דעם האַלז מיט די עטלעכע ניקעלעך, נעמט זי זיך גלייך פֿאַרדייען דעם פּעטן ביסן . . .

די געסט האָבן שוין דאַן גענוג צייט. ווער עס רעדט ,ווער עס לייענט און ווער עס פּיפּקעט אַ סיגאַרעט און הערט זיך צו, וואָס אַנדערע רעדן.

דער פּאָפּולערסטער מאַן אין לאָדערעט, איז הערשל דער זיידע, ווי אַלע רופֿן אים. פֿאַרוואָס עפּעס דער זיידע ? דערפֿאַר, וואָס ער האָט צוויי טעכטער מיט אַ זון און אַלע קינדער מיט זייערע פֿאַמיליעס וואוינען מיט הערש׳לען. צוזאַמען איז דאָס אַ פֿאַמיליע פֿון פֿופֿצן מענטשן. איצט שטעלט אייך פֿאָר, אַז הערשל דער זיידע ברענגט אַרונטער די פּעקלעך וועש: פֿופֿצן פּאָר פּאַ־דזשאַמעס, פֿופֿצן העמדלעך, פֿופֿצן פּאָר אונטערהויזן, דרייסיג פּאָר זאָקן, אַ פּאָר טוץ נאָז־טיכלעך, האַנטוכער, לײַלעכער און ציכלעך.

ווען הערשל קומט אַריין גאָר פֿרי אין לאָנדערעט, פֿאַרכאַפּט ער די ערשטע זאַך אַן ערך דריי מאַשינען. ווי אַזוי ער פֿאַרכאַפּט זיי, פֿאַרלאָזט זיך שוין אויף אים. ער שטעלט אַריין צעטעלעך אין די מאַשינען, אַז זיי אַר־בעטן ניט. אַרבעטן זיי טאַקע ניט — ביז ער ברענגט אַרונטער זיינע דריי־פֿיר פּעקלעך וועש, וואַרפֿט אַריין די נויטיגע ניקלס און זיי אַרבעטן שוין יאָ...

גיט מען אַ פֿרעג הערשלען, פֿונוואַנען נעמט ער דאָס אַזוי פֿיל וועש ?

צעלאַכט ער זיך: „וואָס מיינט איר, איך בין דער אַלטער בחור ניסל, וועלכער האָט געזען די שילד איבער דער וואַש־מאַשין, אַז זי נעמט בלויז ניין פֿונט און ער האָט ניט מער ווי צו וואַשן איין העמד מיט צוויי זאָקן, פֿלעגט ער אַלעמאָל מיטברענגען שטיינער צו האָבן זיינע ניין פֿונט אין דער „מאַ־שין“... „איך, — קוועלט הערשל דער זיידע, — האָב דאָך, זאָלן זיי מיר

געזונט און שטאַרק זיין, אַכט איינִיקלעך, ניט קיין שטיינער — דאַרף מען וואַשן״.

אַ צווייטע אָנגעזעענע בירגערין אין דעם לאָנדערעט, וועמען אַלע קעד־נען שוין ביים נאָמען, איז די מרס. קוועטקע. זי, די מרס. קוועטקע, כאַפּט זיך שוין אַריין אין לאָנדערעט ניט אַזוי צוליב דעם, וואָס זי פאַרמאָגט אַ סך פעקלעך וועש צום וואַשן, ווי זי האָט ליב אַביסעלע אַ וואָש צו טאָן די שכנים...

ווען די מרס. קוועטקע קומט אַריין אין לאָנדערעט, דאַנקט זי גאָט, וואָס די מאַשינען זיינען פאַרנומען. די ערשטע זאַך, נעמט זי אַרויס אַ פּעקל קאָרטן און פרעגט ווער עס וויל הרג׳ענען צייט, נאָר אויב זי קריגט ניט די נויטיגע הענט, צעאַרבעט זיך איר מויל, און — וואָס־וואָס, איר „וואַש־מאַשין״ אַרבעט אָן ניקלס און אָן זייף . . .

מרס. ריווקין זאָגט אָן אַ צווייטער פרוי, אַז היינט סטרייקט מען מיט די קצבים. די „קאָנסומערס ליג״ וויל, אַז די קצבים זאָלן שינדן די בהמות און ניט די מענטשן, דאַרפן אַלע זען צו העלפן אין דעם סטרייק און ניט קויפן קיין פלייש.

די מרס. קוועטקע גיט גלייך אַ פאַר אַריין: „וואָס נאָך וועט איר זאָגן? היינט הייסט איר ניט עסן קיין פלייש און מאָרגן וועט איר הייסן ניט טרינקען קיין מילך, און דערנאָך — וועט איר גאָר הייסן פאַסטן. איך האַלט ניט פון די אַלע זאַכן. מיין מאַן און מיינע קינדער מוזן אַלע טאָג האָבן אַ שטיקל פלייש. נו, איז אויב דער קצב שינדט מיר אָפּ אַ פעל, שינדט אָפּ מיין מאַן די אַרבעטער אין זיין שאָפּקע די הויט מיט׳ן פלייש״ . . .

און אַז מרס. גרינבערג כאַפּט אַ שמועס וועגן קינדער דערציאונג און ווייזט אָן, אַז אַלע מאַמעס וואָלטן געדאַרפט זען, אַז זייערע קינדער זאָלן גיין אין שולע זיך לערנען אַ אידיש וואָרט, אידישע געשיכטע, דערציילט דערביי די מרס. כאַיעט, ווי איר איינִיקל, וואָס גייט אין שולע, דערציילט מעשה׳לעך אין אידיש און ווען ער דעקלאַמירט אַ אידיש ליד, קומט איר צו אַ שטיק געזונט.

דאָ פאַלט אַריין די מרס. קוועטקע אין די רייד: איך האָב זיך מיט מיינע קינדער געאַרבעט וואָס צו שעמען. זיי זיינען גוטע אידן פון קאָפּ ביז די פיס, אפילו ווען זיי גייען ניט אין שול. מיין זונדעלע וועט פאַר בייגל מיט לאָקס פאַרקויפן דעם טאַטן מיט דער מאַמען, און מיין טאָכטער האָט מיר אויף קריסטמעס געקויפט אַ שפּילקע מיט אַ שטיין ווי אַ גאַנצע מצבה. איך האַלט דאָס טאַקע נאָר אויף יום־טוב, צו טראָגן ווען איך גיי אין שול אַריין.

אין לאָנדערעט רעדט מען אויך אָפט וועגן מלחמה, אַרמיי, סאָלדאַטן. און

אַז מ׳דערמאָנט סאָלדאַטן, געפינען זיך שוין מאַמעס, וועלכע גיבן זיך אַ וויש אַ טרער פון אויג.

דאַ פאַלט ווידער אַריין די מרס. קוועטקע מיט איר „וואַש־מאַשין״: „איך האָב אַנומלטן געהערט אויף דער ראַדיאָ, אַז מ׳מוז האָבן מלחמות, ווייל ס׳איז דאָ צופיל מענטשן און פון דעם, זאָגט מיין מאַן, איז דער יקרות, ווייל אַלע ווילן עסן. איז אויב אַזוי — צעלאַכט זי זיך — וואָלט ניט געשאַדט אפילו אַ גרויסע מלחמה. ווי זאָגט מיין מאַן, אין אַ מלחמה, איז איינער פאַלט און אַ צווייטער שטייגט! און לאָזט מיך אייך זאָגן, אַז די לעצטע מלחמה האָט מיין מאַן געשטעלט אויף די פיס.

„יאָ, יאָ, — ענטפערט דערויף מרס. גרינבערג, — אין אַ לאַנדערעט קען מען אויסוואַשן שמוציגע וועש, אָבער פאַר נאַרישע פּלוידעריי איז גאָר קיין וואַש־מאַשין ניטאָ!

אַ סך שפּאַס גיט אויך אַזאַ געשיכטע: אַ פרוי געפינט אין אַ מאַשין אַ קליידל, וואָס עמיצער האָט איבערגעלאָזן. יאָוועט זיך גלייך די מרס. קוועטקע און זאָגט, אַז דאָס מוז זיין ניט אַנדערש ווי איר קליידל. פרעגט זי די פרוי די מאָס און דעם קאָליר, און נאָכדעם ווי ביידע זאַכן שטימען ניט, געפינט די מרס. קוועטקע גלייך דעם ריכטיגן תירוץ: די מאָס איז פון דעם וואַשן איינגעלאָפן און דער קאָליר איז אָפּגעקראָכן. ווען די פרוי וויל איר ניט געבן דאָס קלייד, עפנט זי איר „וואַש־מאַשין״ נעמט זידלען און שרייען.

הערשל דער זיידע מישט זיך באַלד אַריין און הייסט דאָס קלייד צו צעררייסן אויף העלפט און צעטיילן . . .

אינמיטן פון געלעכטער לויפט אַריין אַ פרוי און נעמט זוכן דאָס קלייד, וואָס זי האָט איבערגעלאָזן אין דער מאַשין. לויט אַלע סימנים, וואָס זי גיט אָן, קריגט זי דאָס קלייד. הערשל דער זיידע ווערט אויס שלמה המלך, און די מרס. קוועטקע בלייבט שטיין מיט אַן אָפּענער מויל, גרייט אַלעמען איינ־צושלינגען . . .

אויב איר האָט צייט, כאַפּט זיך אַמאָל אַריין אין לאַנדערעט, מיט וועש צי אָן וועש. ס׳איז אַלע מאָל פאַראַן וואָס אַ וואַש צו טאָן . . .

עס לוינט זיך ניט צו שטאַרבן...

ראָזענגליק איז טאַקע אַ שיינער נאָמען, אַ פיין־קלינגענדיגער נאָמען, אָבער דאָס לעבן פון דער פאַמיליע ראָזענגליק איז ניט אויסגעבעט ניט מיט קיין רויזן, ניט מיט גליק . . .

די רייכקייט פון ראָזענגליק באַשטייט פון זעקס קינדער, בערג מיט חובות, און אַ גרויסע משפחה פון רייכע לענדלאָרדס און באַלעבאָטים.

מיסטער ראָזענגליק האָט שוין געאַרבעט פאַר זיינעם אַ פעטער, געווען פאַרמאַן אין שאַפּ, נאָר מ׳האָט אים גיך אַרויסגעוואָרפן פון דאָרטן, וויל ער האָט ניט געוואָלט זיך וואַרפן מיט די אַרבעטער אין שאַפּ . . .

די ראָזענגליקס האָבן שוין אויך געהאַט דעם „פאַרגעניגן״ צו זיין „דזשע־ניטאָרס״ ביי זייערן אַ קאָזין אין די הייזער. האָבן זיי איין טאָג געגעבן צופיל „סטים״, אַ צווייטן טאָג צופיל הייסע וואַסער, נאָר דאָס ערגסטע: עס איז שוין געווען דער פינפטער טאָג אין חודש און אָן אָרעמע פאַמיליע האָט נאָך ניט געהאַט באַצאָלט דאָס דירה־געלט. דער סוף איז געווען, אַז דער קאָזין האָט געמאַכט אַ פרומע מינע און דערקלערט די ראָזענגליקס, אַז אים שטייט ניט אָן, אַז זיינע קאָזינס זאָלן זיין „דזשעניטאָרס״, און ער האָט זיי אויך אַרויס־געוואָרפן פון די צימערן . . .

עס איז שוין פאַר די ראָזענגליקס ניט געווען קיין בייעס צו ווערן אַרויס־געוואָרפן פון די שעפער דערפאַר, וואָס זיי פלעגן פאָדערן גערעכטיקייט פאַר זיך אָדער אָננעמען זיך פאַר אַנדערע.

ראָזענגליק האָט אויך ניט געהאַט קיין בעסערן מזל, ווען ער איז געוואָרן אַ פעדלער. ער פלעגט גיין פון דירה צו דירה, און איז אָפט געוואָרן אַרויס־געטריבן.

ווען די ראָזענגליקס האָבן זיך ענדלעך דערשלאָגן צו אַ רעליף־אָפיס צו פאָדערן הילף פאַר זיך מיט די זעקס קינדער, האָבן זיי שוין געפילט ווי זיך אַליין אַרויסצוואַרפן . . . עס האָבן זיך געשלעפּט טעג מיט וואָכן, פראַגן אויף פראַגן, נאָר — קיין ענטפער איז ניט געקומען.

סוף־כל־סוף האָבן די שכנים זיך דערוואוסט וועגן דער שווערער לאַגע ביי די ראָזענגליקס אין זייער היים. מ׳האָט דאָס אויך געקאָנט לייענען אויף די פנים׳לעך פון די קינדער . . . מ׳האָט בוכשטעבלעך געקאָנט זען ווי אַזוי

אַ פאַמיליע גייט אויס פון הונגער.

דאָס גערעדעריי פון די שכנים איז דערטראָגן געוואָרן צום לענדלאָרד, דעם קאָזין. נאָר אַזוי ווי ער האָט ניט גוט פאַרשטאַנען די שפּראַך, וואָס מ'האָט צו אים גערעדט, איז ביי אים אויסגעקומען, ניט אַז די ראָזענגליקס שטאַרבן פון הונגער, נאָר — אַז ראָזענגליק איז בוכשטעבלעך געשטאָרבן פון הונגער.

דאַן האָט דער לענדלאָרד, מיסטער ראָזען, ווי ער האָט זיך גערופן בקיצור, געלאָזט וויסן די אַנדערע אין דער פאַמיליע, אַז ראָזענגליק איז געשטאָרבן פון הונגער . . .

אַזוי איז דאָס צעטראָגן געוואָרן פון איין טעלעפאָן צום צווייטן, ביז אַלע רייכע פעטערס און מומעס און קאָזינס האָבן זיך דערוואוסט, אַז ראָזענגליק איז געשטאָרבן פון הונגער . . .

דער טויט, וויזט אויס, האָט אַ שטאַרקן כוח אין זיך: ער קאָן רירן אַ שטיין . . . האָט די רייכע משפחה צוגעשיקט, ווי עס פירט זיך ביי „לייטן" — קוישן.

די קוישן זיינען געווען פול מיט פרוכטן, פליישן, גערויכערטע פיש, אַלערליי ברויטן און טאָרטן, שנאַפּסן און ווייַנען . . . דערצו טאָקע בלומען מיט סטענגעס און אויפשריפטן מיט טרייסט־ווערטער . . .

מיסטער ראָזענגליק האָט צוערשט געטראַכט, אַז ס'איז ניט אַנדערש ווי אַ טעות אין דעם אַדרעס, אַז מ'האָט דאָס געוויס געשיקט צו עמיצן אַנ־דערש. אָבער נאָכדעם ווי ער האָט נאָכגעזוכט די אויפשריפטן אויף די פּעק־לעך, האָט ער דערזען די נעמען פון זיינע פעטערס און מומעס, פון זיין קאָזין דעם לענדלאָרד מיסטער ראָזען, פון זיין געוועזענעם באַלעבאָס, זיין קאָזין, מיסטער ראָזען, פון אַ צווייטן קאָזין, מיסטער לאָקי.

דערווייל קומט אַריין אַ סאַרווער אין אַ ווייסן קיטל מיט אַ ווייסער יאַרמולקע אויפן קאָפּ. נאָך אים קומען אַריין עטלעכע מענטשן, וואָס טראָגן טעפּ מיט טעלער, אָנגעפילט מיט געבראָטנס פון קאַטשקעלעך און עוף . . . דערביי זאָגט אָן אַן אויפשריפט פונ'ם רעסטאָראַן־אייגנטימער, אַז מיסטער לאָקי, דער ריעל־עסטעיטמאַן, אויך אַ געוועזענער מיסטער ראָזענגליק, האָט שוין פאַר דעם אַלעמען באַצאָלט, און ער ווינטשט דער פאַמיליע צו עסן געזונט, און ניט וויסן מער פון קיין צער . . .

ווען דער סאַרווער האָט גענומען צעלייגן די שפּייז אויף טעלער און צו־גרייטן אַלץ פאַר'ן טיש, האָט אַ שיק־אינגל אַריינגעטראָפן עטלעכע בריוו מיט טרייסט־ווערטער.

אין איין בריוו האָט אַ פעטער פאָרגעשלאָגן צו געבן אַרבעט דער „פינצ־

טערער אַלמנה״, נעבעך, מרס ראָזענגליק. זי וועט קאָנען זיין אַ „בעיבי־סיטער״, אַ היטערין פון קינדער, דריי מאָל אַ וואָך ביי זיין זון און שנור . . . אַ צווייטער בריוו איז געקומען מיט אַ פאָרשלאַג, אַז ראָזענגליק׳ס קינדער, די אָרעמע יתומימ׳לעך . . . קאָנען קריגן אַרבעט טאַקע ביי דעם לענדלאָרד, מיסטער ראָזען, צו פירן די עלעוועיטאָרס אין זיינע הייזער . . . ער וועט זיי צאָלן צען דאָלאַר אַ וואָך, און מיט דער צייט וועלן זיי זיך קאָנען אַרויפאַרבעטן . . . איינער פון די פעטערס, וואָס האָט אים, מיסטער ראָזענגליק׳ן, פריער אַרויסגעוואָרפן פון זיין שאַפ, איז איצט שוין געווען גרייט אַריינצונעמען אפילו זיין אלמנה אין שאַפ אַריין צו דער אַרבעט . . .

ווען די קינדערלעך זיינען אַריינגעקומען פון גאַס און דערזען די אַלע גוטע זאַכן אויפן טיש, האָבן זיי מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט: וואָס איז דאָ, אַ חתונה, אַ געבורטסטאָג ? . . .

די ראָזענגליקס האָבן אין זיך געלאַכט און געבעטן די קינדער: פריער עסט־אָפ, דערנאָך וועלן מיר אייך אַלץ דערקלערן און דערציילן, וואָס פאַר אַ „יום־טוב״ מיר האָבן דאָס היינט . . .

שוין לאַנג־לאַנג, ווי די פאַמיליע ראָזענגליק האָט ניט געהאַט פאַר זיך אויפ׳ן טיש אַזעלכע גוטע מאכלים, אַזוי געשמאַק און פיין צוגעגרייט . . . זיי האָבן גענומען עסן מיט אַזאַ אַפעטעטיט, ווי זיי וואָלטן וועלן גוטמאַכן פאַר די אַלע פאַרפעלטע, ניט־דערעסענע וועטשערעס . . .

אין אָוונט האָט אין הויז אַריינגעשפאַנט אַן עלטערער איד מיט אַ גרופע „אַרויסהעלפערס״ און דערקלערט, אַז מיסטער ראָזן, וועלכער איז פרעזידענט אין שול, האָט זיי צוגעשיקט צו האָבן אַ גאַנצע וואָך אַ מנין אין הויז, זאָגן קדיש נאָך דעם אומגליקלעכן, פריש־פאַרשטאָרבענעם ראָזענגליק . . .

דאָ האָט די מרס. ראָזענגליק זיך שטאַרק צעלאַכט און גענומען זיי דערקלערן, אַז אויף נאָכ׳ן טויט זיינען זיי שוין אַלע גוט באַזאָרגט . . . די הויפטזאָרג איז ביי זיי — בלויז פאַר׳ן לעבן . . .

מיסטער ראָזענגליק האָט זיך פאַר זיי פאָרגעשטעלט ,אַז ער דאַרף דאָס אייגנטלעך זיין פאַר זיי „דער מת״, נאָר ער האָט באַשלאָסן, האָט ער זיי געזאָגט, אַז פאַר אַזאַ קליינעם פרייז ווי די פעטערס, מומעס און קאָזינס, די „אָלראַיטניקעס״, ווילן זיך דאָס איינהאַנדלען „יענע וועלט״, קאָן ער זיך ניט דערלויבן צו שטאַרבן . . . עס לוינט זיך ניט . . .

און די מרס. ראָזענגליק האָט צוגעגעבן: „דאָס שטיקל לעבן קאָסט אונז אַליין טייער״ . . .

דער מנין אָרעמע אידן איז געבליבן שטיין אין אַ פאַרלעגנהייט, וויסנדיג,

אַז זיי קאָנען שוין זאָגן אַ רבנן־קדיש נאָך די אָרעמע פּאָר סענט, וואָס זיי האָבן דערוואַרט פאַר׳ן זאָגן קדיש . . .

דער עלטערער איד האָט זיך אומגעקערט, אַ זאָג געטאָן צו די ראָזענע־גליקס: מילא, קיין מת איז ניטאָ, אָבער — אַ לחיים מעג מען דאָך מאַכן ?!...

און זיי האָבן אַלע טאַקע געמאַכט אַ לחיים און געוואונטשן דעם „מת״ געזונט און לעבן . . .

די „בעיבי־סיטערס"

די סאָסקינס האָבן שוין פון לאַנג געחלומ'ט וועגן קאָנען הערן עפּעס אַ גוטן קאָנצערט. בײדע האָבן זײ ליב מוזיק, און רעדן אָפט פון יענער צײט, ווען זײ פּלעגן שטײן שעה'ן לאַנג אין דער רײ צו קאָנען קריגן אַ פּלאַץ וואו צו שטײן בײ אַ גוטער אָפּערע.

בײדע, מאַן און פרוי, זײנען געווען שאָפּ־אַרבעטער מיט קלאָגעדיגע פאַר־דינסטן, האָבן זײ נישט געקאָנט טראַכטן פון קויפן בילעטן צום זיצן. אָבער מ'האָט פאַנטאַזירט, אַז נאָך דער חתונה וועלן אפשר קומען בעסערע צײטן, וועט מען קאָנען גײן אָפטער צו אַ קאָנצערט, צו אַן אָפּערע און — אפשר טאָקע זיצן מיט לײטן גלײך . . .

נאָך דער חתונה איז אונטערגעקומען אַ קינד, אַ קאַרפּוזיקל, וואָס האָט ליב געהאַט אַלײן דורכצופירן אַ קאָנצערט . . . זײנס אַ „סאָלאָ" האָט מען גע־הערט אויף דער גאַנצער גאַס. באַזונדערט האָט ער ליב געהאַט צו געבן מיט־נאַכט קאָנצערטן.

האָבן שוין די סאָסקינס פאַרגעסן פון צו גײן צו קאָנצערטן און אָפּערעס. דאָס הויז איז פול געוואָרן מיט געזאַנג: אָדער טאַטע־מאַמע האָבן גע־זונגען און געוויגט דאָס קינד, אָדער — דאָס קינד האָט „געשפּילט" זײנס.

דערפאַר איז געווען אַזאַ פרײד בײ די סאָסקינס מיט דעם קאָנצערט, וואָס זײערע לאַנדסלײט האָבן אײנגעאָרדנט. ענדלעך וועלן זײ האָבן אַ געלעגנ־הײט נאָך אַן איבעררײס פון עטלעכע יאָר ווידער צו הערן מוזיק, הערן נײע לידער און זיך ווידער טרעפן מיט פרײנט און באַקאַנטע.

איצט איז פאַר זײ געוואָרן אַ פּראָבלעם אויף וועמען צו לאָזן דאָס קינד.

פרוי סאָסקין האָט אַ טראַכט געטאָן פון איר מוטער: זי ווײס, אַז די מאַמע האָט ליב דאָס קינד און אָנשטאָט צו זיצן אַלײן דעם אָוונט בײ זיך אין צימער, וועט זי זײן צופרידן זיך אַ שפּיל צו טאָן מיטן קינד און אים פאַר־וויגן צו שלאָפן.

מר. סאָסקין האָט איר אָבער באַלד דערמאָנט, אַז די מאַמע האָט נישט קײן חשק איבערצוזעכטיגן בײ זײ, ווײל זי האָט ליב נאָר איר בעט. דערפאַר וועט ער פּרובירן בעטן זײן טאַטן צו ווערן אַ „בעיבי־סיטער", דאָס הײסט, זיצן דעם אָוונט מיטן קינד בײ זײ אין הויז.

דאָ האָט אים אָבער מרס. סאָסקין דערמאָנט, אַז דער טאַטע וועט ניט וועלן קומען צו נעכטיקן. אמת, האָט זי צוגעגעבן, ער האָט זייער ליב דאָס קינד און אונזער היים, אָבער ס'איז ניט גענוג פרום פאַר אים: די ווענט — אָן מזוזות, די כלים אויסגעמישט, דאָס עסן ניט גענוג כשר.

— ווייסטו גאָר וואָס, — האָט ער זי פּרובירט באַרואיקן, — מיר'ן זיי צוזאָגן אָפּצופירן אַהיים די מאַמען אָדער דעם טאַטן, ווער פון זיי עס וועט נאָר אָננעמען צו זיין אַ „בעיבי־סיטער" פאַר'ן אָוונט.

מרס. סאָסקין האָט וועגן דעם גערעדט מיט דער מאַמען. די אַלטע מאַמע האָט זיך אַביסל געקווינקלט: עס וועט פאַלן פאַר איר שווער, אָבער — האָט די מאַמע געזאָגט צום סוף — דאַרפסט טאַקע אַמאָל אָנקוקן די גאַס. נו, גיי, מילא, וועל איך גיין שלאָפן מיט אַ פאָר שעה שפּעטער.

מר. סאָסקין, וועלנדיג זיין גאָר זיכער, האָט אויך געכאַפּט אַ שמועס מיט'ן טאַטן.

דער טאַטע האָט אַ צופרידענער גלייך צוגעשטימט: איין קלייניגקייט, דאָס אייניקל איז דאָך ביי אים „דאָס אויג פון קאָפּ". און כדי ער זאָל זיך ניט לאַנגווייליקן, האָט ער ביי זיך באַשלאָסן מיטצונעמען אַ תהלים אין קעשענע. וועט ער שוין האָבן פונ'ם אָוונט אַ צווייפאַכן פאַרגעניגן: זאָגן תהלים און זיין אַ „בעיבי־סיטער" . . .

ווען מר. און מרס. סאָסקין האָבן זיך אויסגעפּוצט פאַר'ן קאָנצערט איז אָנגעקומען דער טאַטע מיט'ן תהילימ'ל אין קעשענע.

זיידע און אייניקל האָבן זיך אַרומגעכאַפּט ווי אַלטע באַקאַנטע . . . דער זיידע האָט פאַרצויגן אַ ניגונ'דל צו פאַרשפּילן דאָס קינד און געבן אַ געלעגנהייט די סאָסקינס זיך אָנצוטאָן און אויסצופּוצן זיך פאַר'ן קאָנצערט.

ווען זיי זיינען פאַרטיג געוואָרן צום גיין, האָט זיך מרס. סאָסקין געכאַפּט, אַז זי האָט פאַרגעסן טעלעפאָנירן צו איר מאַמען, אַז זי זאָל ניט קומען, און איצט איז שוין צו שפּעט.

מר. סאָסקין האָט אָבער באַלד געלייזט די פּראָבלעם. ער האָט געבעטן דעם פאָטער, אַז אויב די שוויגער וועט קומען, זאָל ער איר באַדאַנקען און בעטן גלייך גיין אַהיים. ביי אַ צווייטער געלעגנהייט וועט זי שוין זיין דער „בעיבי־סיטער" .

ווי גיך די סאָסקינס זיינען אַרויס פון הויז, איז די מאַמע אָנגעקומען.

אין אָנהויב האָט איר אַביסל פאַרדראָסן, וואָס זי האָט זיך געדאַרפט אומזיסט שלעפּן אַ צענדליג גאַסן. אָבער ווי גיך דאָס אייניקל האָט זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר, געגומען רייסן זי פאַר'ן נאָז, זיך שפּילן מיט איר מעדאַ־

ליאַן אויפ׳ן האַרצן, האָט זיך די באָבישע פרייד צעגאָסן אויף איר פנים און זי האָט פאַרגעסן פון גיין אַהיים.

זי האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף דער קושעטקע ביי דער זייט פון וויגעלע און געגומען זינגען אַ לידעלע צו פאַרוויגן דאָס קינד — אַ לידעלע, וואָס זי האָט געזונגען מיט יאָרן צוריק פאַר איר אייגענער טאָכטער צו פאַרוויגן...

דער אַלטער זיידע, באַכדעם ווי ער האָט אַ ווײַלע אַרומגעשפּאַצירט מיט׳ן תהלים׳ל אין האַנט און אונטערגעברומט פאַר זיך אַ ניגון, האָט זיך צוגעזעצט אויף דער קושעטקע ביי דער זייט פון דער מחותנת׳טע.

ביידע האָבן אַריינגעקוקט דורך די שטאַכעטלעך אַרום קינד׳ס בעטעלע צום אייניקל׳ס שיינענדיגן פנימ׳ל.

ווי מיט איין געדאַנק האָבן ביידע געגומען שמועסן וועגן תכלית פון זייערע קינדער און פון אַ צוקונפט פאַר׳ן אייניקל.

אין דער מאַטער ליכט האָבן זיך ביידע אַריינגעקוקט פנים־אין־פנים. פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין מחותנים האָבן זיי עפּעס ניט געהאַט די געלעגנהייט אַזוי פיל צו שמועסן, אַזוי פיל אַרומרעדן מיט ליבשאַפט די קינדער און טאַקע ווערן אַזוי נאָענט באַקאַנט.

די שפּעטע שעה האָט מיד געמאַכט דער באָבע׳ס אויגן. זי איז געבליבן זיצן איינגענורעט אין ווינקל מיט׳ן קאָפּ אַרונטערגעלאָזן.

דער זיידע האָט נאָך פּרובירט בלעטערן אַ פּאָר מאָל דעם תהלים, אָבער ס׳איז געבליבן שטעקן צווישן די פינגער אין די פאַרשלאָפענע הענט.

אַ פיינער „דועט" האָט זיך צעשפּילט אין דער שטילקייט פון דער נאַכט. דער זיידע האָט געכראָפּעט און אונטערגעפייפט מיט דער נאָז, און די באָבע האָט אים באַגלייט מיט אַ שוואַכן הוסטעלע און פון צייט צו צייט מיט אַ מאַמעשן קרעכצעלע . . . וואָרפנדיג דערביי די מידע קעפּ איינע אויף די אַנדערע.

דאָס קינד האָט זיך אויפגעכאַפּט, און ניט האָבנדיג די מאַמע אַרום זיך, האָט זיך עס צעוויינט.

צוועלף ביינאַכט, ווען די סאָסקינס האָבן גליקלעכע און פריילעכע, מיט שטילן געזאַנג אויף זייערע ליפּן, אויפגעשלאָסן די טיר, האָבן זיי זיך האַרציג צעלאַכט.

די צוויי „בעיבי־סיטערס" האָבן אפילו ניט געהערט דאָס אויפשליסן פון טיר. זיי זיינען געשמאַק געשלאָפן און פאַרגעזעצט זייער „קאָנצערט" פון כראָפּען, פייפן און הוסטן. דאָס קינד ווידער איז געזעסן אין וויגעלע און מיט פאַרטערטע אויגעלעך אַכטונג געגעבן אויפ׳ן זיידן מיט דער באָבען . . .

מיין שכנ׳ס טעלעוויזיע

מיט גרויס פרייד האָט מרס. בערסאָן אַנגעזאָגט איר מאַן, אַז די שכנים, די ראָזענס, האָבן שוין אַריינגענומען אַ טעלעוויזיע.

שוין אַ לאַנגע צייט ווי די בערסאָנס האָבן געטראַכט פון אַריינגעמען אין הויז אַ טעלעוויזיע: אַט־די מאַשינקע, וואָס מיט אַ דריי אַ קנעפּל קאָן מען זען און הערן, וואָס דאָס האַרץ גלוסט.

אָבער דאָס וואָס די שכנים קומען צו איך אַריינקוקן אין טעפּל, און דאָס וואָס מען צעזעצט זיך ווי אין אַ טעאַטער, דאָס האָט אָפּגעהאַלטן די בערסאָנס פון קויפן אַ טעלעוויזיע. ער, מיסטער בערסאָן, פלעגט זאָגן: „אַ טעלעוויזיע איז זייער אַ פיינע זאַך — ביי שכנים! . . . צו זיי, צו די שכנים, קאָן מען אַריינגיין, זיך זעצן רואיג און הנאה האָבן פון דער מאַשינקע; אָבער ניט ביי זיך אין דער היים״ . . .

אַט הערט אויף טשיקאַווערסט, וואָס ס׳איז פאָרגעקומען די ערשטע פּאָר טעג און ווייטער ביי די ראָזענס, אַזוי גיך ווי מ׳האָט נאָר אַריינגעבראַכט דאָס אַפּאַראַטל אין הויז.

מיסטער ראָזען האָט געוואָלט שטעלן די טעלעוויזיע אַנטקעגן דער קור־שעטקע, וואו ער האָט ליב צו זיצן נאָך אַ שווערן טאָג אַרבעט. זיין חשבון איז געווען, אַז ער וועט קאָנען קוקן אויף דער פּראָגראַם, אויב ס׳איז עפּעס רעכטס, אַזוי לאַנג ווי זיינע שוואַכע אויגן וועלן אים דינען. דערנאָך קאָן ער אַ פאַרוואָרף טאָן דעם קאָפּ און כאַפּן אַ דרעמל, ווי ביי זיך אין דער היים . . .

באַלד זיינען אָבער אַריינגעקומען עטלעכע שכנים און אַנגעוויזן, אַז דאָס טויג ניט, ווייל צוליב דער נידעריגער קושעטקע, וועלן אַלע ווערן געשטערט און דאַרפן האַלטן זייערע שטולן אין אַ זייט . . .

כאַשע, די „נעקסטדאָריגע״, האָט פאָרלאַנגט, אַז מ׳זאָל שטעלן די קאַ־שעטקע אויף אַ טרעפּ, און אַז מיסטער ראָזען זאָל איבערהויפּט ניט זיצן אויף דער קאַשעטקע, ווייל ער האָט אַ טבע, אַז ווי גיך ער שלאָפט־איין, הויבט ער אָן צו כראָפּען, און דאָס וואָלט געמיינט פּשוט שטערן די געסט הנאה צו האָבן . . .

חנה־ביילע, פון דער דערבייאיגער דירה, האָט פאָרגעשלאָגן, אַז די בעסטע זאַך איז צו שטעלן די טעלעוויזיע אין קיך, ווייל מען דאַרף אויך

אינזינען האָבן די באַלעבאָסטע. מ׳דאַרף ניט פאַרגעסן, האָט זי אָנגעוויזן, אַז די באַלעבאָסטע אַליין וויל דאָך אויך כאַפּן אַ קוק אויף דער טעלעוויזיע, און אין דער זעלביגער צייט, האָט זי אַ וואונק געגעבן צו דער באַלעבאָסטע רחל, קאָן מען דאָך ניט לאָזן זיצן מענטשן אַ פּאָר שעה פאַרשמאַכט . . . דאַרף מען עפּעס דערלאַנגען צום עסן, צום טרינקען; דאָ אַ לעפּעלע, דאָ אַ מעסער, דאָ ווערט עמיצן ניט גוט פון פּראָגראַם און מען וויל אַביסל וואַסער . . . מיט איין וואָרט, אין קיך וועט זיך די מרס. ראָזען, פילן ווי אַ פויגל אויפ׳ן דאַך . . .

העברי, דער באַרבער פון גאַס, האָט שוין פאַרגעשלאָגן גאָר עפּעס פּראַקטישעס: אַז די טעלעוויזיע זאָל מען אַריינשטעלן אין הויפּט־צימער. דער צימער איז גרויס, האָט ער אָנגעוויזן, און מען קאָן דאָרט אַריינשטעלן אַ צוואַנציג שטולן, און ס׳איז נאָך פאַראַן גענוג פּלאַץ פאַר צוגרייטן אַ טיש, וואו מ׳זאָל ניט דאַרפן לויפן אין קיך אַריין . . .

דאָ האָט שוין סיאָמקע, איינער פון די אַריינגייער אין הויז, צוגעלייגט, אַז אויב שטעלן די טעלעוויזיע אין הויפּט־צימער, זאָל עס זיין פּונקט געגנאיבער דעם פענצטער. ער האָט עס דערקלערט מיט אַ שכל: עס גייט צו זומער, ניט אַלע ווילן זיך שטיקן אין הויז, קאָן מען אַזוי שטעלן די טעלעוויזיע, אַז ווען מען זיצט אויף דער באַנק איבער׳ן וועג, לעבן פּאַרק, זאָל מען טאַקע פאַראייניוועגס קאָנען זען די פּראָגראַמען . . .

ווען מ׳האָט שוין ענדלעך אָוועקגעשטעלט די טעלעוויזיע אויף אַ פּלאַץ, און אָנגעדרייט דאָס קנעפּל, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דאָס הויז איז צו־קליין . . . און דאָ איז שוין מרס. לובאַר אַריינגעקומען מיט אַ פּלאַן: ווען מ׳קאָן, זאָגט זי, אַרויסוואַרפן די וואַנט צווישן קיך און שלאָף־צימער, וואָלט געווען זייער באַקוועם . . . אַלע וואָלטן זיך געפילט ווי אינדערהיים . . .

די הויפּט־פּראָבלעם איז אָבער געוואָרן: אויף וועלכער סטאַנציע קאָן מען קריגן די בעסטע פּראָגראַמען.

מאַרטי, דער זון, און העברי, דער באַרבער, האָבן זייער ליב צו זען אַ „פּראַיז־פּאַיט״. אַ „פּראַיז־פּאַיט״, זאָגן זיי, גיט זיי צו אַ שטיק לעבן. די איינציגע זאַך, ווייזט־אָן מאַרטי, איז זיך נאָר ניט צורוקן צופיל צום שייבל, וויל מ׳קאָן נאָך כאַפּן אַ פּלעם אין פּיסק אַריין . . . אָבער ראָזען, דער טאַטע, זאָגט, אַז אים בלוטיגט דאָס האַרץ, ווי אַזוי צוויי מענטשן פּיקן זיך ווי די הענער פאַר אַ קערנדל . . . ער, מיסטער ראָזען, האָט ליב צו זען דעם מיסטער בערל דעם קאָמיקער, מיט זיינע משוגענע שטיק, פּרובירט ער אַ דריי טאָן דאָס קנעפּל אויף זיין סטאַנציע . . .

אינמיטן קומט אַריין פּינקוס, וועלכער האָט ליב אָפּערע, און מאַכט אַלע־מען אויסצודריייען: „ווי שעמט איר זיך ניט, מאַכט ער אַ געוואַלד, מ'זינגט היינט אַזאַ טייערע אָפּערע, זיצט איר און הרג'עט אַוועק צייט אויף צו זען און הערן די מעקענע" . . .

אין אַט־די רייד עפנט זיך די טיר און ס'קומט אַריין מיסטער יאַפּעס מיט אַ שקאָרמיץ אין האַנט און גיט גלייך אַ צעדריי דאָס קנעפּל פון דער טעלעוויזיע: „איר ווייסט, — זאָגט ער זיי אָן, — ס'איז שוין פּונקט עלף אַזייגער: איצט קאָן מען הערן בייעס . . .

מיסטער יאַפּעס צעעפנט דעם שקארמיץ, און נעמט־אַרויס זיינע אייגענע שפּייז. ער דאַרף זיך לעצטנס אַביסל „פּאָפּראַווען", האָט ער אַלעמאָל מיט זיך אַביסל ניס, פייגן, טייטלען. ער עסט אַליין און איז מכבד די אַרומיגע שכנים: אַז אַלע זאָלן קנאַקן און קייען . . . ער האָט בלויז אַ טענה, וואָס די ציגאַרן אויפ'ן טיש שמעקן אים ניט . . .

מיסטער און מרס. ראָזען האָבן איצט פאַר זיך אַ קליינע פּראָבלעם צו דערליידיגן: זיי זוכן אַ שכן, וואָס זאָל לאָזן אַריינשטעלן די טעלעוויזיע אין זיין היים. זיי האָבן איינגעזען, אַז מיסטער בערסאָן איז גערעכט: אַ טעלע־וויזיע איז זייער אַ פיינע זאַך — נאָר ביי יענעם אין הויז . . .

דערווייל, אַז איר ווילט טרעפן אין די אָוונטן מיסטער ראָזענ'ען, כאַפּט זיך אַריין אין אַ שכנ'ישער דירה: ער האָט זיך געוויס אַריינגעכאַפּט אַהין צו זען און הערן רואיג אַ פּראָגראַם, און ניט ווערן געשטערט, ווי ביי זיך אין הויז . . .

צוזאַמען

(אַ מעשה׳לע מיט אַ מאָראַל)

אויף לאַנגע וועגן און שטעגן, איבער שטיינער און אין בלאָטעס האָט זיך געצויגן דער ציגיינער קאַראַוואַן, אָנצוקומען פאַר׳ן ווינטער אין אַ וואַרעמער געגנט.

אויף זייערע בוידן אונטער די לייוונטענע און שטרויענע דעכלעך, איז געלעגן זייער גאַנצע האָב־און־גוטס. די פרויען מיט די קינדערלעך אויף די שויסן, איינגעבורעט צווישן זייערע אָנגעוואָרפענע קליידער, טעפלעך, שפייז, טעפיכער, גיטאַרעס, פידלען און פייקלעך. עס האָבן זיך אויסגעמישט האַרציגע מעלאָדיעס, קינדער געוויין און דאָס סקריפען פון די טרוקענע רעדער...

דער ציגיינער קאַראַשאָ, זיין ווייב מאַרגא, זיינען געווען פון די רייכערע. קיינער האָט ניט געוואוסט, ווי ס׳איז געקומען צו מאַרגא די טייערע פערל אויף איר האַלדז, וואָס האָט אויסגעזען ווי פון בראָנז אויסגעגאָסן.. אַזוי איז אויך געווען אַ רעטעניש, ווי ס׳קומט צו קאַראַשאָ אַזאַ פיינער פלינקער פערד, ווען אַלע ציגיינער פון דער וואַנדער־גרופע האָבן געהאַט אַלטע שקאַפעס, וואָס האָבן קוים געהאַט כוח צו שלעפן די בויד מיט דעם ביסל פאַרמעגן.

קאַראַשאָ האָט ליב געהאַט זיך אויסצופיינען מיט זיין זינגען און טאַנצן. און ווען מען פלעגט אים ניט אָפטרעטן דעם וועג פלעגט ער באַליידיגן און פאַרפאָרן אין די ציין.

די אַלע מיטפאָרער אין קאַראַוואַן האָבן אים פיינט געהאַט, ווייל אַלע האָבן זיך געוואַרעמט ביי איין פייער, געטיילט זיך מיט׳ן ביסן, אָבער קאַראַשאָ האָט געקאָכט באַזונדער און געגעסן מיט זיין ווייב מאַרגאָ און קינד — פאַרבאַהאַלטן אין בויד.

ווען ס׳איז אויסגעקומען דורכצובראָזשען אַ שווער שטיקל וועג, האָבן אַלע צוזאַמען צוגעלייגט אַן אַקסל אָדער צוגעשפאַנט די שקאַפעס צו העלפן אַרויסקריכן פון דער בלאָטע, אָבער קאַראַשאָ פלעגט פאַרבייפליען מיט זיין בויד און מיט זיין פלינקן פערדל, און געמאַכט זיך ניט זעענדיג . . .

איין טאָג האָט קאַראַשאָ באַשלאָסן זיך אַרויסצוציאָגן, צו אָנקומען וואָס גיכער אין שטאָט און זיין פון די ערשטע צו קריגן אַ היים און זיך איינ־

אָרדנען פאַר׳ן ווינטער . . .

צו שפּאָרן וועג, האָט קאַראַשאַ גענומען שניידן זיך דורכן וואַלד, זיין פערדל האָט געצויגן דעם וואָגן איבער שטיינער און קאָלדעבעס (גריבער), ער האָט געשמיסן מיט׳ן בייטש סוויטשענדיג אין דער לופט אַריין, ווי אַ באַגלייטונג צו די לידער, וואָס ער האָט געזונגען, און מאַרגאָ האָט שטיל מיטגעזונגען.

מיטאַמאָל זיינען זיי ביידע שטיל געוואָרן, ער איז געבליבן זיצן מיט׳ן בייטש אין האַנט ווי פאַרגליווערט. עס האָט זיך דערהערט אַ בייזער וואָיען פון אַ לויפנדיגער טשאַטע וועלף.

איידער קאַראַשאַ האָט באַוויזן זיך אַרומצוקוקן, וואו ער געפינט זיך, צי ער האָט ניט פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ אין טיפן וואַלד אַריין, האָבן די וועלף זיי שוין אָנגעיאָגט און גענומען טאַנצן אַרום וואָגן . . .

מיט די וועלף איז קאַראַשאָ ניט געווען אַזאַ „העלד״, ווי מיט זיינע ציי־גיינער ברידער . . .

אין דעם ערשטן מאָמענט איז אים איינגעפאַלן אַראָפּצוואַרפן אַלע שפּייזן פונ׳ם בויד און אַזוי אָפּצונאַרן די וועלף — ווען זיי וועלן עסן, וועט ער דערווייל האָבן אַ געלעגנהייט אַוועקצופאָרן . . .

אויף גיך האָט ער אויסגעליידיגט טאָפּ נאָך טאָפּ און זאַק נאָך זאַק. די קלענערע וועלף האָבן זיך געלאָזט צו דעם אָנגעוואָרפענעם שפּייז. די גרויסע טשאַטע איז אָבער ניט אָפּגעטראָטן און געריסן שטיקער פונ׳ם פערד. זיי האָבן אים אַזוי לאַנג געריסן און געביסן ביז ער איז אַנידערגעפאַלן.

באַלד זיינען געקומען נאָך טשאַטעס. זיי האָבן גענומען שפּרינגען אויפ׳ן וואָגן. אַ וואָלף האָט געכאַפּט מאַרגאָ׳ס קינד און איז אַרויסגעלאָפן פון וואָגן און אַנדערע וועלף האָבן גענומען רייסן דאָס ביסן פון אים... מאַרגאָ האָט זיך איינגענורעט טיפער אונטער די קליידער און קעסטלעך זיך אויסצו־באַהאַלטן.

די וועלף האָבן גיך פאַרצוקט דאָס קינד און זיך ווידער געלאָזט צום בויד. קאַראַשא האָט געפאַכעט מיט׳ן בייטש און געשריען מיט ווילדע קולות, רופנדיג צו הילף — ראַטעוועט!

איין וואָלף האָט שוין טיף אַריינגעלאָזן זיינע ציינער אין קאַראַשאַ׳ס ליטקע, אַ צווייטער — האָט פלינק אַ שלעפּ געטאָן די בייטש פון זיין האַנט.

קאַראַשא האָט פּרובירט זיך אַרויסרייסן פון זייערע ציין, אַראָפּשפּרינגנ־דיג פון בויד. ער איז שוין אויך גרייט געווען צו אַנטלויפן און איבערלאָזן זיין געליבטע מאַרגא פאַר די וועלף . . .

מיטאַמאָל האָבן זיך דערהערט קלאַנגען פון ציגיינער־לידער. עס איז אָנגעקומען דער קאַראַוואַן.

קאַראַשאַ האָט גענומען שרייען מיט די לעצטע כוחות: גיכער, גיכער, ראַטעוועט!! . . .

די וועלף זיינען אַביסל צעטומלט געוואָרן און ניט געוואוסט וואוהין פריער צו לויפן און וואָס צו כאַפּן.

עטלעכע פון דער טשאַטע האָבן זיך אַ לאָז געטאָן צו דער אויסגעמאַ־טערטע שקאַפּע פון דער ערשטער בויד.

דאָ האָבן זיך אַלע ציגיינער פאַראייניגטערהייט אַ נעם געטאָן צו די שטעקנס און אייזנס פון די בוידן און גענומען טרייבן די וועלף. יענע האָבן דערזען אַזוי פיל מענטשן, האָבן זיי איבערגעלאָזט זייערע טויטע און פאַר־וואונדעטע און זיך צעלאָפן אין טיפן וואַלד אַריין צוריק אין זייערע נאָרעס...

קאַראַשאַ איז געשטאַנען אַ פאַרבלוטיגטער, מאַרגאַ איז אַרויסגעקראָכן אַ פאַרוויינטע און צעבראָכענע.

די ציגיינער מיט זייערע פרויען האָבן געהאָלפן קאַראַשאַ׳ן פאַרבינדן זיינע וואונדן, און מאַרגאַ׳ן האָבן זיי פּרובירט טרייסטן און ברענגען צו זיך...

ווען זיי האָבן צעלייגט אַ פייער זיך צו דערוואַרעמען, און געלאָזט די פערדלעך זיך אויסטשוכען פונ׳ם שרעק, האָבן אַלע צוזאַמען מיט די פרויען און קינדער געזונגען לידער, געשפּילט און געטאַנצט . . .

קאַראַשאַ איז געשטאַנען מיט׳ן פאַרבאַנדזשירטן פוס, געלאָזט אַלעמען טאַנצן, ניט געוואגט מער עמיצן אָפּצושטופּן, אָדער באַליידיגן . . .

דאָס מאָל האָט דער אַלטער ציגיינער אַלבערטא איבערגעריסן דאָס זינ־גען און האָט צו זיי אַזוי געזאָגט: „ברידערלעך, פאַרצייכנט און זאָלן דאָס געדענקען אונזערע קינדער און קינדס־קינדער, אַז דער וואָס טיילט זיך אָפּ פון זיין פאָלק און קוקט בלויז פאַר זיין אייגענעם גורל, דער וועט אַליין פאַר־צוקט ווערן פון די וועלף. בלויז אין אייניגקייט איז קראַפט!

מאַלווינאַ׳ס טרייסט

די ערשטע צייטן, אַז מאַלווינאַ האָט דערזען גרויע האָר אויפ׳ן קאָפּ, פלעגט זי זיי אויסרייסן און אַוועקלאָזן מיט׳ן ווינט, ווי אַ בוים וואָס שאָקלט אָפּ אַ פאַרגעלט בלעטל פון זיך. האָט זי דערזען אַ קנייטשעלע ביי די אויגן אָדער ביי די ליפּן, צי אַ פעלדעלע אונטער דער מאָרדע, פלעגט זי דאָס אינ־סטינקטיוו פּרובירן פאַרדעקן. זי פלעגט זיך אָנבלאָזן די באַקן, פּרובירן צעציען, פאַרמאַסקירן, צו דערזען פאַר זיך אויף אַ מאָמענט דאָס גלאַטע פּנים פון אַמאָליגע יאָרן.

ווען די גרויע האָר, באַגלייט פון קנייטשעלעך און פעלדעלעך האָבן זיך גענומען מערן אויפ׳ן קאָפּ און פּנים, פלעגט שוין מאַלווינא צוגיין צום שפּיגל ווי אַ קינד אויף קבר־אבות פון טאַטע־מאַמע — באַוויינען דאָס פאַרגאַנגענע...

מאַלווינאַ האָט אָבער פּרובירט קעמפן געגן דעם גאַנג באַרג אַראָפּ. איר פּראָפּעסיע האָט דאָס געפאָדערט, און זי אַליין איז אויך ניט גרייט געווען צו מאַכן שלום מיט׳ן געדאַנק, לאָזן די בלומען פאַרוועלקט ווערן אונ־טערן שניי.

דאַכט זיך, ווי לאַנג צוריק איז זי געווען די וואונדער־קינד, מיט איר זינגען און שפּילן, מיט איר טאַנצן און חנ׳עוודיגע קינדער־שטיק? שפּעטער, אַז זי איז געוואָרן אַ סובּרעטין האָט זי באַהערשט די בינע־ברעטער. ווען זי האָט געזונגען, געטאַנצט האָט די פּאָדלאָגע געברענט אונטער אירע פיס און דער טעאַטער האָט געפלאַמט.

מאַלווינאַ האָט זיך געבאָדן אין בלומען און לויב. איר בליק האָט גע־צונדן. איר׳ס אַ וואָרט איז צעטראָגן געוואָרן, איר׳ס אַ לידל האָבן אַלע נאָכגעזונגען, איר׳ס אַן אונטערשריפט איז געווען ווי אַ גוטער וועקסל. אויף גרויסע אָפּישן האָט מען געלאָזט וויסן, אַז מאַלווינאַ נוצט די און די זייף, די און די פּאַרפיום, מאַלווינאַ עסט דעם און דעם מאכל, מאַלווינאַ טרינקט דעם און דעם ווייַן.

דער זייגער האָט געדרייט די רעדלעך פון דער צייט. דער קאַלענדאַר האָט געביטן די בלעטלעך טאָג נאָך טאָג, מאַלווינאַ האָט דערזען ווי עס בליאַ־קעוועט איר זיידן קלייד אויף זיך. זי האָט גענומען פאַרבן אין נייע קאָ־לירן אירע האָר, זי האָט גענומען שמידן געדיכטער דאָס שמינקע אויף איר

פנים און נאָך אָפטער קוקן אין שפּיגל, קוקן און מעסטן דעם נעכטן מיט׳ן היינט, און וואָס מער מאַלווינאַ האָט געקוקט — אַלץ מער האָט מאַלווינאַ דערזען . . .

אָט וואַרפן זיך דורך די גרויע האָר אין דער לענג פון איר ברונעט פאַרקאַמטן קאָפּ. און אָט פאַרבט זי אָפּ די האָר, נאָר, אין עטלעכע טעג קומען אַרויס די וואָרצלען און פאַר׳מסר׳ן . . . מיט יעדן טאָג ווערט דער פונ־דאַמענט פון די האָר ווייסער און ווייסער. עס ווערט געשאַפן אַזאַ קאָנטראַסט, אַזאַ צעטיילונג אין די שטעגלעך און וועגלעך איבער׳ן קאָפּ, ווי די וואָרצלען וואָלטן געשריען: לאָזט זיך ניט אָפּנאַרן, אין גרונט זיינען מיר די אמת׳ע, די ריכטיגע האָר און קיינער דאַרף זיך מיט אונז ניט שעמען. מיר זיינען די צייכנס פון יאָרן, און וועלכער מענטש בעט עס ניט אויף וואָס מער יאָרן?

מאַלווינאַ האָט זיך אָבער ניט צוגעהערט צו די זאַכלעכע רייד פון גע־זונטן געדאַנק. פאַר אירע אויגן איז געשטאַנען די טרויעריגעווירקלעכקייט פון אַ סביבה, וואו גרויע האָר און אַ קנייטש אויפ׳ן פנים זיינען סימנים פון „אויסגעשפּילטקייט“. אפילו ווען מען איז נאָך גאַרנישט אַזוי אַלט. מאַל־ווינאַ ווייסט און פילט, אַז חוץ אַלעמען שטייט אין געפאַר איר ברויט און פּוטער, די מעגלעכקייט צו דערציען די קינדער.

אין דער שטיל, ווען דער מאַן און קינדער זיינען ניט אין הויז, לאָזט מאַלווינאַ זיך צעשפּילן דעם גראַמאָפאָן מיט אירע פּלאַסטינקעס, וועלכע זי האָט אַריינגעזונגען מיט יאָרן צוריק. זי פּרובירט זיי נאָכזינגען, נאָכשפּילן, זיך אַליין אימיטירן. קוקט זי אין שפּיגל אויף אירע גרימאַסן, זי פאַרמעסט זיך — מיט זיך אַליין . . . דאָ מיט אַ קאָלאָראַטור שטימע, דאָ מיט אַן אַלטאָ, וואָס קלינגט אָפּ פאַר איר אַזוי פיין פון רעקאָרד, דאָ פאַרמעסט זי זיך מיט דעם אויספיר, מיט׳ן פינאַל . . .

די געדאַנקען שלאָגן זיך, איינער זאָגט: „דער רעקאָרד האָט מיר אי־בערגעלעבט, בייגעקומען“. אַ צווייטער קלאַפּט צוריק: „ווען דו וואָלסט איצט אַריינגעזונגען, געמאַכט נייע פּלאַסטינקעס, וואָלטן זיי ווידער געווען אַ דער־פאָלג און זיי וואָלטן דיר ווידער געפעלן. יעדער מענטש האָט ליב זיין אייגענעם רעקאָרד . . .

ווידער לאָזט זי דרייען אַ פּלאַסטינקע, אַ לעבעדיקס, פון אירע שטור־רעם־טעג ווען זי פלעגט דאָס אויסזינגען און זיך אַליין באַגלייטן אויף דער גיטאַרע און צוטאַנצן ביים פינאַל.

מאַלווינאַ פּרובירט ווי נאָכזינגען דעם רעקאָרד. זי פּרובירט זיך אַרויס־העלפן, דרינדזשענדיג מיט אַ פינגער אויף דער גיטאַרע נאָר, ווען זי וויל

אונטערטאַנצן, דערפילט זי, אַז זי הויבט בלויז די אַקסלען — אָבער ניט די פיס . . .

טרייסט זי זיך, רעדט צו זיך אַליין: עס פעלט די וואַרעמע אַטמאָספערע, די אויסרופן, דאָס איז דאָך דער נאָפט, וואָס טרייבט, וואָס צינדט אָן...

נאָך אָפט פּרובירט אויס מאַלווינאַ אירע אַקציעס אויף אירע פריינט, ווען זיי קומען צו איר אויף אַ באַזוך. זי לאָזט זיך ניט בעטן. זי צעלאָזט זיך מיט אירע סאַמע דערפאָלגרייכע לידער פון אַמאָל, און באַגלייט זיך אויף דער גיטאַרע. אָבער שרעקלעך צעווייטיגט דערפילט זיך מאַלווינאַ, ווען זי באַמערקט זייטיג, ווי די פריינט און געסט גיבן אַ לאַך. עס דאַכט זיך איר, אַז דאָס איז גיכער אַן אָפּלאַך, און ניט דאָס אַמאָליגע לאַכן און קוועלן פון איר געזאַנג און חן . . .

— —

דערפאַר פילט זיך מאַלווינאַ גליקלעך, ווען עס קומט איר עלטסטע טאָכטער מיט׳ן קינד ביי דער האַנט. אין דעם איניקל לאָלאָ — זעט מאַלווינאַ זיך אַליין פון העט צוריק, ווען זי איז געווען אַ וואונדער־קינד.

און ווען די זעקס־יאָריגע לאָלאָ, צעזינגט זיך, צעטאַנצט זיך, און אירע ברונעטע לאָקן פליען אין דער לופטן — ווי פליגל פון אַן עראָפּלאַן, דערפילט זיך מאַלווינאַ אַ דערפרישטע, אַ באַנייטע פון דאָס ניי געבאָרן. און ווער שמועסט באַד, אַז די עלטערע פריינט זאָגן אַרויס מיט אַ פולן מויל: „אַ ברען — פונקט ווי די באָבע אַמאָל, ווי צווי טראָפּן וואַסער״ — דעמאָלט איז מאַלווינאַ שוין גאָר אין זיבעטן הימל. ס׳איז אויס מיט דער מורא פאַר די גרויע האָר, און ווען מען אַרט עס אַ קנייטש אויף דעם פּנים ? . . . זי דערפילט זיך פון דאָס ניי אַ וואונדער קינד . . .

אַ ניי־יאָר פּאַרטי

(אַ מאָנאָלאָג)

איך ווייס ניט פּאַרוואָס, נאָר איך קאָן זיך ניט צופּאַסן צו די רייכע, וועלכע פּאָרן אַרויס פּאַרברענגען ניי־יאָר אין די ווינטער־רעזאָרטן . . . געוויס האָב איך ליב אַ ניי־יאָר פּאַרטי. געווּג טעג ווערן צע׳הרג׳עט, איידער מען דערלעבט אַ ניי־יאָר . . . נאָר עס מוז ניט זיין דווקא אַ ניי־יאָר. ביי מיר אַ חתונה, אַ ברית, אַ חנוכת הבית איז אויך אַ יום־טוב.

איך האָב זייער ליב ווען ס׳איז פריילעך, און פריילעך איז דאָרט, וואו מען מאַכט אַ לחיים און מען בייסט־צו. מען טרינקט אַ לחיים פאַר יענעמס געזונט, אַ לחיים פאַר׳ן אייגענעם געזונט, דערנאָך פאַרבייסט מען מיט אַ שטיקעלע הערינג, אַ לעבערל, פּעטשאַ. מיט איין וואָרט, ווען איך קום צו גאַסט אויף אַ יום־טוב, פּיל איך ווי ביי זיך אין דער היים, און — אַמאָל נאָך בעסער . . .

ניי־יאָר איז גאָר אַ פיינער יום־טוב. מען עסט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין; מען זינגט און מען טרינקט. מען צעקושט זיך נאָך דערביי און מען ווינטשט: לאָמיר דערלעבן איבעראַיאָר און ווידער ווינטשן . . .

אָבער פאָרן אין די האָטעלן, האָב איך פיינט. און איך הויב ניט אָן צו וויסן, ווי אַזוי די רייכע ווילן דאָס זיך אַזוי פּלאָגן? . . .

אָט זאָגט מען מיר, אַז דער געדרענג ביים פאָרן איז שרעקלעך, דער וועג איז באַלאַגערט, איינער טרובעט דעם צווייטן אין אויער אַריין, ווייל יעדער איינער וויל, מען זאָל אים מאַכן אַ וואָרע . . .

ווען מ׳קומט שוין אין האָטעל, הייבן זיך אָן נייע צרות: נישטאָ זיך וואו אַהינצוטאָן; ביי די טישן, וואו עס זיצן פיר, זעצט מען אַכט. יעדער איינער רעדט אַריין אין טעלער אַ וואָרט. איינער שרייט: מיסטער, זאַלץ, אַ צווייטער: מיסטער, פּעפער, אַ דריטער: מיסטער, וואַסער.

ערשט אויף מאָרגן, איידער מען ניכטערט זיך אויס, דאַרף מען שוין זיך ווידער נעמען פּאַקן, זיך יאָגן און ווידער טרובען און פייפן — מאַך מיר אַ וועג, איך פאָר שוין צוריק . . .

צוריק גערעדט, איז אויך ניט צו־גוט, ווען עס יאָוועט זיך צו אייך אַ

כאָפּטע פריינט און באָטן איך אָן אַ באַזוך פאַר יום־טוב צו אייך אין הויז אַריין... דאָס מיינט שוין אויסקויפן אַ קראָם מיט שפּייז, אָפּדינגען פאַר זיך אַ קצב מיט אַ קעכין, מיט סאַרווערס; שלעפּן טישן פון די שכנים, זוכן בענקלעך, וואו עס לאָזט זיך. דערצו, מוזט איר טאַקע עפּעס האָבן אַ פּראָגראַם. ווייל אויף דער אייגענער שטימע קאָן מען זיך שוין דאַן ניט פאַרלאָזן . . . מען דאַרף די געסט אויפנעמען, אַוועקלייגן די זאַכן, געבן אַ פּלאַץ צום זיצן און טאַקע אונטערטראָגן אַ שנאַפּס, אַ צובייס, אינמיטן־דערינען דאַרף מען גיין עפענען די טיר, ווייל ס׳קומען אונטער נייע געסט . . .

מיט איין וואָרט, געסט דאַרף מען באַהאַנדלען ווי געסט . . . קיינער וויל דאָך ניט ליגן ביי יענעם אין די מיילער, מ׳זאָל אַוועקגיין ניט צופרידן און אויף מאָרגן, זאָלן די פריינט, וועלכע האָבן נעכטן געוואונטשן אַ גוטן יאָר, אַרומגיין און רעדן: אַזאַ מזל אויף זיי, וואָס פאַר אַ ניי־יאָר פּאַרטי זיי האָבן געמאַכט . . .

דער ווייז איז געווען זויער ווי דער באַלעבאָס אַליין . . .

איך, ווי איר קוקט מיך אָן, בין שוין דערפאַר פּראַקטישער, ווען מען פרעגט מיך, צי איך גרייט עפּעס צו פאַר ניי־יאָר, צי איך דערוואַרט עפּעס געסט, ענטפער איך: איך האָב געהאַט בדעה צו מאַכן אַ פּאַרטי, אָבער — צוליב אַן איינלאַדונג ביי מיינע פריינט, וועל איך ניט קאָנען זיין אין הויז . . .

דערנאָך זוך איך שוין אָפּ עפּעס אַ פּלאַץ, וואו צו פּטר׳ן דעם אָוונט . . . איך וועל אייך זאָגן דעם אמת, אַז קיין גרויסע דאגה האָב איך ניט. מענטשן האָבן אַלע מאָל אורזאַכן פאַר מאַכן לחיים, ניט נאָר ניי־יאָר מאַכט מען יום־טוב, נאָר אפילו אין אַ פּראָסטן מיטוואָך . . . און וואו עס זיינען דאָ ביין מענטשן, בין איך אַ צענטער צום מנין . . .

פאַראַיאָרן, הערט איר, האָב איך פאַרבראַכט אַ ניי־יאָר, הלוואי היינטיגס יאָר ניט ערגער . . .

מיין לאַנדסמאַן, מיסטער קופּער, איז אַ רייכער מענטש. אַ וואָך פאַר ניי־יאָר האָט ער געפּראַוועט אַ בר־מצוה פאַר זיין זונעלע. געמאַכט האָט ער דאָס פּייך, געגעבן אין שול שנאַפּס מיט וויין, מיט אַלע נויטיגע זאַכן. נאָר די אַר־בעטער, פריינט, שכנים, האָט ער באַשלאָסן איינצולאַדן באַזונדער, ביי זיך אין הויז.

ערשטנס, האָט ער אונז געוואָלט ווייזן זיין רייכע היים. די אַרבעטער זאָלן וויסן, פאַרוואָס ער איז געצוואונגען צו שניידן אַלע ווילע די שכירות . . . צווייטנס, האָט ער אויסגערעכנט, אַז די פריינט וועלן קומען, מען וועט זאָגן מזל־טוב, לחיים, וועט מען דערביי אויך ניט פאַרגעסן אַוועקצולייגן עפּעס אַ

מתנה, וואָס זאָל זיין צום געדענקען . . .

אַזוי ווי מיסטער קופער איז אַ פּראַקטישער מענטש, האָט ער באַשטימט צו האָבן „צוויי־אין־איינס". די בר־מצוה און ניי־יאָר פּאַרטי צוזאַמען. ער האָט אויסגערעכנט, אַז אַזוי ווי דער שאַפּ אַרבעט יענעם טאָג סיי ווי ניט, וועט זיין גענוג צייט צו פֿאַרברענגען.

נו, בין איך, זיין לאַנדסמאַן, טאַקע געקומען, און וואָס זאָל איך אייך זאָגן: עס איז שוין אַ קיילעכדיג יאָר, און דער טעם ליגט מיר נאָך אויפֿן גומען . . . מיינע שונאים זאָלן אַזוי לעבן, ווי די קבצנים קאָנען מאַכן אַזוינע פּאַרטיס...

דאָס הויז איז געווען באַצירט מיט סטענגעס, די פענצטער און טירן מיט גרינע רינגען, יאָלקעס, און קאָלירטע לעמפּלעך . . .

צום טיש האָט מען דערלאַנגט די אמת גוטע וויינען און שנאַפּס, טאַקע די, וואָס די אינדיקעס האָבן ליב, אַז מ׳זאָל דאָס טרינקען, ווען מ׳עסט זיי...

דערנאָך האָט מען געזונגען, געטאַנצט און ווידער געטרונקען. ערשט נאָך דער קאָפּע, האָט מען אָנגעשטעלט דעם פאָנאָגראַף מיט די ריכטיגע רע־קאָרדס . . . איינציגע האָבן זיך אַביסל פֿאַרשעמט, אָבער קיינער איז ניט אַוועק פֿאַר דריי אַזייגער פֿאַרטאָג.

וואָס זאָגט איר, ס׳איז שוין באַלד ניי־יאָר? טראַכט איך טאַקע, אַז איך בין נאָך „צום האָבן" . . . איר ווייסט אפשר פון אַ פּאַרטי . . . אַ פֿאַר־לאָבונג? אַ בר־מצוה? איך בין ניט איבערקלייבעריש ווי דער יום־טוב הייסט, אַבי ס׳איז יום־טוב, פריילעך, און מען דאַרף ניט פאַסטן . . . וועלן מיר גיין צוזאַמען. איר זוכט אויך וואו צו הרג׳ענען דעם אָונט? פיין, אויב ס׳וועט ניט זיין ערגעץ אַנדערש, וועלן מיר זיך גאָר אַריינכאַפּן צו די שכנים. די איינציגע זאַך, וואָס מיר דאַרפן טאָן, איז זיי לאָזן וויסן באַצייטנס, אַז זיי זאָלן חלילה ניט מאַכן קיין פּלענער צו גיין ערגעץ אַנדערש . . .

יאָ, יאָ, דורכשטופּן דאָס יאָר איז שווער, אָבער די ניי־יאָר־נאַכט וועלן מיר שוין ווי עס איז דורכשטופּן . . . אַבי ניט דאַרפן שלעפּן זיך מיט אַ טאַקסידאָ־מלבוש אין די רייכע האָטעלן, שלאָפן אין שטיקעניש, ווערן אָפּ־געגאָסן פון דעם הייסן זופּ און — ערשט דערנאָך, זאָל מען טרובען אין אויער: פאָרט גיכער צוריק . . .

מיין וואַקאַציע . . .

איין מאָל פאַר אַלע מאָל האָב איך ביי זיך באַשלאָסן צו נעמען וואַקאַציע — אַרויספאָרן אַביסל פון טומל, אויסרוען מיינע טרוקענע ביינער, זען אַביסל די שיינע נאַטור וואָס ליגט ערגעץ פאַרוואָרפן אין אונזער וועלטל...

נאָר אַזוי ווי איך בין אַ איד אַ קבצן און פאָרן ווי מ׳פאָרט ביי לייטן האָב איך דאָס ניט געקענט באַוויזן, בין איך מיר אַרויסגעפאָרן צו אַ פריינד אין אַ קאונטרי־פּלאַץ — אַ פּלאַץ אַזאַ וואָס מ׳קען דאָרטן לעבן ווען מ׳האָט מיט וואָס . . .

דעם אמת געזאָגט, איז דער פּלאַץ זייער אַ שיינער, און נאָך אַמאָל דעם אמת געזאָגט, האָבן זיי חוץ מיר אויך איינגעלאַדן נאָך אַ צוואַנציג פריינד. זייער רעכענונג איז געווען: מילא, איז ניטאָ קיין פּלאַץ פאַר איינעם, וועט ניט זיין פאַר נאָך ניינצן. און דער רעכענונג האָט געשטימט . . .

דעם ערשטן אָוונט האָט מיר איינע פון די פריינט, הענריעטא, אַ שיינע מיידל, פאַרטרויט אַ סוד: „עסט גיכער און גייט פאַרכאַפּן אַ פּלאַץ אין שטאַל אויפ׳ן בוידים. וואָרום שפּעטער וועט איר דאָס אויך ניט קריגן“.

איך האָב שוין מער קיין פראַגעס ניט געשטעלט, אַ כאַפּ געטאָן אַ בלאַנקעט מיט אַן אַלטן ווינטער־ראָק און — מאַרש צום בוידים.

צו מיין גרויסע איבעראַשונג איז שוין אָבער דער בוידים געווען פול. און מיט גרויס מי האָב איך ווי עס איז אַרויסגעשלעפּט אַביסל היי און זיך אונטן געלייגט שלאָפן, פּשוט „נעקסט דאָר“ פון די פערד. נאָר אַזוי ווי די היי האָט געשמעקט זייער גוט, האָב איך מיר געטראַכט: גאָט צו דאַנקען דערפאַר, פאָרט קענען אַביסל אָפּרוען די ביינער מיינע.

שלאָף איך מיר אָפּ אַ שטונדע און דערפיל, אַז איך האָב שוין ניט מער קיין זייטן. איך נעם זיך דרייען אַהער און אַהין, געפין איך אויס, אַז אין דער צייט וואָס איך בין געשלאָפן, האָט דאָס פערדל אַריבערגערוקט זיין קאָפּ איבער׳ן טיר און אויפגעפרעסן די ביסל היי, וואָס איז מיר געלעגן אונטער די זייטן. און איך האָב שוין געמוזט די איבעריגע צייט פון דער נאַכט אָפּריכטן חצות . . . .

פרימאָרגן, ווען איך בין געקומען צו ברעקפעסט, האָב איך אויסגעפונען, אַז די איבעריגע האָבן אויך קיין נחת ניט געהאַט. און דערפאַר טאַקע

האָט עלסי, די סאַרווערקע, אַרומגעגאַנגען אַ פאַרשוויצטע און געהאַלטן אין איין ווען די פריינט וואָס האָבן אַלע ווילדע פאַרשלאָפענע אַריינגעפאַלן מיט׳ן נאָז אין דער קאַווע.

ווי עס איז אָפּגעגעסן ברעקפעסט, צעוואַשן די געפעס, געהאָלפן צושטעלן עפּעס פאַר מיטאָג, האָבן מיר פאַררופן אַ מיטינג און באַשלאָסן צו דערקלערן אַ סטרייק די פערד אין שטאַל. מיר גייען מער ניט שלאָפן מיט זיי! וויפיל אונזער מענעדזשער האָט ניט פּרובירט צו באַווייזן, אַז די שטאַל איז דער בעסטער פּלאַץ פאַר אונז . . . האָבן מיר אים ניט נאָכגעגעבן און פאַרגע־זעצט דעם קאַמף און געוואונען די פאָדערונג צו שלאָפן אויפ׳ן גראָז אין דרויסן . . .

אָבער, אַז עס איז ניטאָ קיין מזל דאַרף איינע, בעקי, וואָס די גאַנצע צייט האָט זי זיך פאַרהאַלטן זייער קאַלט צו אונז, אַזוי אַז זי איז באַטיטלט געוואָרן מיט׳ן נאָמען בעקי אייז — אויך גיין שלאָפן אויפ׳ן גראָז.

נאָר ווי איך מאַך מיר צו אַן אויג (ווייל, דעם אמת געזאָגט, האָב איך ניט געוואָלט שלאָפן מיט ביידע אויגן מיטאַמאָל, מחמת מ׳ליגט דאָך פאָרט אין אַ וואַלד) דערהער איך אַ שרייען פון בעקי׳ן, אַז די בוימער האָבן גע־ציטערט, דער לייק האָט זיך געשאָקלט, דער טענט אַליין איז פשוט איבער־געקערט געוואָרן. און וואָס, מיינט איר, איז געווען? אַ קליין קעצעלע האָט אַריבערגעשפּרונגען בעקי׳ס געלעגער.

אויפ׳ן צווייטן טאָג, ווען איך בין אַריין אין קיך, האָט איין ווייבל גע־מוסר׳ט די מענער פאַר זייערע וויצן, אַ צווייטע האָט געזונגען, עלסי און ענ־ריעטא האָבן געהאָרעוועט איבער די טעפּ, איין שקלאַף האָט געטראָגן וואַ־סער, אַ צווייטער האָט געוואַשן דעם פּלאָר, און איך בין מיר שנעל אַרויס פון הויז, זיך אַריינגעכאַפּט אין שטאַל און זיך געוואָלט צושפּאַרן אַביסל, האָט דאָס פערד זיך צעהירזשעט, ווי ער וואָלט געלאַכט פון מיר, דערביי גע־שאָקלט מיט׳ן קאָפּ, ווי ער וואָלט באַגריסט אַן אַלטן באַקאַנטן . . .

אויפ׳ן דריטן טאָג, ווען מיר זיינען שוין געפאָרן אַהיים, האָבן מיר נאָך געקראָגן אַ צולייג, די מאַשין האָט זיך צעבראָכן און מיר שיעור ניט צעבראָכן אַ זייט.

אַז מיר זיינען אַריין אין הויז, האָבן מיר זיך געמאַכט באַקוועם און גע־נומען טראַכטן, ווי לאַנג וועלן מיר דאַרפן איצט רוען נאָך אונזער וואַקאַציע?...

איך געדענק ניט!

(אַ דיאַלאָג)

ווי גיך מיסטער קאַצענקאָפּ איז אַריין צום דאָקטאָר אין אָפּעראַציע־צי־מער האָט ער גענומען דערקלערן:

— געדאַרפט האָב איך, ליבער דאָקטאָר, זיין ביי אייך נעכטן, האָב איך פאַרגעסן און גאָר אַוועק אין אַ טערקישע באָד . . . היינט, דאָקטאָר לעבן, האָב איך זיך געכאַפּט, אַז איך דאַרף פאָרט זיין ביי אייך. יאָ, זיץ איך מיר שוין אַזוי דאָ ביי אייך אין קאָרידאָר אַזוי אַ שיינע פּאָר שעה און וואַרט פאַר מיין נעקסט, אָבער — אַבי איך האָב זיך דערוואַרט.

— ס׳הייסט, אייער נוירס האָט מיר, אייגנטלעך, שוין גערופן פריער, זי האָט געשריען „מיסטער קאַצנקאָפּ" איין מאָל און צוויי מאָל, נאָר מיר איז דאָס פון קאָפּ אַרויס, ווי ניט מיר מיינט מען.

דער דאָקטאָר מעסט אָפּ דעם פּאַציענט מיט זיינע אויגן און גיט אים אַ פרעג:

— איז וואָס קאָן איך טאָן פאַר אייך?

מיסטער קאַצנקאָפּ גלעט זיך דעם שטערן, פּרובירט זיך דערמאָנען:

— זאָל איך אַזוי ניט וויסן פון קיין בייז ווי איך ווייס ניט. איך הויב ניט אָן צו געדענקען . . .

דער דאָקטאָר ווערט שוין אומגעדולדיג און גיט אויף שנעל אַ פרעג:

— איר דאַרפט מיר וועגן זיך אַליין, צי וועגן עמיצן אַנדערש אין דער פאַמיליע?

מיסטער קאַצנקאָפּווישט זיך דעם שוויס, קראַצט זיך אין פּאַטעלניצע:

— טאַקע דאָס, דאָקטאָר לעבן, וויל איך זיך דערמאָנען, וועגן וואָס איך בין דאָ צו אייך געקומען?

— וואָס הייסט, איר גייט צו אַ דאָקטאָר און פאַרגעסט וועגן וואָס איר גייט צו אים? ווייסט איר ניט וואָס ס׳טוט אייך וויי? ווי האָט דאָס אַ מענטש אַזאַ קאַץ אין קאָפּ און געדענקט ניט?

מיסטער קאַצנקאָפּ האָט זיך ווי אויפגעכאַפּט פון שלאָף, דערלאַנגט זיך אַ פּאַטש אין שטערן:

— אַ דאַנק אייך, דאָקטאָר, וואָס איר האָט מיר דערמאָנט. טאַקע דאָס איז מיין אומגליק, דאָקטאָר לעבן, איך פאַרגעס און שוין! דאָס וואָס איך דאַרף ניט געדענקען, קאָן מיר זיך באַמבלען טאָג ווי נאַכט אין קאָפּ־אַריין, נאָר דאָס וואָס איך דאַרף געדענקען — הויב איך ניט אָן צו געדענקען . . .

— צום ביישפּיל?

— אָט האָט איר אַ ביישפּיל. איך קאָן זיך ניט דערמאָנען, אַז איך זאָל עמיצן שולדיג זיין געלט. ווייסן דאָך מענטשן אַז איך געדענק ניט, האַלטן זיי מיר אין איין דערמאָנען און מאָנען, נאָר איך — הויב ניט אָן צו געדענקען און גיב זיי ניט אַ סענט . . .

„האָט פּרובירט מיר איינרעדן מיין ווייב, אַז איך האָב איר צוגעזאָגט צו קויפן אַ נייעם מאַנטל. שווער איך אייך, דאָקטאָר, ביי מיין לעבן, אַז איך הויב ניט אָן צו וויסן פון דעם. איך ווייס, אַז דאָס איז גאָרניט אין מיין נאַטור . . . וואָס מיינט איר, דאָקטאָר לעבן, זאָגט זי מיר? זי זאָגט, אַז איך האָב איר נאָך אפילו געמאַכט אַ צייכן, דאָס מאָל טאַקע צו געדענקען. איך האָב פאַרשריבן אויף אַ פּאַפּירל, אַז איך דאַרף קריגן געבאָרגט געלט. דאָק־טאָר, איך האָב דורכגעזוכט פינף הונדערט מיט פיר און זעכציג שטיקלעך פּאַפּיר, דאָס זיינען אַלץ סימנים מיר צו דערמאָנען און איך האָב ניט געפונען קיין סימן. נו, ווי מיינט איר, זי וועט ביי מיר קריגן אַ פוטער־מאַנטל?"

דער דאָקטאָר קוקט אים גוט אַריין אין פּנים און גיט אים אַ זאָג:

— מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט שוין איינמאָל געווען ביי מיר, און איך האָב אייך געגעבן אַ גאַנצע ריי מעדיצינען און מעטאָדן, ווי אַזוי צו קאָנען געדענקען זאַכן.

— יאָ, דאָקטאָר, זייער מעגלעך, אַז איר זענט גערעכט, דערפאַר האָט איר דאָך אַ קאָפּ פון אַ דאָקטאָר צו קאָנען געדענקען זאַכן. אָבער איך, דאָק־טאָר, הייס דאָך דערפאַר . . . יאָ, ווי אַזוי הייסט דאָס, וואָס געדענקט ניט פונ־דאַנען־אַהער? ריכטיג, אַ קאַצנקאָפּ. איז זייער מעגלעך, אַז די מעדיצין האָב איך פאַרגעסן אַריינגעבן אָדער אַרויסנעמען פון דראָג־סטאָר און די מעטאָדן — דאַרף איך זוכן צווישן מיינע פאַרצייכנטע פּאַפּירלעך: ווי אַזוי איך זאָל ניט פאַרגעסן . . .

דער דאָקטאָר ווערט אַביסל אומגעדולדיג, כאַפּט אַ פּאַפּיר און פאַרצייכנט פון דאָס ניי, באַטאָנענדיג מיט ווערטער:

— ווילט איר געדענקען אַ טעלעפאָן נומער, חזר'ט דאָס איבער פאַר זיך זעכציג מאָל, און אויב איר וועט דאַן ניט געדענקען, רופט אָן אַנדער טע־לעפאָן . . .

— דאָקטאָר, אַ געזונט אייך, וואָס איר האָט מיר דערמאָנט. מיין ווייב האָט מיר אויך געהייסן טאָן דאָס אייגענע, נאָר — ווי גיך איך בין געקומען צו צוואַנציג האָב איך פאַרגעסן וואו איך האַלט, און געמוזט אָנפאַנגען צוריק פון איינס. דאָקטאָר לעבן, איך האָב איינמאָל אַזוי געציילט אַ גאַנצע נאַכט, וועלנדיג געדענקען אַ נאָמען און — אַז ס'איז געקומען אינדערפרי, האָב איך זיך געהאַלטן ביי איינס און דער נאָמען איז מיר אויסגעמעקט געוואָרן פון זכרון . . .

דער דאָקטאָר האָט זיך אַ רייב־געטאָן די הענט און מיט כעס אַ בורטשע געטאָן:

— וועל איך אייך געבן נאָך אַ מעטאָדע. אָט, צום ביישפּיל, ווילט איר געדענקען אַ נאָמען וואָס הייסט גאָלדבערג, מאַכט איר פאַר זיך אַ סימן גאָלד און בערג. גאָלד האָט צו טאָן מיט רינגלעך, בראַסלעטן, אוירנגלעך, אַ זייגער, ציין און נאָך און נאָך. אַזוי בערג. איר פּרובירט זיך דערמאָנען בערג, וואו מ'פאָרט אויף וואַקאַציע, בערג מיט חובות, גרויס ווי אַ באַרג, דער באַרג סיני וואו משה רבינו האָט געגעבן די תורה און אַזוי ווייטער און ווייטער.

— דאָקטאָר, אַ געזונט אויף אייך. איר האָט מיך איצט טאַקע דערמאָנט, אַז איר האָט דאָס מיר איינמאָל שוין געזאָגט, וואָרום איך האָב שוין די מע־טאָדע באַנוצט מיט אַ באָס, וואָס האָט געהייסן גאָלדשטיין, אָבער דער סוף איז געווען אַ ביטערער.

— איך בין געגאַנגען אין אַ שאַפּ פרעגן פאַר אַרבעט, מאַך איך אַ סימן צו געדענקען דעם באָס' נאָמען. אַ גאַנצע נאַכט האָב איך געהאַט גע'חזר'ט דעם באָס נאָמען: גאָלדשטיין, גאָלדשטיין . . . איך האָב דאָס איבערגעזאָגט אפשר אַ מיליאָן מאָל, נאָר ווי גיך איך בין צוגעגאַנגען צום שאַפּ, איז מיר דער נאָמען ווי אין דר'ערד אַריין. האָב איך גלייך פּרובירט די צווייטע מע־טאָדע זיך דערמאָנען פון גאָלד און גיב מיר אַ פרעג אַ מאַן: איז דאָ פאַראַן אַ באָס מיט אַ נאָמען וואָס דער אָנפאַנג האָט אַ שייכות מיט וואָל־סטריט און דער סוף געפינט זיך אויף אַ בית־עולם?

— דער מענטש האָט מיך אָנגעקוקט ווי משוגע פון דער רעטעניש און ענטפערט מיר מיט אַ שפּאַס:

— מיט וואָל־סטריט האָט אַ שייכות: קראַך, באַנקראָט, בערן, שעפּע־לעך, באַנקירן, עקספּלואַטאַטאָרס און מלחמה־מאַכער, און מיטן בית־עולם האָט אַ שייכות: מתים, באַגרעבער, מצבות און פאַרוויינטע נאָז־טיכלעך און איר אַליין, זאָגט ער אָנווייזנדיג צו מיר, האָט אַ שייכות מיט אַ משוגעים־הויז . . .

דער דאָקטאָר האָט אים שוין מיט שפּאַס אַ זאָג געטאָן:

— פאַרגעסט נאָר ניט אָנצוגרייטן אַ פינפערל, און איך גיי אַריין אין קאַבינעט איך אַלץ אָנצושרייבן און געבן אייך אַ צעטל מיט מעדיצינען און מעטאָדן.

מיסטער קאַצנקאָפּ האָט גלייך גענומען איינ׳חזר׳ן פאַר זיך דאָס וואָרט „פינף״, צו זען אויב ער וועט געדנעקען און ער האָט גענומען איבערזאָגן: פינף, פינף, פינף, פינף . . .

פלוצלינג גיט ער זיך אַ כאַפּ צום זייגער מיט אַ שטאַרקן קוק אויף אים:

— אַי, גוט וואָס איך האָב זיך דערמאָנט. איך האָב דאָך צוגעזאָגט מיין ווייב צו זיין פונקט פינף אַזייגער פאַר וועטשערע . . .

ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס היטל און גענומען לויפן אַהיים:

— גוט, וואָס איך האָב זיך דערמאָנט!

ווען דער דאָקטאָר איז אַריינגעקומען מיט דעם פּרעסקריפּשאָן און אַנדערע אָנווייזונגען אין האַנט, האָט ער שוין דעם פּאַציענט קאַצנקאָפּ ניט געטראָפן . . .

איך זאָג דען ניין?

ווי אַזוי, זאָגט איר, לייגט מען אויס ביי אייך יאָ? יאָ! און ניין? ניין! אַזוי איז טאַקע ריכטיג, אָבער איך קאָן אַ מענטשן, וואָס דער יאָ איז ביי אים קיין יאָ ניט, און דער ניין איז קיין ניין ניט. דער יאָ מיט׳ן ניין איז ביי אים אין מיין . . . דעם יאָ לייגט ער אויס מיט אַ לאַנגן פאָלקן, און דעם ניין לייגט ער גאָר ניט אויס: ער שאָקלט אַלע מאָל מיט׳ן קאָפּ אין דער לענג און אין דער ברייט. נו, גיי טרעף וואָס דאָס מיינט! . . .

איך קאָן ווידער אַ צווייטן מענטשן, ביי וועמען דער יאָ איז אַ ניין, און דער ניין איז אַ יאָ. ווען מיין לאַנדסמאַן אייבעלע זאָגט, למשל, אַז ער האָט ניט קיין אַפּעטיט צום עסן, ער וועט ניט טרינקען קיין שנאַפּס, ער האָט פיינט אַ קאָוויאַרניע, ווי ספּינאַטש געפרעגלט אין זעגעכץ, זאָלט איר זיין פאַרזיכטיג אים ניט איינצולאַדן צו קיין וועטשערע און ניט שטעלן קיין פול פלעשל שנאַפּס אויפ׳ן טיש. אויב איר ווילט אים קענען, כאַפּט זיך אַריין אין קאָוויאַרניע: איר וועט אים שטענדיג טרעפן וואַרטנדיג אויף עמיצן, וואָס זאָל באַצאָלן פאַר זיין מאָלצייט . . .

איך האָב ווידער אַ באַקאַנטן, רופט מען אים „מענדל מניע״. פאַרוואָס

עפּעס מניע, פרעגט איר? ווייל ער פאַרענטפערט דעם יאָ־מיט־ניין אויף פּראָסט־פּשוט מאַמע־לשון — מניע . . .

מיינער אַ פריינט איז געקומען צו אים באָרגן אַ הונדערטער פאַר געשעפט. דערקלערט ער מענדלען, אַז אַ הונדערטער קריגט ער דאָ, און אַ הונדערטער דאָרטן, איז צוזאַמען מיט דיין הונדערטער, וועט דאָס זיין אַ געשעפט. איז וואָס זאָגסטו?

דרייט מענדל מיט דער צונג, דריקט־צו אַ האַלב אויג און מאַכט: מניע...

מיין פריינט איז שוין זיכער ביי זיך מיט׳ן געלט, לויפט ער אַוועק און גיט האַנט־געלט. ער קריגט דעם הונדערטער דאָ און דעם הונדערטער דאָרטן, נאָר אַז ער קומט צו מענדלען, זאָגט אים מענדל: מניע . . .

— סטייטש, — צעשרייט זיך מיין פריינט, — מענדל, וואו איז דיין וואָרט?

מענדל קוקט אים אָן און קוועטשט מיט די אויגן: איך האָב דען געזאָגט יאָ?

ווערט שוין מיין פריינט גאָר בייז, און שפּרינגט אַזש פון דער הויט: דו, אַזוינער און אַזוינער, האָסט דאָך אַליין אַ קוועטש געטאָן מיט׳ן אויג אויף יאָ, און געזאָגט „מניע״ . . .

— מניע, זאָגט־איבער מענדל־מניע, צומאַכנדיג ווידער אַ האַלב אויג, — קאָן מיינען: ניט יאָ און ניט ניין . . . און אויף ווייטער זאָלסטו וויסן, אַז מיט אַ „מניע״ קויפט מען ניט קיין געשעפטן . . .

איך קאָן ווידער איינעם, וואָס האַלט שטענדיג פון זאָגן ניין. ער איז אַזוי קאַרג, אַז ווען איר זאָגט אים גוט־מאָרגן, ענטפערט ער אייך — ניין! . . . איר רופט אים גיין אין אַ טעאַטער, איז זיין ענטפער ניין. טרינקען אַ קאַווע? ניין! קאָנסטו אפשר געבן אַ פּאָר סענט פאַר אַ וויכטיגן צוועק? — געוויס ניין!

איינמאָל האָט אים איינער אַ פאַרבייגייער גאָר אַ פרעג געטאָן: וויפיל איז דער זייגער? ווי שטענדיג האָט ער אַ בורטשע געטאָן — ניין!

זאָגט דער פאַרבייגייער אין גוטן מוט: — נו, סיי־ווי אַ דאַנק, זייט געזונט און האָט אַ גוט יאָר.

דאָ איז שוין דער ניין־זאָגער אַביסל בייז געוואָרן און מיט כעס אויסגערופן: איך האָב אייך איינמאָל געזאָגט ניין! . . .

פאַרקערט, ווידער, קאָן איך איינעם אַ לץ, אַ שטיפער, וואָס האָט אויף אַלץ אַן ענטפער: איך זאָג דען ניין?

ווען דער שטיפער קומט צו־גאַסט צו פריינט אין הויז און טרעפט זיי

עסנדיג, טרינקענדיג קאַווע, און זיי, ווי עס פּאַסט פּאַר מענטשן, גיבן דעם שטענדיגן זאָג: קומט עסן, קומט טרינקען, גיט ער זיך זיין שטענדיג זאָ־געלע: איך זאָג דען ניין? ער זעצט זיך צום טיש, ער הויבט־אָן פון דער פּאַרשפּייז און פאַרענדיגט מיט דער קאַווע . . .

אַז די באַלעבאָסטע גיט זיך אַזוי אַ זאָג פון פיינקייט־וועגן צו די געסט ביים טיש: „איר וועט אפשר טרינקען נאָך אַ קאַווע?" האָט דער שטיפער, ווי שטענדיג, זיין ענטפער אויף די ליפּן: איך האָב דען געזאָגט ניין? . . .

אַזוי אויך אין שאַפּ און אין גאַס. דער שטיפער איז גראָדע זייער אַן ערנסטער יוניאָן־מאַן, נאָר ווען מען שמועסט פון אַרויסשטעלן פאָדערונגען צום באַלעבאָס, און איינער פון די אַרבעטער שלאָגט־פאָר, אַז צו קירצערע שטונדן, מענטשלעכער באַהאַנדלונג, זאָל מען אויך פאָדערן אַ פּאָר דאָלאַר אויף דער וואָך מער, גיט זיך דער שטיפער אַזוי, פון אַ זייט, אַ מורמל אונ־טער: ווער זאָגט דען ניין?

דער באַלעבאָס האָט זיך איינמאָל צעשריען: „גזלנים, וואָס ווילט איר, איך זאָל אייך אַוועקגעבן מיין אויטאָמאָביל, מיין הויז?" ווי אַ דונער האָט פון אַ ווינקל אַ קלונג געטאָן איבער'ן אָפּיס אַן ענטפער: איך זאָג דען ניין?...

איינמאָל איז דער שטיפער אַרעסטירט געוואָרן אויף דער פּיקעט־לאַין. ער איז געבראַכט געוואָרן אין געריכט. דער ריכטער האָט זיך צעבייזערט אויף אים: היינט געפעלן אייך ניט די באַדינגונגען, מאָרגן וועט איר זאָגן, אַז אייך געפעלט ניט דער באַלעבאָס, און איבערמאָרגן, וועט איר שוין וועלן ווערן אַליין די באַלעבאַטים איבער אַלץ.

דער שטיפער האָט אַ שמייכל געטאָן און ווי שטענדיג געענטפערט: איך זאָג דען ניין? . . .

דאַרף מען קאָנען שפּילן?...

מאַרטא האָט ליב געהאַט צו שפּילן אידיש טעאַטער, נאָר לערנען די שפּראַך, לייענען און שרייבן אידיש, דאָס איז איר קיינמאָל ניט איינגעפאַלן. ווען אַלבערט, איינער פון די שוישפּילער, וועלכער האָט געקאַנט די שוואַרצע פּינטלעך, פּלעגט איר זאָגן, אַז מען דאַרף האָבן דרך־ארץ פאַר דער שפּראַך פון פאָלק, ספּעציעל ווען מ׳וויל נאָך שפּילן טעאַטער, פּלעגט מאַרטא זיך צעלאַכן: פויגלען לערנען קיינמאָל ניט קיין נאָטן און זינגען . . .

מאַרטא פלעגט אין איר דער׳הרג׳עטן אידיש גלייך אַ זינג טאָן עפּעס, אַ ווינק טאָן מיט אַן אויגל און זיך אַוועקדרייען אַן אַ זייט.

ווען זי האָט געקראָגן איר ראָלע, האָט זי שוין געהאַט איר מעטאָדע צו פאַרצייכענען די אידישע ווערטער מיט לאַטיינישע בוכשטאַבן. ווען עמי־צער האָט געצויגן איר אויפמערקזאַמקייט, אַז די ווערטער וועלכע זי זאָגט אַרויס, קלינגען אָפּט ווי טערקיש, פלעגט זי זיך אַ חכמה טאָן: נו, גוט, דאַרפן מיר איינלאַדן די טערקן צו קומען ביי אונז אין טעאַטער אַריין . . .

נאָך דער ערשטער פאָרשטעלונג פלעגט זי אַלע מאָל אַרומלויפן פרעגן פון איין אַקטיאָר צום צווייטן: שוין געוועזן עפּעס אַ קריטיק? וואָס שרייבט די פּרעסע? מ׳זאָגט עפּעס וועגן מיין שפּילן? וועגן אונזער פאָרשטעלונג?

איינמאָל האָט אַ שוישפּילער איר אָנגעזאָגט, אַז היינט איז פאַראַן אַ קריטיק אין דער צייטונג וועגן זייער פּיעסע און איר נאָמען ווערט דאָרט דערמאָנט. וואָס און ווען האָט ער איר ניט געוואָלט זאָגן.

מאַרטא איז גלייך אַרויסגעלאָפן צום צייטונג־סטענד, איינגעקויפט זיך אַ צייטונג און אַוועקגעלאָפן מיט דעם אין „פּרעסאַרניע קלוב״, צו טרעפן עמיצן, וואָס זאָל דאָס פאַר איר איבערלייענען.

געטראָפן האָט זי דאָרטן דעם שוישפּילער מיסטער פלאָש, ביי אַ טיש עסנדיג אַ זאַפטיגן סטעיק. מאַרטא האָט אים אַריינגעשטופּט די צייטונג, ניט ווויסנדיג, אַז אויך מיסטער פלאָש האָלט פון ניט קאָנען און לייענט אידיש אויף טערקיש . . . גיט זי אים אַ אַזוי אַ זאָג: נאַט, איר מעגט לייענען, וואָס די צייטונג שרייבט היינט וועגן מיין שפּילן.

מיסטער פלאָש האָט אַ דריי געטאָן די צייטונג אויף אַלע זייטן, אַ רוק אַרויף געטאָן, כלומרשט, די אויגן־גלעזער און גענומען בראָקן פראַזע, ווי

ער האָט אַ טבע, ווען ער שפּילט טעאַטער און ווייס ניט זיין ראָלע: מאַרטא איז אַ זעלטענע שוישפּילערין. די דייטשן וואָלטן זי געטראָגן אויף די הענט... אין פראַנקרייך וואָלט מען זי פאַרשלונגען . . . אין קובאַ, וואָלט מען זי פאַר־צוקערט. נאָר, אַז ס'איז באַשערט אַן אומגליק, שפּילט זי אידיש טעאַטער... מאַרטאַ איז גרויס און ברייט און זי וועט נאָך וואַקסן . . . די פּיעסע אָן מארטאַ'ן וואָלט זיך גאָרניט אָנגעזען . . .

מארטא האָט אים שוין ניט געלאָזן פאַרענדיגן. זי האָט אַרויסגעכאַפּט די צייטונג און איז גלייך אַוועקגעלאָפן צום מענעדזשער באָריס סטופּע, און טייטלענדיג אויף דער צייטונג האָט זי אים אָפּגעשפּילט אַ סצענע: נו, מיס־טער סטופּע, וואָס וועט איר איצט זאָגן? איר וועט מיך שוין מער ניט רופן — גראָבע קלאָץ, היפּאָפּאַטאַמוס, פּוסטער גלאָק. גיט נאָר אַ קוק, וואָס עס שרייבט היינט די צייטונג וועגן מיר? מיסטער סטופּע, פון נעקסטע וואָך אָן וויל איך קריגן אַ רעיז פון גאַנצע פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר.

באָריס סטופּע, דער אידישער טעאַטער דירעקטאָר, האָט געקוקט אויף דער צייטונג, ווי אַ פליג אין אַ שפּיגל . . . ער האָט געטאַנצט מיט די אויגן איבער די פּאַסיקלעך און פּינטעלעך, נאָר — באָריס סטופּע האָט געהאַלטן די צייטונג מיט'ן קאָפּ אַראָפּ. אויך ער קאָן ניט לייענען קיין אידיש וואָרט.

מאַרטא האָט צוריקגעכאַפּט די צייטונג און געוואָלט אים מאַכן גלויבן, אַז זי לייענט אַרויס פון די שורות. זי האָט גענומען אויסשפּילן דעם מאָנאָלאָג, וואָס דער אַקטיאָר מיסטער פלאָש האָט פאַר איר געלייענט. מיט אָנשטעל האָט זי געהאַלטן די צייטונג פאַר זיך און גענומען דערלאַנגען די פּראָזע, ניט געדענקענדיג גענוי די ווערטער פון מיסטער פלאָש:

— פון דייטשלאַנד וואָלט מען מאַרטאַ'ן געשיקט אין פראַנקרייך און אין פראַנקרייך וואָלט מען פון איר געמאַכט צוקער . . . מאַרטאַ וואַקסט אַזוי גרויס, אַז די פּיעסע זעט מען גאָרניט אַרויס . . .

באָריס סטופּע האָט ניט פאַרשטאַנען גענוי די פּראָזע, אָבער אויב אַ צייטונג שרייבט, מוז דאָך עפּעס זיין, האָט ער פאַר זיך אויף דער גיך איבער־געטראַכט:

נו, גוט, האָט ער מאַרטאַ'ן אַ קלאַפּ געטאָן איבער דער פוכקער האַנט. ער האָט ביי זיך באַשלאָסן, ניט צו געמבלען מיט דער איבערנאַכט באַרימט געוואָרענער סטאַר. ער האָט צוגערופן צוויי שוישפּילער עדות און אין זייער געגנוואַרט איר צוגעזאָגט צו העכערן די שכירות מיט אַ גאַנצן צוואַנציגער אויף דער וואָך.

אַ וואָך שפּעטער, ווען אַלבערט, דער אינטעליגענטער שוישפּילער, האָט

באַגעגנט מאַרטאַ'ן, האָט ער איר אַ פרעג געטאָן, צי זי האָט געהערט, וואָס די קריטיק האָט וועגן איר געשריבן. ער האָט גלייך אַרויסגענומען פון קע־שענע דעם אויסשניט פון דער צייטונג און גענומען לייענען:

„זייער שטאַרק האָט דער עולם געלאַכט פון דער שוישפּילערין מאַרטאַ, וועמענס אידיש קלינגט ווי אַ זשאַבע וואָלט געקראַקעט אין אַ בלאָטע. ניט זי וויים וואָס איר ראָלע איז, ניט דער רעזשיסאָר וויים, אַז אַ שטיק „סינערי“ פאַרשטעלט די בינע — ווי די הילצערנע שוישפּילערין מאַרטאַ...

מאַרטאַ האָט זיך ניט פאַרלאָרן פון זיינע רייד. זי האָט אַרויסגעכאַפּט דעם קאָנווערט מיט די פאַרגרעסערטע שכירות, וואָס זי האָט געקראָגן פון מענעדזשער באַריס סטופּע.

— איר זעט, — האָט זי ציניש זיך צעלאַכט, — ווען איך קאָן אידיש און מיין מענעדזשער קאָן אידיש, וואָלט איך איצט ניט געקאָנט ווייזן אָט־דעם קאָנווערט מיט'ן „רעיז“. נו, פרעג איך אייך, דאַרף מען קאָנען, ווען ניט קאָנען באַצאָלט זיך? ...

אַלבערט האָט צוגעשאָקלט מיט'ן קאָפּ און צו זיך געמורמלט: צום באַ־דויערן איז דאָס טאַקע אמת. דערפאַר האָבן מיר באַריס סטופּע פאַר אַ מענעדזשער און דירעקטאָר, מאַרטאַ איז אַ שוישפּילערין פון אידיש טע־אַטער און „נאַדיר אַ פּייג“ איז אַ פּיעסע...

כבוד אָב

זאָגט איך וואָס איר ווילט, אַ חיי־שעה איז אויך גוט . . . בפרט, אַז איך גיי מיך האָבן אַ גאַנצן טאָג פאַר זיך. יאָ, אַ גאַנצער טאָג וועט זיין געווידמעט דעם אַלטן טאַטן — „פאָטערס־טאָג״.

אַנומעלטן, ווען די קינדער האָבן אַרומגעפּאַדעט אַרום דער מאַמען לכבוד „מוטערס־טאָג״, האָב איך זי באמת מקנא געווען. טאַקע, וואָס איז איין טאָג פרייד צווישן דריי הונדערט מיט פינף־און־זעכציג טעג, וואָס ווערן פאַר־שלונגען אין זאָרג און טומל, וואו טאַטע איז קיין טאַטע ניט, און מאַמע איז קיין מאַמע ניט? איז טאַקע די חיי־שעה, אפילו איין טאָג, אויך גוט.

און איר וואָלט באַדאַרפט זען, וואָס עס האָט זיך אַלץ אָפּגעטאָן אין דעם „מוטערס־טאָג״. מ׳האָט דער מאַמען געבראַכט פּאַרפיום, פוידער, שפּילקעס מיט קעמעלעך, קליידלעך און אונטערקליידלעך. איך זאָג אייך, ווען זי וואָלט דאָס אפילו געקאָנט נוצן, איז דאָס שוין אויך גענוג ביז הונדערט מיט צוואַנ־ציג יאָר . . .

היינט, ווען איך דערצייל אייך פונ׳ם מאָלצייט, וואָס די מאַמע האָט אַלץ צוגעגרייט פאַר די קינדער, שניר, איידעמס און אייניקלעך וואָס זיינען געקו־מען לכבוד „מוטערס־טאָג״ צו גאַסט. ס׳איז גענוג, ווען איך וועל אייך זאָגן, אַז ביז דריי פאַרטאָג בין איך געזעסן מיט דער מאַמען אין קיך: איך האָב די כלים געוואַשן און זי האָט זיי געטריקנט און צעשטעלט.

איך האָב דאָס טאַקע געזאָגט צו מיינער, אַז פאַר דעם ביסל פאַרגעניגן אַליין, איז שוין ווערט געווען דער צער גידול בנים — דער צער פון דער־ציען קינדער.

מיין מוזיניקל, אַ געזונט אים אין די ביינדעלעך, האָט מיר טאַקע געזאָגט: פּאָפּ, זאָרג זיך ניט, אויף אַלץ איז דאָ אַ צייט. יעדער איינער האָט זיין טאָג... באַלד קומט „פאָטערס־טאָג״, וועסטו ערשט זען, וואָס פאַר אַ טייערע קינדער דו האָסט.

דערמאָן איך זיך טאַקע ווי פאַראַיאָרן, אַ געזונט אויף מיינע קינדער, האָבן זיי מיך אויך ניט אַנטוישט. — „טאַטעניו, מאַמעניו, — האָבן זיי געזאָגט, — מיר וועלן אייך ניט געבן קיין קאָפּ־דרייעניש צו אַראַנזשירן אין הויז „פאַרטיס״ מיט קאָכן געקעכץ און מיט שלעפּן טישן.

וואָס האָבן זיי געטאָן, מײַנע קלוגע קינעדרלעך? זיי האָבן אײַנגעאָרדנט אַ וועטשערע אין אַ כינעזישן רעסטאָראַן, וואו מ'האָט באַשטעלט פון כל־טוב. ס'איז טאָקע אמת, אַז איך מיט דער מאַמען זײַנען געבליבן זיצן הונגעריקע, ווײַל מיר זײַנען ניט געוואוינט צו יענע שפּייזן. מיר האָבן זיך געמוזט באַנוגענען מיט אַביסל טיי . . . דערפאַר אָבער האָבן די אייניקלעך, זאָלן געזונט און שטאַרק זײַן, געלעקט די פינגער און זיך געקוויקט מיט'ן „פאָטער־טאָג" . . .

און לאָזט מיך אײַך זאָגן, אַז עס לוינט זיך בעסער דער ענין „פּאַרטי" צו מאַכן דאָס אין אַ רעסטאָראַן, ווי ביי זיך אין הויז. דער גאַנצער פאַרגעניגן האָט מיר געקאָסט פיר־און־דרײַסיג דאָלאַר מיט זעכציג סענט. יאָ, מײַן איידעם, אַ געזונט אים אין די ביינער, האָט מיר פאַר קיין פאַל ניט געלאָזט געבן צו די וועיטערס דעם „טיפּ". ער אַליין האָט אַוועקגעלייגט דריי דאָלאַר פון זײַן אייגענער קעשענע . . .

נו, וועגן די מתנות פריינט מײַנע, זאָלט איר גאָרניט פרעגן. אַלץ הייסט מתנות! צום אַלעם ערשטן האָב איך געקראָגן צען טעלעגראַמעס מיט פינף־און־צוואַנציג באַגריסונגס־קאַרטלעך. דעם אמת געזאָגט, האָב איך זיך פון אַנהויב דערשראָקן און געזאָגט צו מײַנער: אַ געזונט אויף דיר, זאָג מיר נאָר, איך בעט דיך, פונוואַנען האָבן זיך דאָס גענומען צו אונז אַזוי פיל קינדער? דו האָסט עפּעס פאַרבאַהאַלטן פון פאַר דער חתונה? האָט מען מיר, פאַרשטייט זיך, באַלד אויפגעקלערט, אַז וואו ס'איז פאַראַן אַ טאָרט, אַהין קומען פליגן . . . פאַרשידענע פריינט העגנגען זיך אָן אין וואָגן . . . ס'איז „פאָטערס־טאָג" אַ יום־טוב, קומען אַלע יום־טוב'ן.

דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ געשיכטע מיט מתנות. אַלע האָבן געטראָגן און געבראַכט מתנות. אמת, איך האָב פון זיי קיין סך נוצן ניט געהאַט, אָבער ס'איז דאָך פיין צו וויסן, אַז מ'האָט אינזינען דעם טאַטן.

אָט האָב איך געקראָגן אַ פאונטן־פּען פון אַן אייניקל. און ווי איר ווייסט, קאָן איך מײַנע שרײַבערייען פאַרצייכענען מיט אַן אויסגעברענטע שוועבעלע... האָב איך דאָס גענומען ביים אייניקל און אַוועקגעגעבן דעם זון. דער זון ווידער האָט מיר געבראַכט אַ מתנה אַ ליולקע, און אַזוי ווי איך האָב גראָד אויפגעהערט צו רויכערן, האָב איך די ליולקע אַוועקגעגעבן צו מײַן איידעם. און דעם גרויסן טאָרט, וואָס מײַן טאָכטער האָט ספּעציעל אויסגעבאַקט, האָב איך אפילו ניט געקאָנט פאַרזוכן, ווײַל סיי איך און סיי די מאַמע ליידן ביידע פון צוקער־קראַנקהייט. האָט מען דעם טאָרט צעשניטן און צעטיילט צו

די געסט. זאָל דאָס זיי נאָר זיין צו געזונט. זיי האָבן אויסגעלעקט די טעלערלעך . . .

היינטיגס יאָר, דאַכט זיך מיר, וועט זיך ווידער טאָן אויף טיש און אויף בענק. ווייל שוין מיט אַ פּאָר וואָכן פריער האָב איך דערשמעקט, אַז עפּעס באַקט זיך . . . יאָ, דאָס איז טאַקע געווען ביי דער „מוטערס־טאָג״ פּאַרטי. קומט צו איינער פון מיינע אייניקלעך און בעט ביי מיר: זיידע, גיב מיר אַ דאָלאַר, מיר דאַרפן דיר מאַכן אַ סורפּריז־פּאַרטי לכבוד „פאָטערס־טאָג״.

באַלד האָט זיך געיאָוועט איינער פון די עלטערע אייניקלעך, וועלכער וויל שוין צו מיר ניט רעדן מער אין אידיש, און ער האָט זיך שוין געווענדעט צו מיר אין ענגליש: „גרענד־פּאַ, גיוו מי פּאַיוו באָקס, ווי אַר מעיקינג עי סורפּראַיז־פּאַרטי פּאַר יו ענד מאַי פאַדער אָן „פאַדערס־דעי״.

איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אַז ער וויל אַ פינפערל צושטייער פאַר דער „סורפּרייז־פּאַרטי״, וואָס מען מאַכט מיר בשותפות מיט מיין זון.

צום סוף, מיינע טייערינקע, איידער איך וועל אָנקוקן מיין „סורפּריז־פּאַרטי״ לכבוד פאָטערס־טאָג, קאָסט מיר שוין די געשיכטע אַ פינף־און־צוואַנציגער . . . און וויפיל ס׳וועט מיר נאָך קאָסטן — וועל איך, אַז מיר׳ן לעבן, אייך לאָזן וויסן, ווען איך וועל שוין האָבן איבערגעקומען דעם גרויסן יום־טוב . . .

איך הער ניט...

(מאָנאָלאָג)

וואָס פרעגט איר, דאָקטאָר, אויף וואָס איך באַקלאָג זיך? איך באַקלאָג זיך, חלילה, אויף קיין זאַך ניט. איך וויל בלויז, אַז איר זאָלט מיך אויסהערן. איך מיין ניט מיט דער טרובקע, איך מיין מיך אויסהערן, פאַרוואָס איך הער ניט.

וואָס פרעגט איר? פאַרוואָס הער איך ניט? טאַקע, דאָס וויל איך הערן פון אייך.

ווי לאַנג, פרעגט איר, איז שוין אַזוי? אַ לאַנגע מעשה, דאָקטאָר, אייך צו דערציילן. נאָר איך וועל דאָס מאַכן בקצור.

ווי איר קוקט מיך אָן, בין איך טויב ווי די וואַנט. איר קאָנט צו מיר רעדן פון היינט ביז מאָרגן, איז פונקט ווי איר זאָלט רעדן צו אייער קאַץ...

אָט אַזוי, אַז איר זעצט זיך אַוועק, איז אַ סימן, אַז איר ווילט וויסן, און איך וועל אייך קאָנען דערציילן. ווי עס ווייזט אויס, דאָקטאָר, בין איך שוין אַזוי געבוירן געוואָרן. ווייל די מאַמע מיינע האָט דערציילט, אַז ביי איר אין בויך בין איך שוין אויך געווען טויב. דריי טעג איז זי מיט מיר געגאַנגען צו קינד, געשריגן, געוואַלדעוועט, און איך האָב זי ניט געהערט, ביז דער דאָקטאָר האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַר׳ן ברעג פאַרטוך און מיך אַרויסגעשלעפּט...

שפּעטער, ווען איך בין געווען אַ זויג־קינד, געלעבט אויף דער מאַמעס ברוסט און פוטער, האָט זי מיך געוואָלט אַנטווינען, זי האָט געשריגן, געוויינט, און מיר אונטערגעריבן ציבעלעס מיט פעפער אויפן ברוסט, אַז איך זאָל אויפהערן איר ציען דעם קלאָק פון די ביינער, עס האָט אָבער גאָר ניט געהאָלפן. איך האָב זי געהערט, ווי משהלע משומד דעם חזן — איך האָב מיר געטאָן מיינס...

ווען איך האָב שוין אָבער געהאַט מיינע אייגענע צוועלף ציינער אין מויל, האָב איך געקייט, דאָקטאָר לעבן, ווי אַ כשר׳ע בהמה, טאָג און נאַכט. דער טאַטע פלעגט מיך שלאָגן און הרג׳ענען, פאַר נאַשן צופיל זיסע זאַכן, די מאַמע פלעגט מיך קנייפּן אין — איר זאָלט מיך אַנטשולדיגן — פאַר אַרונטער־קלייבן די ניס און מאַנדלען פונ׳ם טאָרט, דאָס אויבערשטע פונ׳ם קוגל, און

און אַרונטערדרייען די קיטקע פון דער געפלאָכטענע חלה. זי האָט געוואַל־דעוועט: ווילדע מויד, חיה, קאַניבאַל! אויב דו וועסט דאָס טאָן נאָכאַמאָל, וועל איך דיר איבערקערן דעם פּופּיק אויף דער לינגער זייט . . .

די מאַמע האָט געשריען, געקניפּט, נאָר איך האָב זי געהערט — ווי דער טאַטע . . .

וואָס זאָגט איר, דאָקטאָר? איר האָט ניט קיין צייט, איך זאָל קומען צום פּונקט, איז טאַקע דאָס, מוז נעמען צייט, און וואָס מיינט איר, איך בין אַ לײדיגגייער? איך האָב אויך קיין צייט ניט. איך קלייב זיך שוין אַזוי גיין צו אייך חדשים לאַנג.

מיין לאַנדס־פרוי, די מיסעס האָדעס, איר דאַרפט זי קאָנען, ווייל זי דערמאָנט אייך אַלע מאָל, נאָר אַדאַנק אייך, זאָגט זי, האָט זי געהאַט אַ צווי־לינג — זי האָט מיך פּשוט געטריבן צו אייך. האָט זי גערעדט און גערעדט, און איך, ווייסט איר דאָך שוין — הער ניט, איז מיר אין איין אויער ניט אַריין און פון צווייטן ניט אַרויס . . .

איצט, אַז איך בין שוין געקומען צו אייך, וויל איך, אַז איר זאָלט מיך שוין אויסהערן, פאַרוואָס איך הער ניט . . . ווי מיר דאַכט זיך, דאָקטאָר, בין איך ניט די איינציקע אין אונזער שטעטל וואָס הערט ניט.

ווען איך בין געוואָרן זיבן יאָר אַלט, בין איך איינמאָל מיט מיינע חבר׳טעס געגאַנגען רייסן עפּל, נאָר ווי גיך מיר האָבן אָנגעריסן פולע בוזעמס שיינע רויטע עפּל, איז אַריינגעפאַלן אַן אַלטער פויער, האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן, און מיך אָפּגעשמיסן מיט ברענעדיקער קראָפּעווע . . . איר ווייסט ניט וואָס דאָס איז? אַ שאָד, דאָקטאָר. איר וואָלט געמעגט וויסן דעם טעם דערפון. ווען מיר זיינען אַהיים געקומען האָט די באָבע געשריגן אויף מיר: „אַ מצוה אויף דיר, דו, משומדת! נאָכאַמאָל זאָלסטו הערן, וואָס טאַטע־מאַמע זאָגן אָן!"

אָבער, דאָקטאָר לעבן, איך האָב ניט געהערט. שבת בייטאָג זיינען מיר ווידער געגאַנגען רייסן בלומען, און דאָ האָבן מיר שוין געכאַפּט מיט אַ שטעקן.

ווען איך בין אַהיים געקומען אַ וויינענדיקע, האָט די באָבע זיך צעלאַכט, פּשוט געקוואָלן: „גוט! גוט! גוט! איצט וועסטו שוין הערן!" ווי איר זעט, דאָקטאָר, האָב איך שוין ווידער ניט געהערט, ווייל צו צען יאָר, האָט די מאַמע מיר שוין אָנגעזאָגט: „שפּיל זיך ניט מיט די אינגלעך. גיי ניט מיט זיי אויפן באַרג!"

איך געדענק דאָס, דאָקטאָר, ווי עס וואָלט היינט געווען. איך האָב אָבער ניט געהערט דער מאַמען. איינמאָל האָט זי מיך געפּאַקט מיט די אינגלעך.

זיי זיינען אַנטלאָפֿן, נאָר מיך האָט זי געפֿירט ביי די האָר אין שטוב אַריין.

אַ טאָג שפּעטער, האָט שוין דער טאַטע געזען, אַז איך הער טאַקע ניט...
ווייל דאָס מאָל איז ער שוין טאַקע געקומען אויפֿן באַרג, איך האָב אים ניט געזען און ניט געהערט ... פּלוצלינג האָט ער מיך אַ כאַפּ אַרויפֿגעטאָן אויף דער קני און דאָס איבעריקע פֿאַרשטייט איר שוין אַליין ...

זעט איר, דער זיידע האָט מיך גראָד זייער ליב געהאַט. ער פֿלעגט אַלע מאָל מיר אונטערשטופּן אַ צוקערקע, אַ לאַנדערינקע, איך זאָל זיין אַ גוטע און וועלן גיין אין חדר. בין איך געגאַנגען. נאָר דאָס וואָס דער רבי פֿלעגט מיר אָנזאָגן, האָב איך קיינמאָל ניט געהערט.

איינמאָל האָט דער רבי אונדז אָנגעזאָגט, אַז מיר דאַרפֿן פֿאַסטן יום־כּפּור. אויף מאָרגן האָבן די קינדער דערציילט דעם רבין, אַז זיי האָבן מיך געזען עסנדיג אַ פּולקע מיט חלה.

האָט דער רבי מיך געקניפּט אין פּולקע און געשריגן: „משומדת, ווייסטו ניט, אַז פֿאַר עסן יום־כּפּור האָט מען אַ ביטערן סוף?

איך האָב אַראָפּגעלאָזט די אויגן און וויינענדיג געענטפֿערט: „איך האָב ניט געהערט, אַז מען דאַרף פֿאַסטן יום־כּפּור אַ גאַנצן טאָג ...

וואָס פֿרעגט איר? צי בין איך שוין געווען אַמאָל ביי אַ דאָקטאָר? וואָס דען, איך בין ניט געווען? איך בין געווען ביי גוטע דאָקטוירים, און זיי האָבן מיר אָנגעזאָגט אַ סך זאַכן צו טאָן, נאָר איך האָב זיי אַזוי געהערט, ווי אַ שניי דעם ווינט; דער ווינט פֿייפֿט און דער שניי גייט ...

איך רעד צופֿיל, זאָגט איר, דאָקטאָר לעבן, איך זאָג אייך וואָס צו טאָן? טאָ וואָס־זשע אַרט אייך, אַז איך רעד? איך הער ניט, אָבער איר הערט דאָך. בין איך דאָך טאַקע וועגן דעם געקומען צו אייך, ווייל מען האָט מיר געזאָגט, אַז איר הערט גוט אויס?

איר הערט? ווען איך האָב מיך געגומען פֿאַרליבן אין מיין באַשערטן, איז געוואָרן אין הויז אַ יללה, דער טאַטע האָט געשריגן פֿאַרוואָס דער חתן האָט ניט קיין באָרד. די מאַמע האָט געפֿרעגט פֿאַרוואָס האָט ער ניט קיין טאַטן? די שכנים האָבן מיך באַרעדט, פֿאַרוואָס איך לאָז זיך קושן פֿון אים, ווי ער וואָלט ניט געהאַט קיין צייט. נאָר איך האָב זיי אַלעמען געהערט, ווי אַ פֿויער דעם שולחן־ערוך ...

דער סוף איז, דאָקטאָר, — אַז מען הערט ניט איז שלעכט. פֿריער האָב איך זיי ניט געהערט, איצט הערט מען מיר ניט ... ער איז אַוועק ווי דער לעצטער חודש ... און איך דאַרף וואַרטן אויף אַ ניי יאָר ... ס'הייסט, דעם

אמת געזאָגט, האָט ער מיר געהייסן גיין פון שטוב, נאָר איך האָב אים אַזוי געהערט, ווי איך הער אייך . . .

און דאָ, הער דאָקטאָר, קום איך צום אומגליק. וואָס ווייזט איר מיר אויף די פינגער? איר רעכנט פינף־און־צוואַנציג דאָלאַר אַ שעה פאַר אַ וויזיט?... גוד־באַי, דאָקטאָר, זאָגט אייך וואָס איר ווילט, איך הער ניט! . . .

דער „שעלטער״...

אויב איר וועט הערן אין אַ שאַפּ אָדער אין מאַרקעט איינעם, וואָס וואַרפט זיך מיט קללות, ווי אַ גוטער איד מיט ברכות, זאָלט איר וויסן זיין, אַז דאָס האָט איר צו טאָן מיט „מעקסי שעלטער״ . . .

„מעקסי שעלטער״ — האָבן די אַרבעטער אים אַ נאָמען געגעבן אין שאַפּ, איבער זיין גרויסן פּיסק. ווען ער צעעפנט, ווי זיי זאָגן, דעם יאַריד, קאָן ער אייך פאַרקויפן אַלערליי קללות און מיט אַ קללה פאַרבראַקט . . .

ווען ער בעט ביי אַן אַרבעטער אַ נאָדל, זאָגט ער: גיב מיר אַ נאָדל, אַ שטאָך דיר אין זייט״ . . . בעט ער פאָדעם, זאָגט ער שוין: „גיב מיר פאָ־דעם און דו קריג אַ שטריק״. ער איז שוין אַזוי געוואוינט צו שעלטן, אַז אפילו זיין אייגענע פרוי לאָזט ער ניט דורך אָן אַ קללה: „זי האָט מיר היינט געגעבן אַ מיטאָגל אָפּצועסן, זאָלן איר דערפאַר די ווערים אָפּדינען״ . . .

ווען מעקסי שעלטער שילט, צעעפנט ער אַ ברייטן מויל, פון וואַנען עס זעט זיך אַרויס אַ פאַרקאָן מיט געלע ציינער, — צוליב דעם גראָבן ציגאַר, וואָס ער האַלט שטענדיג אין זייט פון מויל.

שפּאַסן אָפּט די אַרבעטער, אַז מעקסי דאַרף זיך ניט שרעקן פאַר קיין אַטאָמישער באָמבע, ער האָט זיין אייגענעם „שעלטער״ . . . ווען ער וועט אַן עפן טאָן דעם פּיסק, וועט ער קאָנען איינשלינגען די וועלט און אויף זיין צונג וועלן נאָך עטלעכע „הענט״ קאָנען שפּילן אַ פּינאָקל . . .

אַלע קאָנען שוין „מעקסי שעלטער״. אין שאַפּ איז ער אַ באָנדל־כאַ־פּער. אין שול איז ער אַ שיריים־כאַפּער, אין קאַפעטעריע — אַ קאַפע־כאַפּער און אין באַן אַ „סיט״־כאַפּער. גאַנץ אָפט ווערט ער אויך אַ „העלד״ און ווערט אַ פּעטש־כאַפּער . . .

אין דער צייט אָבער, וואָס ער כאַפּט אויס אין שאַפּ די בעסטע אַרבעט, שרייט ער און שילט אַנדערע, כדי צו פאַרדעקן זיינע „באָנדלס״ . . . „נאָר זיי

כאַפּן", וואַרפט ער דעם ציגאַר פון איין זייט מויל אין צווייטן, „אַז פאַרכאַפּט זאָלן זיי ווערן פון אַ ווינט" . . .

ווען ער קומט אין שאַפּ פון ערגעץ אַ צעפּאַטשטער, מיט אַ צעריסענער נאָז, וואַרט ער ניט צו לאַנג און דערציילט די אַרבעטער: „איך האָב אָנגע־טראָפן אויף אַ חברה־מאַן מיט אַ פּאָר לאַפּעס, — פּיסנאַגי זאָל מען באָר פון זיי מאַכן און פון די פינגער וואורשטלעך" . . .

גאָר פריי צעלאָזט זיך מעקסי שעלטער אין געגנוואַרט פון באָס און פאָרמאַן, וועלכע קוועלן אָן פון זיינע קללות, וואָס פאַלן אַלע מאָל אויף די, וועלכע זיינען זיי ניט צום האַרצן. ספּעציעל, פילט ער זיך ווי אַ שפּין אין געוועב, ווען ער האָט נאָך אַרום זיך דעם רעכטן ביזנעס־אַגענט, וועלכער באַציט זיך ציניש צו די אַרבעטער. דאָ קלייבט ער אויס אַ פּאָר פון די אָרנטלעכע, פּראָגרעסיווע אַרבעטער פון שאַפּ און פּרובירט זיי „באַאַרבעטן". מעקסי צעלאָזט זיך אין געגנוואַרט פון באָס מיט לויב־געזאַנגען פאַר די יו־ניאָן־ביוראָקראַטן און מיט קללות אויף די פּראָגרעסיווע.

„דו זעסט", טייטלט ער מיט׳ן פינגער אויף אַן אַרבעטער, „אויף מיר שרייט ער „באַנדל־כאַפּער" און אַליין וויל ער פאַרכאַפּן די וועלט און צע־טיילן דאָס אויף באַנדעלעך צו די קבצנים" . . .

דאָ צעלאָזט זיך „מעקסי שעלטער" מיט קללות און דער באָס, פאָרמאַן מיט׳ן ביוראָקראַט באַגלייטן אים מיט הויכן געלעכטער, וואָס קלינגט אָפּ איבער׳ן גאַנצן שאַפּ.

ווי גיך אָבער דער באָס גייט אַריין מיט׳ן פאָרמאַן און דעם קאָרופּטן ביזנעס־אַגענט אין אָפיס און לאָזן אים שטיין אַליין, פּרובירט שוין מעקסי שעלטער געפעלן די אַרומיגע אַרבעטער. ער וואַרפט אַריבער דעם ציגאַר אין צווייטן זייט מויל און דרייט אויס אויך די צונג אויף דער צווייטער זייט.

„איר זעט", ווייזט ער אָן די אַרבעטער, „שוין זיך פאַרמאַכט אין אָפיס, אַז עפּעגען זאָל זיך זיי די אָדערן."

„איך זאָג אייך, אַז דער ביזנעס־אַגענט מיט׳ן באָס, זיינען ווי אַ פּאָר שלייקעס מיט הויזן, זיי האַלטן זיך אונטער איינער דעם צווייטן" . . .

„זאָלן זיי נאָר אַזוי פאַרלירן די קנעפּלעך, ווי מיר וועלן שוין פאַרלירן די באַנדלעך".

די לעצטע צייט אָבער, ווען די רעאַקציע האָט זיך צעבושעוועט, ווען די יוניאָן־פּרעסער שפּילן אונטער די באַלעבאַטים מיט דער ביוראָקראַטיע, געגן די אינטערעסן פון די אַרבעטער, איז מעקסי געבליבן אָן אַ שטאָך אַרבעט... ער קאָן ניט באַשטימען ביי זיך וועמען ער דאַרף איצט שילטן . . .

מיטאָג־שעה, ווען ער זיצט מיט זיינע פריינט ביים טישל און עסט, שושקעט ער זיך מיט זיי אויפ'ן אויער, נאָר דער עכאָ פון זיין לשון צע־טראָגט זיך איבער'ן שאָפּ.

„פריער", זאָגט מעקסי שעלטער, „איז אונז געווען גוט. מיר פלעגן שילטן די לינקע, די קאָמוניסטן, און זיי — די קאָמוניסטן, פלעגן קעמפן און שרייען פאַר אונז אין שאָפּ, שרייען, אַז די פירער אין דער יוניאָן, זאָלן גוט „סעט־לען" די פרייזן. איז געוואָרן טייער פליישן — זיינען זיי געווען מיט אַ גע־וואלד. האָבן די לענדלאָרדס געוואָלט העכערן „רענט" — האָבן זיי געפּיקעט, האָט אַ לענדלאָרד אַרויסגעשטעלט — האָבן די קאָמוניסטן זיי אַריינגעשטעלט... לעצטנס, ברידערלעך, זע איך, אַז פון די קלעפּ, וואָס מיר האָבן דערלאַנגט די קאָמוניסטן טוט גאָר אונז ווי דער קאָפּ . . . איך זאָג דעם באַלעבאָס, זייענדיג אין דער קאָמיטע, אַז איך וויל ניט אַרבעטן אויף ניט קיין געסעטל־טער אַרבעט, איר קאָנט מיר, זאָג איך, ניט העגנען אָן מיין האַלדז . . . גיט מיר דער באָס אַ מעסט אָפּ מיט זיינע גנב'ישע אויגעלעך און צעשרייט זיך: „דו אויך? דו ביזט שוין אויך אַ קאָמוניסט?"

„איך זאָג אייך", גיט מעקס שעלטער אַ כאַפּ אַרויס דעם ציגאַר פון מויל, „ווען ניט גאָסי די לינקע, וואָלטן מיר געהאַט אַ שלעכטן אַפּשניט. מיר אין דער קאָמיטע, און — דער שאָפּ אין פרייז. און איצט, ברידערלעך, ווייס איך שוין אַליין ניט ווען צו שעלטן. אַ כאַליערע האָט אונז אַלעמען געכאַפּט"...

אויפ'ן הויכן באַרג

(קינדער־מעשהלע)

שלומ'ל איז געזעסן אויף דער פּאָדלאָגע מיט זיין שפּילצייג און האָט געבויט אַ שטעטעלע פאַר זיך.

ער האָט אויפגעשטעלט אַ הויז פון די קלעצעלעך, באַפּוצט מיט גרינע פענצטער, און אין הויז האָט ער אַריינגעשטעלט מעבל, אפילו טעפּעלעך אויפן אויוון און געשיר אויפן טיש.

פאַזע דעם הויז האָט ער געמאַכט אַ בריק, און ביים בריק אַ באַן, און אויף דער באַן — קעסטעלעך מיט שפּייז. נאָר — ווען ער האָט געהאַלטן ביים אויסשטעלן די לאָמטערן צו באַלויכטן דעם וועג, און ווייזן אין וועל־כער ריכטונג צו פאָרן, איז אונטערגעלאָפן דער ווילדער הונט, וואָס די קינ־

דער האָבן גערופן „פּאַשי״, פאַר זיין שטענדיגן כּאַפּן פון די טעלער. און פּאַשי האָט איבערגעקערט אַלץ מיט אַנאַנדער. אַלץ איז צעפאַלן אין שטיקלעך...

שלומ׳ל האָט, קוקנדיג אויף די צעוואָרפענע קלעצלעך, אויף די צעשאָטענע ציגל און אויף די איבערגעקערטע באַנען, זיך שטאַרק צעוויינט און גענומען באַגרייפן פאַרוואָס די מאַמע וויל ניט האָבן דעם הונט אין הויז . . .

די מאַמע איז אַריינגעלאָפן אַ צעשראָקענע און גענומען באַרואיגן שלומ׳ען. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אים אויפן דיוואַן און אים גענומען דערציילן אַ מעשהלע:

„אַמאָל, אַמאָל, האָבן גענומען אַ גרופּע מענטשן און זיך אַרויפגעזעצט אויף אַ שיף און זיך אַרויסגעלאָזט צו זוכן די ברעגן פון דער וועלט. זיי האָבן געוואָלט געפינען אויפן ערד־קוגל אַזעלכע גוטע זאַכן, וואָס זאָלן ברענגען נוצן פאַר אַלע קינדערלעך . . . דערביי אויך שטודירן פונוואַנען עס נעמען זיך די שלעכטע זאַכן . . .

„זיי האָבן אין די וועלדער געטראָפן חיות, ווילדע טיגערן, גרויסע העלפאַנטן, פויגל און מאַלפּעס. זיי האָבן די אַלע חיות געצוימט און געהאַלטן אויף דער שיף. מ׳האָט די חיות געגעבן עסן און דערביי שטודירט זייערע אייגנשאַפטן.

„די שיף איז אָנגעקומען נאָענט צו אַ ברעג, האָבן די מענטשן מיטאַמאָל דערהערט שרעקלעכע קראַכן און אויפרייסן.

„אין פינצטערע נעכט האָבן אויפגעבליצט שרעקלעכע גרויסע פייערן און איין פייער האָט אָנגעצונדן אַ צווייטן, דער צווייטער — אַ דריטן. און יעדער פייער האָט פאַרברענגט דעם אַרום . . . אַלץ איז צוזאַמענגעפאַלן אונטער די קראַכן . . .״

שלומ׳ל האָט אָן עפן־געטאָן די אויגעלעך און אַ פרעג געטאָן דער מאַמען: „איז אויך דאָרטן געווען דער הונט פּאַשי?״

„יאָ, קינדעלע, עס זיינען דאָרטן מסתמא געווען אַ סך הינט, אַ סך פּאַשיס״, — האָט די מאַמע געענטפערט.

די מאַמע האָט געזען, אַז שלומ׳ל שלאָפט ניט, און וויל נאָך הערן פון דעם מעשה׳לע, האָט זי פאַרגעזעצט: „ווען די פּאַסאַזשירן פון דער שיף האָבן געזען, אַז ס׳קומט גאָר ניט צו קיין סוף, נאָר ס׳ברענט און ס׳רייסט די וועלט אַלץ מער און מער, האָבן זיי באַשלאָסן אויסצוקירעווען די שיף און פאָרן צוריק. נאָר, וואָס מער זיי זיינען געפאָרן, האָבן זיי געפילט, אַז דאָס ציטערט די ערד פון די אויפרייסן און קראַכן . . .

„די שיף איז געפאָרן לאַנגזאַם און פאַרזיכטיג, ניט ווויסנדיג גענוי, וואו

זיך צו קערן, וואו ס'איז אַ מער זיכערער וועג . . . די אַפּאַראַטן, וואָס האָבן געדאַרפט ווייזן דעם וועג, ברענגען נייעס, פאַרצייכענען געשעענישן — האָבן געציטערט ווי די שיף, ווי די לופט, ווי די וואָלקנס מיט'ן הימל איבער זיך...

„די שיף איז שוין געפאָרן און געפאָרן . . . ביי יעדן פאָרט, וואו זי איז צוגעקומען, האָבן זיך געהויבן פלאַמען, יעדעס פּינטעלע אין דער לופט איז געווען פייער, אַלץ האָט געריסן, אַלץ האָט זיך געוואָרפן, אַלץ האָט זיך געצונדן . . .

„די שיף איז אַנטלאָפן און גענומען זוכן ערגעץ אַ ווינקל, אַ פּלאַץ זיך צו באַשיצן און געפינען עפּעס שפּייז. זי איז צוריקגעפאָרן אין די ווייטע ימ'ען, דאָרט וואו קיין מענטשן־פוס האָט נאָך ניט באַטראָטן די ערד.

„אין פאַרטאָג האָבן די כוואַליעס צוגעטראָגן די שיף צו אַ ברעג, וואו פונדערווייטנס האָט זיך געזען אַ באַרג, אַזוי ריזיג גרויס ווי קיין כוח אויף דער וועלט וואָלט אים ניט געקאָנט פאַרניכטן . . . "

שלומ'ל האָט ווידער אָן עפן געטאָן די אויגעלעך און געפרעגט: „און דער הונט פּאַשי, וואָלט ניט געקאָנט אַרויפקריכן אויפ'ן באַרג?"

„ניין", האָט די מאַמע אים פאַרזיכערט. „די מענטשן און די אַלע אַנדערע באַשעפעניש, וואָס האָבן זיך געפונען אויף דער שיף, זיינען דאַנקבאַר געווען, וואָס מ'האָט זיי געראַטעוועט. זיי האָבן ליב באַקומען די מאַנשאַפט און מיט ליבע געקוקט צום קאַפּיטאַן, וועלכער האָט זיי געבראַכט צו אַ זיכערן ברעג.

„אַלע זיינען געווען גרייט צו העלפן בויען אַ ניי לעבן אויפ'ן הויכן באַרג.

„איינמאָל, אין די שפּעטע שעה'ן פון אָוונט, האָבן די לופט־כוואַליעס אויפגעוועקט אַלע שלאָפנדיגע מיט שטאַרקע טרומייטן. באַלד האָט זיך דערהערט אויף דער ראַדיאָ אַ שטים, האָט אָנגעזאָגט פריילעכע נייעס: „די פייער־צינדער האָבן פאַרברענט איינער דעם אַנדערן . . . עס ווערט געבויט אַ שיינע וועלט, אַ נייע וועלט . . . אָן די פּאַשי־הינט" . . .

שלומ'ל איז רואיג איינגעשלאָפן. ער האָט אין שלאָף אַ געשמאַקן לאַך געטאָן . . . ער האָט צעשפּרייט זיינע קליינע הענטלעך, האַרציג אַרומגענומען די מאַמע און זיך צוגעדריקט צו איר . . .

זי וואַרט נאָך . . .

די שכנים האָבן שטענדיג באַוואונדערט די ריינקייט און אויסגעפּוצטקייט ביט גיטעלע'ן אין הויז. יעדע זאַך האָט איר פּלאַץ, די גלאָזוואַרג, שיינט ווי דימענטן. אויף דער פּאָדלאָגע קאָן מען קאָשע עסן . . .

דערפאַר איז איר פריינדינע אַנעט, וועלכע איז געקומען אויף אַ סור־פּריז־באַזוך צו גיטעלען, געבליבן שטיין פאַרטשמעליעט, ווען זי האָט אָנגעקלונגען אין טיר און ווי שטענדיג גלייך אַ עפן געטאָן מיט אַ ברייטן „האַלאָ״ און — וואָס זי האָט דערזען פאַר זיך!

געוויינלעך האָט גיטעלע שטענדיג געענטפערט ליבלעך, און פלעגט אויפנעמען דעם גאַסט מיט אָפענע אָרעמס וואַרפנדיג דערביי אירע אויגן איבערן הויז, אַז אַלץ זאָל זיין אין אָרדענונג, אַוועקגעכאַפּט אַן אַנגעוואָרפענע צייטונג, אַוועקגעשטעלט דאָס אַש־טעצל אויפן פּלאַץ, צוגערוקט דעם שטול אויף זיין פּאָזיציע, אויסגעגליכן די פאָרהאַנגען איבער די פענצטער, און פאַר־בעטן דעם גאַסט סאַמע אויבן־אָן.

אין אַ מינוט אַרום האָט זיך שוין געקאָכט אַ טשייניק וואַסער פאַר טיי. אויפ'ן טיש, ווי פון זיך אַליין, פלעגן זיך באַווייזן ראַזשינקעס, ניס און פרוכטן. מיט איין וואָרט, עס ברענט ביי גיטעלען אונטער די הענט...

אַזוי האָט זיך עס שטענדיג געפירט ביי גיטעלע'ן.

דאָס מאָל איז אָבער אַנעט איבערראַשט געוואָרן ווען זי האָט אַ עפן געטאָן די טיר און געפּאַקט גיטעלען ביי גאָר אַן אַנדער מין אַרבעט: אָנ־שטאָט אויפראַמען, צעשטעלן, האָט גאָר גיטעלע, דאָס מאָל געהאַלטן אין אָנ־וואַרפן זאַכן איבער'ן הויז. געשלעפּט און געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע . . .

די צימערן האָבן אויסגעזען ווי נאָך אַן איבערקערעניש — די ווענט צעריסן, אַ שטיק פונ'ם דיל מיט אַ לאַטע, איין האַלבע וואַנט גרין, אַ צווייטע געל, דאָ אָנגעהויבן, דאָרט ניט פאַרענדיגט. די פאָרהאַנגען אַראָפּגענומען, קליידער אָנגעוואָרפן, די שפּיגלען אונטערן טיש, די געשיר אין קאַסטנס.

איידער גיטעלע האָט באַוויזן אַ קוק צו טאָן ווער ס'איז ביי דער טיר, האָט זי נאָך אַרויסגעשלעפּט אַ מאַטראַץ פנ'ם בעט אינמיטן פון צימער אויף דער פּאָדלאָגע אַרויס.

ווען אַנעט האָט אַ דערשראָקענע זיך צעשריגן: „וואָס קומט דאָ פאָר?״

איז גיטעלע געבליבן שטיין ווי פאַרשעמט און זיך אַרומגעכאַפּט מיט איר פריינדינע, פאַרליבנדיק דערבײַ דאָס לשון.

ווען בײדע זײַנען צו זיך געקומען, האָט גיטעלע גיך געכאַפּט אַ שטול פאַר אַנעט׳ן און איר געגומען דערקלערן, וואָס עס קומט דאָ פאַר אין הויז.

שוין פיר יאָר, דערציילט איר גיטעלע, ווי מ׳האָט ניט געפאַרבט די צימערן. וואָכן און חדשים איז זי נאָכגעלאָפן דעם לענדלאָרד. ענדלעך האָט דער לענדלאָרד באַטראַכט די ווענט, די טירן, די פענצטער און באַשלאָסן אַרייַנצושיקן פאַרבער אויספאַרבן און אַלץ צורעכטמאַכן.

דער פאַרבער־באָס איז געקומען, אַלץ באַטראַכט און געהייסן צוגרייטן דאָס הויז צו דער אַרבעט פאַר אַ מאָנטאָג אינדערפרי.

גיטעלע האָט אַרונטערגענומען די פאָרהאַנגלעך פון די פענצטער און טירן, צעשטעלט אַלץ, ווי ס׳באַדאַרף צו זײַן און — געוואַרט.

אַזוי איז אַוועק אַ מאָנטאָג, אַ דינסטאָג און אַ מיטוואָך — און ערשט דאָנערשטאָג זײַנען ענדלעך געקומען די פאַרבער, צעקלאַפּט די פלעצער, וואו עס זײַנען שוין געווען שפּאַלטן, אַרומגעריסן די שטיקלעך אַרום די לעכער אין די ווענט, צו קאָנען פאַרשמירן, אָנגעשטעלט לייטערלעך מיט העמערלעך, קעסלען מיט צעמענט און פאַרב, פאַרקאַטשעט די אַרבל, און — דאָ האָט זיי דער באַלעבאָס פּלוצים אַוועקגערופן אַרבעטן אין אַן אַנדער הויז. זײַנען זיי אַוועקגעגאַנגען, און מיט זיי זײַנען אַוועק פרײַטאָג, שבת און זונטאָג. מאָנ־טאָג אינדערפרי זײַנען זיי אַרײַנגעקומען און זיך אַ נעם געטאָן צו דער אַרבעט.

גיטעלע האָט ווידער געדאַרפט שלעפן די געשיר, די טישן, די שטולן, שפּיגלען און מאַטראַצן.

די פאַרבער האָבן אָפּגעפאַרבט עטלעכע שעה, פאַרשמירט אַ פּאָר לעכער, ביז דער פאַרבער־באָס איז אַרײַנגעקומען און זיי ווידער אַוועקגעשיקט אין אַ צווייטן פלאַץ, וואו מ׳דאַרף פאַרענדיקן די אַרבעט פון דריי וואָכן פריער... אַזוי זײַנען ווידער אַוועק עטלעכע טעג און גיטעלע האָט נאָכאַמאָל געשלעפּט די זאַכן פון איין צימער אין צווייטן.

די פאַרבער זײַנען ווידער געקומען, פאַרשמירט נאָך עטלעכע שפּאַלטן און לעכער, אַ מיש געטאָן די פאַרב אויסצופּרובירן אויף די ווענט דעם קאָ־ליר און דערקלערט, אַז די ווענט דאַרפן זיך איצט טריקענען. אין עטלעכע טעג אַרום וועלן זיי שוין קומען און פאַרענדיקן די אַרבעט.

ווידער האָט גיטעלע געדאַרפט זוכן אַ טעפּל, אַ פענדל, שלעפּן טישן, שטולן און די מאַטראַצן אַהין און צוריק.

איין פרימאָרגן קומט אַריין דער פאַרבער־באַס און לאָזט וויסן, אַז דער לענדלאָרד האָט פאַרקויפט דאָס הויז אַ צווייטן לענדלאָרד, און ביז זיי וועלן זיך ניט אויסגלייכן צווישן זיך, און דער נייער לענדלאָרד וועט זיך ניט אויסגלייכן מיט אים, קאָן ער ניט אָנגיין מיט׳ן פאַרבן.

די פאַרבער האָבן גענומען שלעפּן צוריק די לייטערס, דעם צעמענט, די קעלנעס און די קעסעלעך מיט פאַרב.

ווידער זיינען אַוועק עטלעכע טעג. איז גיטעלע געלאָפן צום אַלטן לענד־לאָרד, האָט ער איר געשיקט צום נייעם. איז זי געקומען צום נייעם לענד־לאָרד, האָט ער גע׳טענה׳ט: „דאָס דירה־געלט פאַר דעם חודש האָט איר געגעבן דעם אַלטן לענדלאָרד, און פאַרבן די צימערן זענט איר געקומען צו מיר? איך האָב צייט צו וואַרטן ביז נעקסטן חודש״...

אַזוי זיינען ווידער אַוועק טעג און וואָכן, און ס׳האָט זיך ניט געוויזן ניט דער לענדלאָרד און ניט דער פאַרבער. האָבן גוטע שכנים גע׳עצה׳ט גי־טעלען, אַז זי זאָל אַוועקשרייבן אַ בריוו צום „געזונט דעפּאַרטמענט״ און דער־ציילן פון דעם גיהנום אין הויז. אַנדערע האָבן געראָטן צו שרייבן צום „רענט קאָנטראָל באָארד״ און זיי וועלן שוין זען, אַז דער לענדלאָרד זאָל וואָס גיכער פאַרענדיגן אויספאַרבן די צימערן.

גיטעלע האָט זיך גענומען שרייבן בריוו. אַלץ הייסט בריוו! דאָס זיינען געווען גאַנצע „פּראָשעניעס״, אין וועלכע זי האָט געווינט און געבעטן, אַז מען זאָל קומען און זען דעם תכלית, וואָס דער לענדלאָרד האָט געמאַכט פון איר היים: מ׳קאָן ניט עסן, ניט זיצן, ניט שלאָפן...

זי האָט דערוואַרט, ווי מען האָט איר געזאָגט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלן די „קהל׳שע קליאַמקעס״ עפענען איר טיר און זען וואָס עס טוט זיך ביי איר אין דער וואוינונג.

אַזוי זיינען שוין ווידער אַוועק אַ פּאָר וואָכן, ווי גיטעלע וואַרט אויף „געסט״. אַלע אויפדערנאַכט ווערט די היים „אויפגעשטעלט״ און אַלע איב־דערפרי ווערט זי „צענומען״.

ווי גיך מ׳קלינגט אָן אין טיר, פאַרגרייט זיך גיטעלע צו ווייזן איר לאַגע. אָבער — ביז איצט זיינען דאָס אַלץ געווען „פאַלשע אַליאַרמס״. ס׳קומט דער מילך־מאַן, דער לאָנדרימאַן, דער אינשורענס־אַגענט, אַ שכנ׳טע צו באָרגן אַ ציבעלע, אַ סוחר פון בערשטלעך, און דאָס מאָל איז געקומען איר פריינ־דינע אָנעט, פאַר וועמען גיטעלע האָט זיך איצט כאָטש געקאָנט אַראָפּרעדן פון האַרצן.

און ווען גיטעלע האָט זיך צוגעזעצט אויף דעם אויפגעלייגטן מאַטראַץ,

צו שמועסן מיט איר פריינדינע אַנעט, האָט זיך דערהערט אַ קלונג אין טיר. ס׳איז אַריינגעקומען דער סופּעראינטענדענט פון הויז און אָנגעזאָגט, אַז — אין צוויי וואָכן אַרום וועט צוריקקומען דער לענדלאָרד פון פלאָרידאַ, און אַלץ וועט זיך דאַן אויסגלייכן, נאָר — איצט וויל ער די רענט פאַר׳ן קומענדיגן חודש . . .

דערווייל זיצט נאָך אַלץ גיטעלע אויפ׳ן מאַטראַץ און וואַרט . . .

עס געפעלט זיי דער ערשטער מאַי

(קינדער מעשה׳לע)

אין סקול האָט קערען ליב צו זיין פון די ערשטע אין אַלע אַרבעטן, וואָס דער לערער צייכנט אָן פאַר די קינדער. און אַזוי לערנט זי איר איינגערן ברודערל, אַרעלע׳ן: „ווייזט דיר דער לערער עפּעס צו טאָן, טו עס גוט“.

קערען האָט ליב אין סקול צו טאַנצן, שפּילן, מאָלן, פּונקט ווי זי האָט ליב אין הויז צו העלפן דער מאַמען. זי וואַשט געשיר, שאָבט קאַרטאָפל און שלאָגט אויף די ווייסלען פון אייער, ווען די מאַמע באַקט אַ טאָרט.

אַרעלע דרייט זיך שטענדיק אַרום די גרעסערע קינדער, און וואו — צוויי, איז ער דער ערשטער. אויך ער האָט ליב צו מאָלן און שפּילן, און אויב ער קען ניט קיין קיד־אַרבעט, איז ער אָבער אַ מאַדים אויף קלאַפּן, מייסטרעווען. עס איז גענוג ער זאָל דערהערן פון דער מאַמען, אַז ס׳איז עפּעס קאַליע געוואָרן אַן עלעקטרישער לאָמפּ, ליגט שוין אַרעלע ביי די דראָטן און שלעפּט, רייסט, ביז . . . עס בלאָזט זיך אויס אַ „פּיוז“ און עס ווערט פינצטער אין הויז.

אָבער זאָרגט אייך ניט, אַרעלע פאַרלירט זיך ניט. ער קריכט אַראָפּ אין קעלער, דרייט, זוכט און מייסטרעוועט, ביז . . . עס ווערט ווידער ליכטיג אין הויז.

ווען קערען האָט דערהערט ווי טאַטע־מאַמע רעדן צווישן זיך וועגן דעם ערשטן מאַי, און ווי אַזוי זיי וועלן פייערן דעם אַרבעטער יום־טוב, האָט זי גענומען שטעלן פראַגן, און אַרעלע האָט, פאַרשטייט זיך, אונטערגעהאָלפן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ יום־טוב? — האָט קערען געוואָלט וויסן.

— און אויב ס׳איז אַ יום־טוב, — האָט אַרעלע צוגעלייגט, — פאַרוואָס זיינען די קינדער ניט פריי פון סקול, זיי זאָלן אויך קאָנען מאַרשירן?

די מאַמע האָט זיי גענומען דערציילן וועגן ערשטן מאַי, און ווי אַזוי די אַמעריקאַנער אַרבעטער האָבן אים די ערשטע אָנגעהויבן פייערן נאָך אין 1886,

און ווי אַזוי די אַרבעטער פון אַנדערע לענדער האָבן אים איבערגענומען. זי האָט דערציילט ווי אַזוי די אַרבעטער שטעלן אַרויס פאָדערונגען פאַר קירצערע אַרבעט־שטונדן, בעסערע שכירות, פרידן, מער דעמאָקראַטיע, ווי אַזוי מען טראָגט פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן אין דעם פּאַראַד וועגן די אַלע זאַכן.

— טאָ פאַרוואָס זאָלן מיר, קינדער, טאַקע אויך ניט גיין אין פּאַראַד? — פרעגט קערען, — מיר האָבן אויך וואָס צו פאַרלאַנגען. מיר ווילן אַ שפּיל פּלאַץ אין אונזער גאַס, און אַ סך קינדער אין סקול האָבן ניט קיין גאַנצע שיך.

— און אַ שווים־פּלאַץ דאַרפן מיר אויך האָבן, — זאָגט אונטער ארעלע.

אָבער די מאַמע האָט זיי געזאָגט, אַז זי קאָן זיי ניט מיטנעמען, ווייל זיי דאַרפן גייך אין סקול, — ווען מיר וועלן קומען מיט'ן טאַטן פון פּאַראַד, וועלן מיר אייך אַלץ דערציילן ווי אַזוי מען האָט מאַרשירט און וואָס מען האָט געזונגען, און וועלכע אויפשריפטן עס זיינען געווען אויף די פּלאַקאַטן, — האָט די מאַמע זיי צוגעזאָגט.

קערענען איז געפעלן געוואָרן דער געדאַנק פון ערשטן מאַי. אויך אַרעלע איז פאַרכאַפּט געוואָרן פון דעם, און זיי האָבן זיך צונויפגערעדט ווי אַזוי צו מאַכן אַן אייגענעם פּאַראַד מיט די קינדער פון דער גאַס.

ערב דעם ערשטן מאַי האָבן קערען און אַרעלע זיך צונויפגערעדט מיט אַנדערע קינדער, ווי אַזוי צו פייערן דעם ערשטן מאַי. זיי האָבן צוזאַמענגעקליבן אַלטע פלאַקאַטן און אָנגעשריבן אויף דער צווייטער זייט זייערע לאָזונגען. יעדעס קינד האָט צוגעטראַכט זיין אייגענעם לאָזונג און האָט זיך געמאַכט אַ פּלאַקאַט. דערנאָך האָבן זיי זייערע פּלאַקאַטן צוגעקלאַפּט צו שטעקלעך.

עס איז געקומען דער ערשטער מאַי. טאַטע־מאַמע האָבן זיך אויסגעפּוצט יום־טוב'דיג מיט ערשטע מאַי קנעפּלעך אין די לאַצן. זיי האָבן אויסגעטיילט קושן צו קערענען און אַרעלען און זיי אָנגעזאָגט וואו זיי וועלן געפינען עסן, ווען זיי וועלן קומען פון סקול, און אַז זיי זאָלן זיך גוט אויפפירן.

דער מאַמעס האַרץ האָט ניט גערוט. באַלד נאָכ'ן פּאַראַד איז זי געקומען אַהיים אַ יום־טוב'דיגע, אַ פריילעכע, אָבער מיט אומגעדולד צו וויסן וואָס די קינדער מאַכן. איןביידע הענט האָט זי געטראָגן קעסטעלעך מיט אייז־קרים פאַר די קינדער, און אונטער'ן אָרעם — פענדלעך, שטעקעלעך און קאָלירטע סטענגעס, מתנות פאַר די קינדער, וואָס זי האָט געבראַכט פון פּאַראַד.

די מאַמע איז אַרויף די טרעפּ, אַריין אין הויז, גענומען זוכן די קינדער. דער אייז־קרים צעגייט שוין אין די הענט, די קינדער זיינען ניטאָ, און די מאַמע ווייס ניט וואָס צו טאָן.

מיטאַמאָל דערהערט זי אַ געזאַנג, דאָס קלאַפּן און פייפן ווי פון אָרקעס־

טער, אויסגעשרייען און קינדעריש געלעכטער. לויפט זי אַרויס פון הויז און דערזעט דעם קינדערישן פּאַראַד. עס מאַרשירן קינדער, גרעסערע, קלענערע, גאָר קליינע, נעגער־קינדער, ווייסע, אידישע און ניט־אידישע, מיט פּלאַקאַטן און פאָנען, טרובעס, פייפלעך און טאַצן. קערען און אַרעלע פירן דעם פּאַראַד.

זיי מאַרשירן און זינגען:

„היינט איז יום־טוב, ערשטער מאַי,
מיר פאָדערן עסן — פאַר די קינדער פריי!
ניט קיין אָרעם, ניט קיין רייך,
אַלע דאַרפן רייך זיין גלייך!

און אויף די פּלאַקאַטן איז אָנגעשריבן: „קורצע אַרבעט־שטונדן פאַר אונזערע טאַטעס, זיי זאָלן זיך קאָנען שפּילן מיט אונז!“

„מיר ווילן פרייע מיטאָגן אין סקול!“

„מיר ווילן, אַז טאַטע־מאַמע זאָלן אונז נעמען צו די ערשטע מאַי־פּאַראַדן!“

„מיר ווילן אייז־קרים אַלע טאָג!“

די מאַמע האָט געקוקט מיט אַ לויכטנדיקן פּנים און אויסגערופן:

— וואָס איז דאָס?

— דאָס איז דער ערשטער מאַי, מאַמע, — האָט קערען אַ טאַנצנדיקע געענטפערט. — מיר זיינען געקומען פון סקול, האָבן מיר געמאַכט אַן אייגענעם פּאַראַד!

— פאַרענדיקט שוין, — האָט די מאַמע זיך געבעטן, — דער אייז־קרים צעגייט מיר אין די הענט.

— זעסט, קערען, — האָט אַרעלע שפּרינגענדיק און לאַכענדיק אויסגעשרייען: — איין פאָדערונג האָבן מיר שוין אויסגעפירט: די מאַמע גיט אייז־קרים!

קערען האָט גענומען דאָס אייז־קרים און צעטיילט צווישן אַלע קינדער. דערביי זיי געלאָזט וויסן, אַז מ׳פאָדערט געווינט מען!

גוט אָפּגעשניטן...

איטשע־מענדל האָט שוין געוואוסט פון זיין לאַנג־יאָריגער דערפאַרונג, אַז פון זיינע פאַרדינסטן אין שאַפּ וועט ער שוין ניט קאָנען אָפּשפּאָרן אויף אַ מאַנטל און שיך פאַר זיך אויף יום־טוב. אָבער אָט האָט עפּעס פּאַסירט, וואָס האָט אים געגעבן אַ „האָפענונג״: מ׳האָט אים אויפגעהויבן אַ צע־הרג׳עטן פון אונטער די רעדער פון אַן אַלטן „טראָקל״, וואָס איז אויף אים אַרויפגעפאָרן, און — ער האָט געעפנט זיינע אויגן...

ווי גיך ער האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט דריי צעבראָכענע ריפּן, אַ צעקלאַפּטן פוס, מיט אַ צעריסן פּנים, האָט ער אַ פרעג געטאָן אויף די „לאַיסענס״ פון מאַשין, אויף דעם נאָמען פון טרייבער...

אין די עטלעכע טעג, וואָס ער איז געלעגן אין שפּיטאָל, האָט ער אַלץ געטראַכט וועגן דעם, וויפיל ער זאָל פאַרלאַנגען פאַר זיין שאָדן, און וואָס זאָל ער טאָן מיט׳ן געלט, ווען ער וועט דאָס שוין קריגן?...

איטשע־מענדל האָט ענדלעך באַשלאָסן, אַז כדי ניט צו האָבן צו טאָן מיט לאָיערס און מיט געריכטן, וועט ער אַליין, ווי גיך ער וועט שטיין אויף די פיס, אַרויפגיין און „סעטלען די קעיס״. ער האָט אויך באַשלאָסן: ער וועט ניט בעטן קיין סך, בלויז פינף הונדערט דאָלאַר; נאָר פון אָט־דער סומע וועט ער ניט אַרונטערלאָזן אפילו איין סענט...

וואָס ער וועט טאָן מיטן געלט? האָט ער זיך געמאַכט אַזאַ חשבון: אַ מאַנטל מיט שיך קומט די ערשטע זאַך. נו, דערצו פּאַסט שוין אַ ניי העמד, אַ פּאָר זאָקן, אַ קאַפּעליוש און, פאַרשטייט זיך, אַ פּאָר וואָכן וואַקאַציע. מען דאַרף אויך שיקן אַ פּאָר דאָלאַר דעם טאַטן אויף יום־טוב, באַצאָלן עטלעכע אַלטע חובות, באַצאָלן דעם דאָקטאָר, קויפן אַ מתנה דעם ברודער צו דער חתונה, אַרויסנעמען פון „פּאָון״־שאַפּ דאָס פאַר׳משכונ׳טע זייגערל. יאָ, און מען דאַרף קריגן נייע אויגן־גלעזער, ווייל די פריערדיגע זיינען צעבראָכן געוואָרן דורך דעם פאַרשאָלטענעם „טראָקל״...

אַ פּאָר דאָלאַר דאָ, און עטלעכע דאָרטן, — איז דאָס צוזאַמען אַזוי גרויס ווי — — — „ווייי איז מיר!״ — האָט איטשע־מענדל אַ געשריי געטאָן און זיך אַ כאַפּ געטאָן פאַר די איינגעפּרעסטע זייטן: „סאיז דאָך שוין קיילעכדיגע זעקס הונדערט מיט זעכציג דאָלאַר״.

ער האָט זיך ווי עס איז איבערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, און באַ־שלאָסן צו פאָדערן — זיבן הונדערט דאָלאַר . . .

מיט די זיבן הונדערט, האָט ער זיך דערמאָנט, מוז ער איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך אַרויסקלייבן פונ׳ם צימער, וואו ער דאַרף ליגן עלנט ווי אַ שטיין. איצט וועט ער נעמען אַ גרעסער צימער מיט אַ גאַז־אייוועלע מיט הייסע וואַסער, און טאַקע אַ ריין און ליכטיג צימער.

דאָ האָט ער זיך געכאַפּט, אַז אָט־די נייע אויסגאַבן טרייבן שוין אַריין די סומע טאַקע ניט ווייניגער ווי צו אַ פּאַסיקל מיט דריי רינגעלעך: דאָס מיינט אין חשבון — אַ פולן טויזנטער.

אַזוי איז פאַרבליבן ביי איטשע־מענדלען אין געדאַנק, אַז ווי גיך ער שטייט אויף פונ׳ם בעט, וועט ער צוקריכן צום מאַן מיטן „טראַקל״ און „אויס־פּרעסן״ דעם ענין . . .

ווען איטשע־מענדל איז ענדלעך געקומען פון שפּיטאָל, האָט ער נאָך געדאַרפט ליגן אַ פּאָר וואָכן איינער אַליין אין זיין פינצטערן צימערל, וואו בלויז ביי דער עלעקטריק האָט ער געקאָנט דורכלייענען די „בילס״, וואָס עס זיינען אים אַלע טאָג אָנגעקומען פון שפּיטאָל און פון אַנדערע פּלעצער. אַלע האָבן זיי געמאָנט: באַצאָל די חובות!

מער ווי פון אַ טויזנטער האָט ער ניט געוואָלט טראַכטן. ער האָט באַ־שלאָסן, בעסער צו רעדוצירן זיינע פּלענער . . . דעם טאַטן האָט ער שוין באַשלאָסן צו שיקן אַנשטאָט אַ פינף־און־צוואַנציגער — אַ צענערל . . . אַ מאַנטל, מוז ער קויפן, אָבער שיך, נו, ער וועט זיך פאַרריכטן די אַלטע. דאָס זייגערל אין „פּאָון״־שאָפּ וועט ער שוין לאָזן פאַלן, ווייל ס׳איז ווי אַ בלעכל, וואָס גייט אַ שעה אַ יאָר . . . און דעם ברודער צו דער חתונה וועט ער שוין אַנשטאָט שיקן אַ מתנה — שיקן אַ טעלעגראַמע . . .

עס איז געקומען דער טאָג, ווען איטשע־מענדל האָט אָפּגעמאַכט ביי זיך צו גיין אויפמאָנען זיין „גרויס געווינס״ פונ׳ם „טראַקל״ . . . ער האָט צו־געגרייט דעם נאָמען פונ׳ם טרייבער, זיין אַדרעס, דעם נומער פון די „לאַי־סענס״, גענומען דעם אָנשפּאַר־שטעקן אין האַנט, און מיט די לעצטע כוחות גענומען שפּאַנען.

זייער שווער איז געווען פאַר איטשע־מענדלען אָפּצוזוכן דאָס פאַרוואָרפן געסל, ערגעץ אין דר׳ערד אויפ׳ן דעק . . .

אויפ׳ן וועג איז אים דורכגעלאָפן אַ געדאַנק: „ווער ווייסט צי אַזאַ פּאַר־שוין, וואָס וואוינט אין אַזאַ אָרעמער געגנט, פאַרמאָגט אינשורענס? און אויב ניט אינשורענס, טאָ ווי קומט צו אַזאַ איינעם אַ טויזנטער?״ ער האָט גלייך

אַ שניט געטאָן אויף אַ העלפט, אויב ער קריגט נאָר מזומנים, נו, מילא, וועט ער שוין נעמען דעם פינף־הונדערטער, און פּטור אָן עסק.

ווען ער איז צוגעקומען נאָענט צום הויז און דערזען די איינגעפאַלענע חורבה, מיט׳ן פינצטערן אַריינגאַנג, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט ביי דער טיר, און ווי צו זיך אַליין גערעדט: „איך גיי בעטן ביי אַ מענטשן פינף הונדערט דאָלאַר, סך־הכל וויים איך דאָך ביי זיך דעם אמת, אַז ווען איך לויף ניט ווי אַ ווילדער און טראַכט ניט פון מיינע צרות, וואָלט דאָך אינגאַנצן צום אומגליק ניט געקומען . . . און איך וואָלט ניט אַריינגעשלעפּט אַ פרעמדן אין מיינע צרות״ . . .

איטשע־מענדל האָט ווידער געשניטן דעם פּרייז. ווען ער קריגט נאָר אין האַנט צוויי הונדערט דאָלאַר צו באַצאָלן דעם דאָקטאָר און פאַר דער מעדיצין, וואָלט ער שוין אפילו ניט איבערגערעדט . . .

אָנגעשפּאַרט אויפ׳ן שטעקן, האָט ער גענומען קלעטערן אויף די סקריי־פּענדיגע טרעפּ. אויפ׳ן דריטן שטאָק האָט ער זיך אָפּגעשטעלט צו כאַפּן דעם אָטעם. דערביי האָט ער ווידער און ווידער גערעכנט און געקומען צום אויספיר: „ניין, ווי עס זאָל ניט זיין, אָן אַ הונדערטער רירט ער זיך ניט פון אָרט״ . . .

מיט אָט־דעם געדאַנק אין מוח און מיט׳ן שטעקן אין האַנט, האָט ער אָנגעקלאַפּט אין טיר. ווען ער איז אַריין אין הויז, האָט אים דאָס האַרץ אַ שניט געטאָן און ווידער צעפּאַסעוועט זיין הונדערטער . . .

די פרוי האָט גענומען דערציילן, אַז איר מאַן האָט געהאַט אַן „עקסידענט״ איבערגעפאָרן אַ מענטשן, און אַזוי ווי ער איז ניט געווען „אינשורט״, האָט מען אים אַרעסטירט. פאַר די עטלעכע וואָכן, וואָס ער „זיצט״ שוין, האָט ער גאָרניט פאַרדינט, דערווייל האָט מען ניט געצאָלט דעם חוב אויפ׳ן אַלטן „טראָקל״, איז געקומען די „קאָמפּאַני״ און דאָס „טראָקל״ אויך אַוועקגענומען...

איטשע־מענדל איז געזעסן און געטראַכט פאַר זיך: אַי, ווען ער האָט איצט אַ פּאָר דאָלאַר! ווער ער האָט אַ פּאָר דאָלאַר, גיט ער אַ דאָלאַר פאַר די צוויי קליינע קינדערלעך, און כאַפּט אַ טעקסי, וואָס זאָל אים גיכער ברענ־גען מיט זיינע צעבראָכענעביינער אין בעט אַריין . . .

די פרוי האָט דערזען זיין דערשלאָגן פּנים און אים אַ פרעג געטאָן, מיט וואָס קאָן זי אים העלפן?

— מיר העלפן? — האָט איטשע־מענדל געמאַכט אַ שטאָלצע מינע, — איך בין געקומען צו אייך פרעגן, מיט וואָס קאָן איך אייך העלפן?

די פרוי האָט גלייך געלייזט די פּראָבלעם: — אַי, ווען איר קאָנט אַרויס־

נעמען מיין מאַן אויף „בעיל״, וואָלט איר דאָך פאַרדינט אַ מצוה. איך זאָג אייך, — האָט די פרוי דערביי אָ וויש געטאָן אַ טרער פונ׳ם אויג, — געַ־הרג׳עט האָט דער מאַן געדאַרפט ווערן, פאַר קריכן אונטער די רעדער פון מיין מאַנ׳ס אָרעמען טראָקל, און פאַר ברענגען אונז אַזעלכע צרות . . .

איטשע־מענדל האָט פאַרשטשעמעט די ציין, אַ גראַבל געטאָן ביי זיך אין קעשענע און אַרויסגעשלעפּט צוויי סענט פאַר די קינדער. דערביי האָט ער ווי אַ פאַרשעמטער אַ בורטשע געטאָן:

— איך וועל זען, וואָס איך קאָן טאָן, אַז אייער מאַן זאָל גלייך באַ־פרייט ווערן . . .

פאַרנדיג אַהיים האָט ער ווי צו זיך גערעדט: „איך האָב נאָך גוט אָפּ־געשניטן, מיט מזל, אַרויס אַ גליקלעכער מענטש, כמעט מיט גאַנצע ביינער. טאַקע, נו, אַנדערע פאַרט מען דאָך איבער צום טויט״ . . .

די ריכטיגע וואַקאַציע...

אַלע מיינע יאָרן האָב איך פיינט געהאַט די „קאַנטריס" מיט די וואַקאַציעס. אַ „קאַנטרי", האָב איך פאַרשטאַנען, איז נאָר גוט פאַר די פויגל צו שלאָפן דאָרט אָן דירה־געלט, און פאַר די אָרעמע קאָלעדזש־סטודענטן וואָס צו פאַרדינען אַ פאַר דאָלאַר אַלס קעלנערס, כדי ווינטער צו קאָנען ווידער לערנען.

נאָר ווען איך האָב געזען, ווי דערוואַקסענע געזונטע מענטשן נעמען פּאַקן זייערע זאַכן, ווערן אויסגעריסן פאַרנדיג, און דערנאָך אין דער „קאַנטרי" שטופּט מען זיך אַריין אַ „טריאָ" אין יעדן צימער, וואו איינער כראָפּעט, אַ צווייטער פייפט און אַ דריטער רעדט פון שלאָף, בין איך געקומען צום שלוס, אַז ניין — איך פאַר ניט אין „קאַנטרי".

טאָ ווי קום איך היינטיגס יאָר אין „קאַנטרי"? אָט וועגן דעם, מיין פריינט, איז אַ סך צו רעדן. זעצט זיך צו, וועל איך אייך דערציילן.

ווי איך זע, שפּילט איר אויך ניט קיין קאָרטן. זענט איר דאָ, ווייזט אויס, אַן „איבעריגער", פּונקט ווי איך . . .

ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך היינטיגע נאַכט אַן אויג ניט צוגעמאַכט. גלייך ווי איך האָב זיך אַוועקגעלייגט שלאָפן, קומט אַריין איינער פון אונזער „טריאָ", טאַקע דער וואָס קאָן ניט שלאָפן און שפּילט אַ גאַנצן אָוונט אין קאָרטן, אפשר וועלן אים די „דזשעקס" מיט די „קווינס" פאַרוויגן . . . גיט ער מיך גלייך אַ טורקע, צו זען, צי איך שלאָף שוין. גיב איך מיך אַ כאַפּ־ניט־טויט ניט־לעבעדיג: „וואָס איז געשען?

„איר כראָפּעט", זאָגט ער מיר, „אַזוי שטאַרק, אַז די ביימער ציטערן".

„איך כראָפּע?" — שפּרינג איך אויף, — „איך האָב נאָך אפילו אַן אויג ניט צוגעמאַכט. און אפילו ווען איך שלאָף, וועט איר מיר זאָגן, אַז איך כראָפּע? איך בין שוין, מיסטער פּינקוס, פאַרהייראַט פערציג יאָר. איך האָב שוין פון מיין ווייב געהערט אַלץ אין דער וועלט, אָבער אַז איך כראָפּע, דאָס הער איך צום ערשטן מאָל".

„מילאָ", זאָגט ער מיר, „האָב איך געמאַכט אַ טעות. נאָר אַזוי ווי איר זענט וואַך און קאָנט ניט שלאָפן, מוז איך אייך דערציילן, וואָס איך האָב איצט געהאַט דאָ מיט די קאַליקעס, וואָס האָבן מיט מיר געשפּילט אין קאָרטן.

איך זאָג אייך, אַז לויט זייער שפּילן זע איך, אַז דאָס זיינען אַזעלכע וויסטע קאַליקעס, אַז זיי וועט שוין ניט העלפן קיין „קאַנטרי", קיין בלאָטע־בעדער. גאָט אַליין וועט זיי שוין ניט קאָנען אויסלערנען צו וואַרפן די ריכטיגע קאָרט. איך האָב צייטנווייז געדענקט, אַז איך בין ניט אין „קאַנטרי", נאָר אין אַ פּאַר־לאַמענט . . . מיסטער פאַלקין זידלט זיך און שרייט ווי אַ רעאַקציאָנער; מיסטער גראָשיק קנייטשט דעם שטערן און בלאָזט פון זיך ווי אַ שני למלך... און מיסטער לאַטמיך איז אַ גאַנצער פּרעזידענט. ער זיצט אַרומגערינגלט מיט זיין פאַמיליע, און יעדערער זאָגט אים וועלכע קאָרט צו וואַרפן. און וואָס, מיינט איר, איז געוועזן דער סוף? ער שטייט מיט די שלייקעס אין האַנט און רעכנט, וויפיל ס'האָט אים געקאָסט דער אָוונט „פּאָוקער" . . .

דערנאָך נעמט מר. פּינקוס מיר דערקלערן, ווי אַזוי ער האָט געשפּילט, און איבערדערציילן אַלע וויצן, וואָס מ'האָט זיך דערציילט ביים טיש. ער גיט אַ קוק אויפ'ן זייגער און באַרואיגט זיך: „שוין טאַקע שפּעט, אָבער וואָס וועט מיר אַרויסקומען, אַז איך וועל זיך לייגן, אַז איך קאָן סיי ווי נישט איינשלאָפן? . . .

איך דאַרף אייך געוויס ניט דערציילן, אַז איך האָב ניט געוואוסט אַ וואָרט פון די אַלע „געגנגלעך", גוט אָדער שלעכט, וואָס זיי האָבן געשפּילט.

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער רעדט צו מיר „טערקיש", האָט דאָס אים שוין ווינציג־וואָס געאַרט, ווייל די הענער האָבן שוין געוועקט אויפ־צושטיין.

בלייבט טאַקע די פראַגע: ווי קום איך אין „קאַנטרי"? איז די מעשה אַזוי: ווי איר זעט, בין איך שוין ניט קיין „סוויט־סיקסטין". אַז מיין גע־זונט האָט מיר גענומען סקריפּען, בין איך געגאַנגען צו אַ דאָקטאָר, האָט ער מיר אַ טורקע געטאָן, אַ קלאַפּ געטאָן אין פּליִיצע, אַ פּורקע געטאָן אונטער'ן האַרצן און אַ זאָג געטאָן: „אַ פּינפּערל, איין פּרייז, ווי אַ ניקל אַ בייגל" . . .

פרעג איך אים: „דאָקטאָר לעבן, אָט פאַר דעם־אַ אַ פּינפּערל?"

צעלאַכט ער זיך און זאָגט: „וואָס האָט איר געוואָלט פאַר פינף דאָ־לאַר, — איך זאָל אייך אויסשניידן די צונג, אַרויסנעמען אַ לונג, געבן אייך אַ „העירקאַט"? . . .

„די הויפּט־זאַך", זאָגט ער מיר, „איז: געדענקט, אַז איצט איז אַ יקרות. עסט וואָס ווייניגער".

„וואָס הייסט ווייניגער?"

נעמט ער מיר אויסרעכענען אַ צעטל, אַ וויסט צעטל. ער האַלט־אַפּ אַזאַ דרשה: „עסט ניט קיין געפילטע פיש, מיינט דאָס שוין אויך, ניט קיין

כריין, קיין זויערע אוגערקע, קיין רומעניש פעפערל״. „דאָן״, זאָגט ער מיר, „קיין קניידלעך, לאָקשן־קוגל, כרעמזלעך, קרעפּלעך״. אַ שטיקל גליק, וואָס לאָקשן מיט קעז, מצה־לאַטקעס און הערינג האָט ער מיר איבערגעלאָזט, ווייל דאָס האָט ער גראָד ניט דערמאָנט . . . יאָ, שיעור ניט פאַרגעסן, „איר דאַרפט האָבן״, זאָגט ער מיר, „פרישע לופט, זונשיין, פאָרט אין „קאַנטרי״.

איצט שטעלט אייך פאָר: איך בין שוין דאָ אין דעם האָטעל די צווייטע וואָך, צאָל מיר פינף־און־זעכציג דאָלאַר, חוץ „טיפּס״, און אַלע טאָג פיש, קיינדלעך, לאָקשן־קוגל; און איך — דאַרף קוקן און קרעכצן ווי אַ הון, וואָס שטייט ביים וואַסער, אַלע שווימען און זי שטייט און קוואָקעט . . .

איר הערט, איך בין די ערשטע זיבעציג יאָר זיך באַגאַנגען אָן קאַנטריס און וואַקאַציעס. איך וועל שוין אַזוי אויך דורכשטופּן מיין צווייטן זיבעציגער . . . אויף ניט עסן, קאָן איך זיך שוין פאַרלאָזן אויף מיין באָס און אויפ׳ן דאָקטאָר . . . אָבער צו־וואָס זיך נאָך שלעפּן אין קאַנטרי, שלאָפן „במזומן״, צאָלן פינף־און־זעכציג דאָלאַר אַ וואָך, חוץ „טיפּס״, און קוקן ווי אַנדערע עסן. איך פרעג אייך? . . .

איז ווער ס׳איז מיר מקנא מיין וואַקאַציע זאָל שלאָפן מיט מיין „טריאַ״ און קוקן ווי יענער עסט . . .

טאַטעלעך מיינע!...

פאַראַן מענטשן, וואָס לעבן „אַ גוטן טאָג״ און וואַרטן ניט מ׳זאָל זיי דאָס צוטיילן. יעדער טאָג פון יאָר איז ביי זיי יום־טוב. איינער אַרבעט פאַר זיי. איינער קאָכט פאַר זיי, באַקט פאַר זיי. מ׳ציילט אפילו דאָס געלט פאַר זיי . . .

אָבער דער אָרעמער טאַטע דאַרף וואַרטן אויף אַ גוטן טאָג מיט דעם ספּעציעלן נאָמען „פאָטערס־טאָג״. און ווי זאָגט מען, אַ חיי־שעה איז אויך גוט, אין אַ פינצטערע נאַכט איז אַ פייער־פליגעלע אויך אַ שטיקל באַלייכטונג...

איז אָבער די מעשה, אַז דער איינציגער טאָג וואָס מ׳טיילט שוין צו דעם טאַטן, גייט אים אויך ניט איין.

ס׳איז שווער, קינדערלעך, צו זיין אַ טאַטע — כמעט אַזוי שווער ווי צו זיין אַ מאַמע. דער מאַמען איז אָבער פאָרט בעסער, גרינגער. ווען דער מאַמען דריקט עפּעס אויפ׳ן האַרצן, גיט זי אַ דריק די אויגן, אַ נעם דעם

ברעג פאַרטוך אין האַנט און — ס'איז איר שוין גרינגער . . . אָבער אַ טאַטן ? אַ טאַטן דריקט אונטערן לעפעלע, קוועטשט אונטערן האַרצן, פאַרדריקט ער, פאַרקוועטשט ער אין זיך און גייט אַרום אַן אָנגעלאָדענער, וואַרטנדיג אויף אַ „פאָטערס־טאָג", וואָס זאָל אים אויפמונטערן, אויפלעבן, געבן אים אַ נייע נשמה . . .

יאָ, ס'איז שווער צו זיין אַ טאַטע, זאָגט מיר אַ טאַטע, ווייל צייט איך בין אַ טאַטע, האָב איך נית קיין רואיגן טאָג, אפילו ניט אין „פאָטערס־טאָג"...

און ווי קאָן דער טאַטע זיין רואיג, ווען די זעלביגע חברה, וואָס נעמען צו די טאַטעס דאָס ביסל געזונט אין די פאַבריקן, דריקן פון זיי אַרויס דאָס שווייס און בלוט פאַרגינען ניט דעם טאַטן דאָס ביסל פאַרגעניגן אפילו — פון זיין אַ טאַטע . . .

איז דאָס קינד אין הויז, ווייטיגט שוין דאָס האַרץ פאַר'ן מאָרגן, וואָס וועלן די מלחמה־מאַכער מאַכן פון קינד ? איז דאָס קינד שוין אין דער אַרמיי, בלוטיגט שוין דאָס האַרץ פאַר'ן היינט . . . ווער ווייס, וואָס פאַר אַ טעלעגראַמע, עס קאָן נאָך אָנקומען צום „פאָטערס־טאָג" ? . . .

אַזוי פאַרשווינדן אַמאָל גוטע טעג ווי מינוטן און שווערע טעג שלעפּן זיך ווי יאָרן . . .

דערפאַר איז כאַטש איין גליק פאַראַן ביים פאָלק, וואָס דער רייכער קאָן דאָס פאַר קיין געלט ניט קויפן. דאָס פאָלק קאָן אויסלאַכן זיינע צרות.

לייג איך צו אַן אויער צו רעדל מענטשן, וואָס האָבן כאָטש דעם געננוס פון הערן אַ וויץ אָדער זאָגן אַ וויץ אויפ'ן חשבון פון „פאָטערס־טאָג".

זאָגט איינער : איך וואַרט שוין אויפ'ן פאָטער־טאָג ווי די מאַמע אויפ'ן טאַטן. איך ווייס, אַז אין „פאָטערס־טאָג" וועל איך האָבן אַ מיטאָג ווי אַ באַנקעט און וועל ניט דאַרפן וואַשן די געשיר . . .

אַ צווייטער שפּאַסט : קיין געלט צו לאָזן ירושה האָב איך ניט, נאָר — אויב איך וועל ציען ביז פינף־און־זיבעציג יאָר, וועל איך לאָזן אַ ירושה פון מיינע „פאָטערס־טעג", אַ פופציג שניפּסן, צוואַנציג פּאָר פּאַדזשאַמעס און אַ צען פּאָר שטיק־שיך . . .

כאַפּט אונטער אַ דריטער : די ליולקע, וואָס איך האָב געקראָגן צום „פאָטערס־טאָג", איז זייער אַ פיינע. נאָר וואָס דען ? דער דאָקטאָר האָט מיר אָנגעזאָגט, אַז אויב איך וויל, אַז די קינדער זאָלן האָבן אַ טאַטן מוז איך אויפהערן רויכערן . . .

ביי אַ צווייטן רעדל פון אַרבעטלאָזע מענטשן, איז אויך געווען די טעמע „פאָטערס־טאָג".

דערציילט איינער, אַז שוין דריי חדשים צייט, ווי ער דאַרף זיך שטענדיג אונטערהאַלטן די הויזן, ווייל די גומי־לאַסט פון זיינע שלייקעס האָט זיך אָפּ־געצויגן און ער ווייס, אַז זיין טעטערל וועט אים שוין ברענגען אַ פּאָר נייע שלייקעס, ווייל זי טוט שוין אַזוי צייט זי איז אַלט געוואָרן אַכצן יאָר: אַלע יאָר אַ פּאָר שלייקעס צום „פאָטער־טאָג".

טראַכט איך, זייער סימבאָליש, אַז די קינדער זאָרגן זיך ניט נאָר אויפ־צוהאַלטן דעם טאַטן, נאָר — אפילו די הויזן.

דערציילט ער ווייטער, אַז גראָד היינטיגן יאָר, האָט זי אים געבראַכט אַ פלעשל מיט האָר־טאָניק צום „פאָטערס־טאָג". און דערביי ווייזט ער שוין, ווי אַ גאַנצן טאָג איז ער אַרומגעגאַנגען, מיט איין האַנט זיך געגלעט דעם פּליך און מיט דער צווייטער — זיך אַלע ווייל געראַטעוועט די הויזן.

און נאָך איינער דערציילט אַזאַ שפּאַס:

„מיין זונעלע האָט מיר געבראַכט צום „פאָטערס־טאָג" אַ פיינעם טייס־טער, אַ „וואָלעט", ווי ער רופט דאָס. האָב איך מיר גלייך אַרויסגעקראַצט פון קעשענע מיינע דריי דאָלאַר, וואָס איך האָב פאַרמאָגט און האָב עס אַריינגעלייגט פאַר מזל, „גוד־לאַק", ווי זיי זאָגן, אין טייסטער אַריין. איז טאָקע גלייך געוואָרן מזל׳דיג . . .

אַן אייניקל מיינס, זאָל ער מיר געזונט און שטאַרק זיין, און זאָל ער גאָר ניט וויסן פון קיינע מלחמות, גייט אין שולע צו לערנען אידיש. שטעלט ער זיך אַוועק צו דעקלאַמירן פּרצ׳עס אַ ליד און זאָגט דערביי אַזוי: אַזוי ווי ער איז דער טאַטע פון אונזער ליטעראַטור, וועל איך אין „פאָטערס־טאָג" דעקלאַמירן זיין ליד „האָף און גלויב".

וואָס זאָל איך אייך זאָגן, אַזאַ יאָר אויף אונז אַלעמען, ווי ער האָט דאָס פיין געמאַכט. איך בין זיך פאַר אייך מודה, אַז ווען מ׳גיט מיר הונדערט דאָ־לאַר, קאָן איך דאָס ניט אַזוי מאַכן ווי ער, האָב איך אַרויסגענומען אַ דאָלאַר ביל און אים געגעבן צום „פאָטערס־טאָג" אַ מתנה.

דאָס צווייטע אייניקל, האָט געזען, אַז ס׳איז פאַראַן אַ פּאָר סענט צו פאַרדינען, האָט זי מיר גלייך גענומען ווייזן, וואָס זי קאָן. דערציילט זי מיר, אַז אין דער שולע לערנט מען אויך טאַנצן — נאָר אַלץ הייסט טאַנצן! איך זאָג אייך ווען מיינע קריזשעס האַלטן מיר ניט אָפּ, וואָלט איך זיך אַליין אויך צעטאַנצט. זי האָט געפאָכעט מיט די הענטלעך, ווי אַ מלאך וואָלט געפלויגן אין הימל מיט די פליגל.

פאַרשטייט איר דאָך, אַז ס׳האָט מיר שוין געקאָסט אַ צווייטן דאָלאַר ביל. איצט איז צוגעקומען אַ דריטס, אַ קליינס, וואָס גייט נאָך ניט אין שולע,

נאָר לויפט צו אַהין, כאַפּט זיך אַריין מיט די גרעסערע. אַזוי האָט זי זיך דערווייל אויסגעלערנט צו זינגען אַ לידעלע פון די לידעלעך, וואָס מען לערנט דאָרט מיט די קינדער.

מעגט איר מיר גלויבן, „אַז ניט קאַרוזאָ און אפילו ניט יאָסעלע ראָזענבלאַט האָבן אַזוי שיין געזונגען" . . .

דער איד גיט זיך אַ פּאַטש איבער דער קעשענע:

„ווי איר וואָלט דערביי געווען, איך האָב איר אַוועקגעגעבן דעם דריטן דאָלאַר. געשראָקן האָב איך זיך נאָר, אַז דאָס פּיצעלע, מיט וועמען מיין שנור שוואַנגערט, זאָל ניט אַרויסקומען מיט אַ קוויטש און עפּעס בעטן לכבוד דעם „פאָטערס־טאָג", וואָרום דעמאָלט וואָלט איך שוין געדאַרפט אַוועקגעבן טאַקע דעם טייסטער אינגאַנצן" . . .

„נאָר ס'איז אַלץ גוט, — פאַרענדיגט ער, — אַז מ'האָט קינדער און די קינדער האָבן אַ מאַשין, האָב איך שוין ניט געדאַרפט גיין צופוס אַ היים פון מיין טאָכטער, וואו מ'האָט געפראַוועט דעם „פאָטערס־טאָג" יום־טוב. דערצו שטעלט אייך פאָר דעם פאַרגעניגן, וואָס איך האָב געהאַט פאָרנדיג אין דער מאַשין, אַלע דריי אייניקלעך אויפ'ן שויס און די קינדער אַרום מיר".

פון דער זייט האָט אַ טאַטע, שטיל געקרעכצט פאַר זיך:

„איך בין אויך אַ טאַטע, נאָר מיין „פאָטערס־טאָג" איז ניט קיין יום־טוב. מיין טאָג איז אַ יאָר . . . איך וואָלט זייער געוואָלט דערלעבן איבעראַיאָר און צוזאַמען מיט אייך דערציילן מיינע דערפאַרונגען פון „פאָטערס־טאָג" און אויך שפּאַסן פון די מתנות . . . אָבער איין מתנה און אַן ערנסטע, אַ וויכטיגע, מוזן אַלע קינדער ברענגען, און דאָס וואָס עס איז גוט פאַר דער מאַמען, איז אויך גוט פאַרן טאַטן — שלום אויף דער וועלט!"

קורצע אויסצוגן פון אַרטיקלען, וואָס קריטיקער האָבן געשריבן וועגן סעם ליפּצינ׳ס ביכער:

מ. אָלגין (אין דער „מאָרגן־פרייהייט״):

„סעם ליפּצין (אַנקל סעם) האָט זיך גענומען אויספילן די פונקציע פון באַ־אייבפלוסן די מאַסן אינעם קלאַסן־גייסט דורך די מיטלען פון פעליעטאָנען, בילד־לעך, שטיפעריייען, לייכטע לידלעך, מאָנאָלאָגן, וועלכע זייבען דורכגעדרונגען מיט ערלעכן און געדעכטן האַס צו די אונטערדריקער און מיט נאַטירלעכער ליבשאַפט צו די אונטערדריקטע. סעם ליפּצין האָט אַריינגעטראָגן זיין אייגענעם זשאַנר אין זיין שרייבן. ער איז ניט קיין אימיטאַטאָר. ער איז עכט״.

פּ. נאָוויק (אין זיין באַגריסונג, דעם 2טן מאַי, 1942):

„...איך האָב אַלע מאָל געזען און געפילט אין סעם ליפּצינ׳ען דעם געטרייען אַרבעטס־מענטשן, וואָס ווייטאָגט כסדר איבער די עוולות וואָס ווערן באַגאַנגען געגן דעם אַרבעטער. ווייטאָגט מיט אַ וויץ אויף די ליפּן, מיט אַ שמייכל, און וואָס האָט אין די שווערסטע מאָמענטן ניט פאַרלאָרן די זיכערקייט אין דעם זיג פונעם אַר־בעטער־פאָלק. ער איז אַ לעבעדיגער פאָלק־שרייבער, אין וועמענס אַרבעטן עס קלאַפּט דער פּולס פון דער צייט.״

משה כ״ץ („מאָרגן־פרייהייט״, דעם 2טן מאַי, 1942):

„מיר איז שוין ניט איינמאָל ביי אַנדערע געלעגנהייטן אויסגעקומען אָנצו־ווייזן, אַז סעם ליפּצין האָט אַ שאַרף אויג און קאָן באַמערקן אמת־קאָמישע סי־טואַציעס אין געוויינטלעכסטע אומשטענדן, וואו אַן אַנדערן וואָלט גאַרניט איינגע־פאַלן זיי צו זוכן.

„... סעם׳ס איינאַקטערס זיינען זייער אַ גוטער מאַטעריאַל פאַר קלובן: זיי זיינען לעבעדיג, פאַרשפּיצט, סאַטיריש און צייטמעסיג...אַנקלס סעמ׳ס לידער אויף פּאָפּולערע מאַטיוון האָבן אַלע מעלות פון זיין שרייבן: זיי זיינען פּשוט, לעבעדיג, זינגעוודיג, לאָזן זיך לייכט איבער׳חזר׳ן און זיינען צוגעפּאַסט פאַר אַ גרויסן עולם״.

י. ב. ביילין („מאָרגן־פרייהייט״, 5טן נאָוועמבער, 1946):

„... סעם ליפּצינ׳ס אַ הומאָריסטישע סצענקע איז ווי אַ העלער אויפרייס אין אַ שווערן וואָלקן. יעדער פונק איז ווי אַ לאָמטערן. זיין טראַגישע דערציילונג וועט רירן דעם פאַרהאַרטעוועטן, פאַרמאַזאַליעטן אַרבעטער און אַרויסרופן אין אים אַ נייעם צאַפּל פון געפילן און געדאַנקען. זיין אַפאָריזם וועט אים אויפּטשוכען, זיין וויץ וועט אים דורכדרינגען. ער איז פאַלקסטימלעך און פאַרדיולעד״.

„... ליפּצין האָט אונז אויך געגעבן אַ בוך, וואָס באַקענט אונזערע קינדער מיט די שאַטנהאַפטיגע, ווי אויך ליכטיגע, זייטן פונ׳ם אידישן אַרבעטער־לעבן.״

דר. א. מוקדוני (אין „מאָרגן־זשורנאַל״):

„סעם ליפּצין איז אָבער אַריין אין פּאַרטייאיש לעבן מיט אַלע זיינע חושים און האָט די פּאַרטיי־מלחמות פאַרפאַלקסטימלעכט. ער האָט פון זיי אַראָפּגענומען די טיף־טעאָרעטישע הויט און האָט זיי געגעבן אַ לייכטע פאָלקסטימלעכע בייזקייט, וואָס איז אַ סך ליבער, נעענטער און טייער צום האַרצן״.

מ. ראַטושני („די פאָלקס־שטימע״, אַרגענטינע, 18טן אַפּריל, 1943):

„ער איז אי שלום-עליכם׳דיג, אי „טונקדיג״, אי איינגנאַרטיג, „קוועק-זילבערדיג״, מיט אַזעלכע איינפאַלן ווי: „אַ דאַך אויפ׳ן קאָפּ איז שלעכט; אָבער אַ דאַך איבערן קאָפּ איז ניט שלעכט״. ביי אַזעלכע שטעלן ווייזט ער אַרויס אַ שלל מיט פאָלקסטימלעכקייט אין דער שפּראַך און אַמכאָדיגקייט אינעם סאָציאַלן אויסטייטש פון די הומאָריסטישע איינפאַלן. ער איז איינער פון די פלינקסטע און שאַרפזיניגסטע פעליעטאָניסטן אויף אידיש ביי אונז זינט שלום-עליכם.

„דער עיקר, גיבן מיר צו, ער איז אַן עכטער פאָלקס-דיכטער״.

פּ. קאַטאָווסקי („היינט״, אַרגענטינע, 11טן דעצעמבער, 1949):

„... ליפּציג׳ס בוך איז אַ קוואַל פון מאַטעריאַל פאַר שוישפּילער און דראַמקרייזן. ער איז אַ מזל-ברכה פאַר רעציטאַטאָרס און קולטור-אונטערנעמונגען. עס איז פאַר־טיקער מאַטעריאַל, וואָס בעט זיך ממש: נעם און רעציטיר מיך! ס׳איז לעבעדיג און שפּילעוודיג. ס׳איז קרומער שפּיגל. דער עולם וועט לאַכן — אָפטמאָל פון זיך אַליין און — ניש׳קשה — אויך עפּעס לערנען.

כאַוּוער־פּאַוּוער (אין דער „מאָרגן־פרייהייט״):

„... איך האָב שטאַרק הנאה פון סעם ליפּציג׳ס מעשה׳לעך. זיי זיינען אַזוי פּשוט, פאַרכאַפּנדיג ... זיי האָבן אַ גרויסן ווערט, ווייל דאָס זיינען שאַפּ-מעשיות, וואָס קיינער האָט זיי נאָך ניט באַריַרט אויף אַזאַ אופן ווי ליפּצין טוט דאָס.

„... סעם ליפּצין איז דער ערלעכער האָראָפּאַשניק מיט דעם טאַלענט פון אַ פאָלקס-זאָגער, אַ פרייליכער פאָלקס-זאָגער, פון דער משפּחה הערשעלע אסטראָפּאָליער, וועלוול זבאַרזשער און אַנדערע.

„און כדי צו זיין אַ פאָלקס-זאָגער, מוז מען פאַרמאָגן אַ סך וואַרעמשאַפט און ליבשאַפט פאַר׳ן פאָלק, און ליפּצין פאַרמאָגט דאָס.״

יעקב מעסטל (אין „יידישע קולטור״, מערץ, 1949):

„סעם ליפּציג׳ס פאַך איז הומאָר. אָבער דער עכטער קאָמיקער, האַלטן טעאַטער-מענטשן, איז אויך צוגלייך אַ טראַגיקער. טרעפט איר צווישן זיינע לייכטע שפּי־לערייען פיגורלעך און סיטואַציעס, וואָס רירן אייך מיט זייער טראַגיקאָמיק ביז ווייטיג. אין זיין שרייבן, ווי אין זיין נאַטור, ליגט אַ ניצוץ פון אַ סאַטיר — האַלב-ערנסט, האַלב-שפּאַסיג. ליפּצין איז שטענדיג אַ שמייכלדיגער; אָבער אין זיין שמייכל טליעט ערגעץ-וואו אַ פאַרבאָרגענער צער. איז זיין הומאָר שטענדיג אַדורכ־געזאַפּט מיט עפּעס אַ טיפן ערנסט, ווי ער וואָלט וואָרענען: ניט שטענדיג קאָן מען לאַכן! ...

ז. וויינפּער (אין „יידישע קולטור״, אָקטאָבער, 1951):

„פאַראַן אַ היפּשע מאָס גוטמוטיקער קאָמיזם אין דעם אופן, ווי סעם ליפּצין (אין „אַמאָל איז געווען״) ווייזט אונדז אָט דעם פּעריאָד, און עס איז אָט דער גוטמוטיקער קאָמיזם, וואָס דערוואַרעמט שטאַרק אייער האַרץ צו דעם מענטש סעם ליפּצין, וואָס איז אַליין געווען אַ טייל פון אָט דעם שוידערלעכן פּעריאָד, אַליין געווען נישט איין מאָל איינער פון די, וואָס זיינען געשטאַנען אויפ׳ן חזיר-מאַרק און געוואַרט, אַז עמעצער זאָל קומען קויפן זיינע יונגע הענט, און דאָך אַזאַ גוטמוטיקייט און אַזאַ אויג פאַר׳ן קאָמישן און דעם גאַנצן שוידער פון יענעם פּעריאָד.

(שלוס — לעצטע זייט)